STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05117

DI SHTUB

Eliezer Olei

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Leo & Barbara Karas
in memory of
the Karas Families of Krupa & Dombrovitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר אָלעי / נאָוועלן

מײַן [illegible] פּנחס [illegible]
[illegible]
רמת גן ד' טבת, [illegible]
[illegible]

אליעזר אָלעי

די שטוב

נאוועלן

אַרויסגעגעבן דורך פאַרלאַג „איינגס״, תל־אביב

1959

אליעזר אָלעי / נאָוועלן

ELIEZER OLEI / N O W E L N

כל הזכויות שמורות למחבר

נדפס בישראל

Printed in Israel 1959

דרוקעריי „אורלי״, רח׳ יסוד המעלה 27, טעלעפאָן 32062, תל־אביב

די שטוב
(קאפּיטלען)

א

ר ב ק ה

די וואָליער גאַס איז געלעגן אַ שטילע, האַלב פאַרדרימלטע. אירע הייזער — אָרעמלעכע, קליינע, געטינקעוועטע, מיט ווייניק קראָמען און כמעט אָן גבירישע מענטשן. אירע איינוווינער — די אָרנטלעכע אָרעמקייט. דאָרט האָט זיך אויך געניסטיקט די פרומע יידישקייט: די שול, דאָס בית־מדרש, די חסידים־שטיבלעך און אַנדערע כלי־קודש.

אין די בייטאָגן איז דאָ געווען שטיל, אָן האַוועניש, אָן טומל, צָן סימן פון מאַרקישן האַנדל־וואַנדל. אירע איינוווינער יגיע־כפּימניקעס רויק זיך באַשעפטיקנדיקע מענטשן, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט זייער שטיקל ברויט מיט ערלעכע מי, מיט שוויס — האָבן איר רו מיט גאָרנישט געשטערט; אין איין שטוב האָט זיך פרידלעך געשטעפּט אַ ניי־מאַשין. געשטעפּט העמדער, איבערצוג, געשפּיצלטע וועש — אויסשטייערן פאַר כלות; אין אַ צווייטער שטוב האָט זיך געבאַקן ברויט, אין אַ דריטער האָט געטענצלט אַ שוסטער־העמערל פריילעך איבער אַ פאָדעשווע, אין אַן אַנדערער נאָך האָט הייזעריק געקרעכצט אַ בלעכער־שער איבער בלעכענע כלים, אין נאָך אַן אַנדערער האָט געסיקעט אַ שווער שניידעריש פּרעס־אייזן איבער גראָבן פויערישן געוואַנט און אין נאָך, נאָך אַן אַנדערער האָט מאָנאָטאָן צוגעקלאַפּט צום טאַקט אַ הילצערנער וועב־שטול — אַלץ אַזעלכע היימישע ערלעכע פּרנסות, אין די אייגענע פיר ווענט, וואָס האָבן ווייניק צו טאָן מיטן טומעלנדיקן דרויסן, מיט געקריגערייַ, אַפּנאַרערייַ, מיט קנאה, שנאה.

אין דער דאָזיקער וואָליער גאַס האָט זיך געפונען רבקה פּראַדלס שפּייז־געוועלבל. דאָס הייזל איז געשטאַנען איינגעפּרעסט צווישן צוויי אַזעלכע גלייך ענלעכע הייזלעך, וואָס אַלע דריי האָבן זיי געהאַט איין אויסזען, ווי אַ געבוירענער דרילינג... די געוועלב־טירן קרימלעך אויסגעלענט, זענען געהאָנגען צום דרויסן ווי צוויי האַלב אָפּגעריסענע פליגל; און ווייל ס׳איז קיין פענצטער אין וואַנט נישט געווען איז דאָרט תמיד געווען האַלב טונקל ווי אין אַ קאַמער. ערשט ווען די זון האָט פאַר אָנבייסנס־צייט, צוגענענט האַרט צום שוועל, באַגאָסן דאָס ביישטידל מיט איר גאָלד צעפּלייצטן ליכט, האָט זיך אויך אַביסל באַליכטיקט איר אינגעווייד. פאַר די אויגן האָט זיך דעמלט אָפּגעשיילט אַן ענג אָבער פול אָנגעפּאַקעוועט כל־בו קרעמל, אָנגעהויפט מיט זעקלעך, פעסלעך, קעסטלעך; אַרום די ווענט, פאַכן פאָליצעס — אָנגעשטאָפּטע מיט פּאַפּירענע בייטלען, שקאָרמיצן, בלעכענע פּושקעס, ביקסן, אין וועלכע ס׳האָט זיך געפונען פון כל טוב: צוקער, רייז, בעבעלעך, קאַשע, גרויפּן, קאַווע, טיי, פעפער, וואַניליע, ביטערע מאַנדלען, זיסע מאַנדלען. גרויסע העלע און קליינע שוואַרצע ראָזינקעס. געטריקנטע פלוימען, געטריקנטע שיפּטאַלן. צימערינג, אינגבער, ענגליש געווירץ און נאָך אַנדערע בשמים, וואָס האָבן פאַרשמעקט דעם קליינעם קוואַדראַט. דאָס געוועלבל איז געווען גרויס דלת על דלת, קוים זיך אויסצודרייען. אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט גאָרנישט געפעלט, אַלץ איז געווען צו באַקומען. און האָט אַ באַלעבאָסטע געמאַכט אַ גרויסן ערב שבתדיקן איינקויף, איז זי נישט אַוועקגעגאַנגען עס זאָל איר עפּעס צופעלן, זי זאָל באַדאַרפן גיין ערגעץ אַנדערשוווּ צוקויפן. ניין. אויף דעם האָט רבקה די קרעמערין שוין גוט געזאָרגט.

רבקה איז געווען אין איר בעסטן עלטער, אַ קרעפּטיק פעסט געבויטע יידענע, אַ הויך געוואקסענע, מיט א געבענטשן כוח. פון איר געזונטן גוף האָט געשטראָמט אַ קוואַל מיט ענערגיע, מיט פלייס, וואָס האָבן זי געטריבן, ווי דער טייך, דאָס מילראָד, אין אַ כסדרדיקער באַוועגונג. אירע הענט האָבן נישט גערוט קיין איין מינוט אין טאָג — האָבן געוויגן, געמאָסטן, גערעכנט, גענומען געלט, געגעבן געלט, איינגעקויפט, פאַרקויפט און אין דער פרייער צייט נאָך אַ קוק געטאָן אויך צום טאָפּ.

חיים בינעמען דעם מאַן האָט מען דאָרט אין קראָם נישט געזען. זיין אָרט איז געווען אין בית מדרש, אָדער אין חסידים־שטיבל, ווו ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט תורה ועבודה. רבקה איז געווען די זייל אויף וועלכן ס'האָט זיך געהאַלטן דאָס הויז. זי האָט געהאָרעוועט, אויסגערעדט זיך ס'האַרץ מיט די קונים, געוואָרן אויסגעריסן, שלעפּנדיק זיך אויף איטשע ביקס פראַכטוואָגן, אַ נאַכט מיט אַ טאָג, אהין און צוריק נאָך לאָדזש פון ווו זי האָט געפירט דעם איינקויף. אהיימגעקומען אין שפּעטן אָוונט, אַ מידע, אַן אָנגעהאָרעוועטע, האָט זי זיך נישט אָוועקגעלייגט אָפּרוען, נאָר זיך אַוועקגעשטעלט ערשט אויף אַ האַלבע נאַכט אין געוועלב, אויפּפּאַקן, איינסדרן, איינשטעלן די סחורה און צומאָרגנס אין באַגינען ווידער אויף די פיס אין קראָם, ווידער אָפּהאָרעווען אַ לאַנגן טאָג ווי אַ יאָר.

רבקה האָט דאָס אַלץ גענומען פאַרליב. זי האָט צו קיינעם נישט געהאַט קיין טענה. צום מאַן אוודאי נישט. זי האָט חתונה געהאַט און געוווּסט פון פריער וואָס זי נעמט אויף זיך פאַר אַן עול. נאָך פאַר דער חתונה האָט ער איר צוויסן געטאָן, אַז ער, איר צוקונפטיקער באַשערטער וויל זיך אָפּגעבן נאָר מיט לערנען און זי איז דערויף איינגעגאַנגען. דערביי האָט זי אויך געוווּסט, אַז איר מאַן פּאַסט זיך אינגאַנצן נישט אַריין אינעם האַנדל — זיך אָפּגעבן מיט ווייבער קונהטעס, רעדן צו זיי, דערלאַנגען זיי די סחורה, נעמען פון זיי געלט, געבן אַ רעשט. און אויב פאַרטרעט ער זי יאָ אַמאָל אין אַ נויטפאַל קומט אויך דערפון גאָרנישט אַרויס. ער איילט זיך, ווערט צעטומלט, פאַרבייט דעם פּראָדוקט, דערוועגט נישט, פאַרשיט, פאַרגיסט, און אַז ער רעדט דאַכט זיך אויס, ער שרייט אָן און די ווייבער האָבן פאַריבל.

ניין, ער איז נישט געווען צוגעפּאַסט צו דער קראָם. זי איז עפּעס אַנדערש. זי איז פון תמיד אָן, פון קינדווייז נאָך, געוווינט צו דער שווערער אַרבעט, צו האָרעוואַניע. זי האָט תמיד געשלעפּט נאָך אין איר גאָרער יינגקייט, די משא מער פון אַלעמען. אין דער היים ביים טאַטן אין דער בעקעריי, האָט זי געאַרבעט שווער ווי אַ מאַנצביל. געשטאַנען אין די נעכט ביי דער בייט און פאַרקנאָטן אַ חלה־טייג אַ פינף פּודיקס, נישט ערגער פון דעם בעקער־געזעלן דעם געלן וועלוול, וואָס איז געשטאַנען ביי דער אַנדע־

רער בייט און פאַרקנאַטן דאָס ברויט. שטייענדיק און פלעכטנדיק די גרויסע פויערישע שטריצן פאַרן מאָרגנדיקן מאַרק־טאָג, איז איר אויפגעגאַנגען אויפן זינען איר לעבן. זי האָט געטראַכט, אַז אַנדערש פון די איבריקע שוועסטערן, איז זי געבוירן אַזאַ שווערע, ריזיקע און טאַקע ווי פאַר דער שווערער אַרבעט, און זי מוז דאָס די אַלע לאַסטן טראָגן אויף אירע אויסגעהאַרטעוועטע פּלייצעס. פאַרוואָס איז דאָס פּונקט אויף איר גורל אַזוי אויסגעפאַלן? זי האָט דאָס זיך נישט געקאָנט דערקלערן.

שטייענדיק אין איר פאַרטראַכטקייט, האָט זי אין איינוועגס אויך געוואָלט אַ טרעף טאָן איר ווייטערדיק מזל: ווער וועט דאָס זיין איר באַשערטער? וועט זי נאָך דער חתונה אויך אַזוי שווער האָרעווען? אויך אַזוי אָפּפינצטערן די נעכט ביי דעם צוגעגעסענעם „זויער", ביי דעם שטענדיקן מישן דאָס קלעפּיקע טייג? און אפשר וועט איר מאַן גאָר זיין אַ סוחר און איר וועט דאָס לעבן ווערן לייכטער? און אפשר אַנדערש, זי וועט קריגן אַ חתן דוקא אַ בעקער און שטיין ווי איצט ביי דער בייט? און אפשר נישט, טאַקע אַן אַנדערער ווי למשל... זי האָט זיך נישט געקאָנט דערטראַכטן —

האָט איר דאָס מזל גאָר צוגעשיקט אַ לערנער, אַ שטיבל־זיצער.

נישט לייכט איז איר געווען איינשטימען אויפן שדוך. זי האָט זיך לאַנג געוואָקלט, געראַנגלט זיך מיט דער דעה. זי האָט נישט געוווסט ווי דאָס לעבן וועט זיך איינשטעלן מיט אַזאַ איינעם. איר טאַטע איז אויך אַ פרומער, היט אָפּ די יידישקייט, דאַוונט, לערנט, היט פרום דעם שבת, אָבער אַ גאַנצע וואָך איז ער פאַרהאָרעוועט אין דער פּרנסה, זאָרגט וועגן דער שטוב, וועגן הויזגעזינט, און יענער וויל זיך גאָר אַוועקזעצן אויף אַ גאַנצן טאָג און לערנען. און פונוואַנען וועט מען נעמען צום לעבן? וועט זי קאָנען אַליין באַשפּייזן די שטוב? און פאַרוואָס זאָל זי אויף זיך נעמען אַזאַ עול? זי איז נישט איינגעגאַנגען.

איר איז אָבער שוין מיאוס געווען דאָס איבערגעשטאַנענע מיידלשע לעבן. עס איז איר מיאוס געווען דער שטענדיקער מעל־שטויב — דאָס שטענדיקע קנעטן, דאָס שטענדיקע פייער אין אויוון, דאָס אויפזיין אין די

נעכט, די נישט דערשלאָפענע טעג — די געלאַשענע יאָרן אָן פרייד. זי האָט געבענקט נאָך עפּעס אַנדערש, נאָך זיווג, נאָך אַ זיסע אָפּוועקסלונג, נאָך אַ פריילעכע ענדערונג אין איר פאַרשטילטער וועלט.

נאָך אַ לענגער פאַרטראַכטן זיך, האָט זי צום שדוך גענומען ווערן גענייגטער. ס׳האָט איר גענומען שמייכלען, וואָס מען רעדט איר גאָר אַ חתן אַ לערנער און נישט עפּעס אַ פּראָסטאַק, אַ גראָבן יונג, אַ בעקער־געזעלן, אַ שוסטערוק, אָדער אַ שניידערוק. אַזאַ איינער וואָלט זי זיכער שלעכט באַהאַנדלט, גראָב פאַרגעקומען. וואָס, אַזאַ שיינע איז זי. אַזאַ איינגעגעבע־נע? יענער איז עפּעס אַנדערש — אַ לערנער! ער מוז זיכער זיין אַ פיינער מענטש, אַן אָנשטענדיקער. זי וועט ביי אים גוט האָבן. אפשר נאָך כבוד אויך. זי האָט מסכים געווען צום שדוך.

נאָך דער חתונה האָט זי זיך צו אים צוגעקוקט. זי האָט געזוכט זיין פריינטשאַפט, זיינע לאַסקעס, די, פאַר איר מיטגעבערענגטע אויפריכטונג. זי האָט געזען, ער איז אַ געזונטער, קרעפטיקער מענטש, גאַרנישט ווי די אויסגעווייקטע קעסט־יינגעלייטלעך וואָס לויפן דאָ אַדורך די גאַס אין די בייטאָגן אין בית־מדרש אַריין און עס האָט זי געוווּנדערט וואָס אַזאַ איינער וויל בכלל זיך אָפּזונדערן, אַוועקזעצן זיך אין די טונקעלע בית־מדרש־ווענט אויף אַ גאַנצן טאָג און נישט נעמען זיך ליבערשט צו עפּעס אַ האַנדל, אַ טואונג, ווערן אַ סוחר, דערגרייכן צו עפּעס.

סייווי, זי איז געווען געדולדיק, אויסגעוואַרט. ווידער געשטאַנען ביי דער בייט, געהאָרעוועט איצט מער — פאַר צוויי. אים געקאָרמעט. אַצינד איז זי שוין געשטאַנען אָן חלומות, אָן קאָפּ־בלאָנדזשעניש, געטראַכט וועגן דער וואָר, וועגן איר ניי לעבן, וועגן אים דעם מאַן, וואָס איז נאָך פאַר איר אַ רעטעניש, וועגן אַ סך זאַכן וואָס זענען איר נאָך נישט אינגאַנצן אויפגעקלערט.

זי האָט אויך געוואָלט דערגיין, וועגן זיין ליבשאַפט צו איר. זי האָט געהערט אין שטוב אָפּטערס דערמאָנען: יוסף צוקער־בעקער, זייער שכן האָט ליב דאָס ווייב, באַהאַנדלט זי גוט, זי האָט ביי אים אַ גוט לעבן... און וואָס דאָס ליב האָבן און גוטע לעבן באַשטייט, האָט זי נישט ריכטיק באַנומען. זי האָט געטראַכט: ער מוז זי לאָזן לענגער שלאָפן אין די פרימאָרגנס...

ער לאָזט זי אויסרועָן... ער מוז איר אפשר אויך דערלאַנגען טיי אין בעט... ער מאַכט מיט איר אַ פריילעכן געלעכטער... זי האָט אויך דערוואַרט אַזעלכעס. זי האָט אָבער גאָרנישט געזען. קיין גרויסע ענדערונגען איז אין איר לעבן נישט פאָרגעקומען. דעם מער־סטנטייל טאָג איז ער נישט געווען אין שטוב. אַהיימגעקומען האָט ער זיך צוגעזעצט צום טיש, ווייניק גערעדט, געווען צעטראָגן. אָפטמאָל בלאַסלעך, ווי ער וואָלט דאָרט אין בית־מדרש געווען אָפגעטאָן זער אַ שווערע אַרבעט. זי האָט אים אָנגעקוקט פאַרווונדערט: וואָס טוט ער אַזעלכעס דאָרט, וואָס ער פילט זיך אַזוי מיד? קומט דאָס פון לערנען? זי האָט נישט געהאַט קיין אַנונג און נישט געהאַט די דרייסטקייט אים צו פרעגן. שטיל האָט זי אים דערלאַנגט צום טיש דאָס עסן. צוגעבערענגט דעם טעלער, אַוועקגעשטעלט האַרט פאַר אים, מיט איר האַנט אַזש אָנגע־רירט זיין יונגע, אָבער שוין פולע באָרד. אויסגעוואַרט ער זאָל צו איר עפּעס רעדן. ער האָט געשוויגן. אויפגעהויבן נאָר די אויגן, זי אָנגעקוקט, אַזוי ווי זי באַטראַכט, און אַ וואַרעמקייט איז אַראָפּגערינען פון זיינע אַפּלען אויף איר. ער האָט אָבער גלייך דעם בליק צוריקגענומען, אַראָפּגעלאָזט צום טיש. זיך פאַרנומען מיט דער מאָלצייט. אין איר האָט ער ווי פאַרגעסן. אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט, אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן פויסט, געשלאָסן די אויגן און גערוט אַזוי אַ ווײַלע. דערנאָך האָט ער זיך אויפ־געוועקט, זיך אויפגעשטעלט און ווידער אַוועקגעגאַנגען צו זיין לערנען. און ווידער איז זי געווען איינזאַם אַליין.

נאָכן ערשטן קינד, האָט זיך דאָך עפּעס געביטן צום בעסערן. ער איז געוואָרן צו איר נענטער, אויפמערקזאַמער. ווייניקער קאַרג אויפן וואָרט, ער האָט אויך גענומען מער פאַרזוימען אין דער היים, איר דער־לאַנגען, צו העלפן אין עפּעס. געהייסן האָט עס, ער געווינט זיך צו מער צו דער שטוב. זי האָט אים דערלאַנגט דאָס קינד אויף די הענט. ער האָט זיך איינגעקוקט אין פנימל, אין די אייגעלעך און זיין טאַטעס פנים האָט זיך צעלאַכט מיט אַלע זיינע קנייטשן. ער פלעגט אַמאָל אַריינפאַלן אויך אין אַן אויפדערנאַכט צום שווער אין דער בעקעריי, זי אַהיימשיקן צום קינד און אַליין נעמען דאָרט צו העלפן אין דער אַרבעט.

רבקה האָט אים איצטער מער אָפּגעפּילט לעם זיך. זי האָט אַרויס־געפּילט די שטילע צערטלעכקייטן, וואָס ער האָט פאַרשטעלטערהייט איר אַרויסגעוויזן. זי האָט געהאַלטן אַז דאָס האָט דאָס קינד מיט זיך מיטגע־בּרענגט די בעסערע מערכה, די ליבשאַפט און האָט זיך צוגעאיילט האָבּן אַ צווייטס... אַצינד, האָט זי געטראַכט, איז די ריכטיקע צייט אַרויס פון טאַטן, אַוועקשטעלן פאַר זיך אַליין דאָס לעבן. זי האָט אָפּגעדינגען אין שכנות, אַ געוועלבל, עס איינגעאָרדנט ווי געהעריק, מיט דער האָפענונג, אַז אויך דער מאַן וועט זיך מיט דער צייט אַריינטאָן אינעם מסחר. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן. ווי פריער, געווייכט פון אַלעם וואָס האָט צו טאָן מיט האַנדל. אים האָט געצויגן צו די ספרים, צו די אייביקע בלע־טער. זעענדיק אירע שוועריקייטן, איר האָרעוואַניע, ביים אַהיימקומען האָט ער זיך פאַרשעמט, געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, זיך פאַר איר מתנצל געווען: זי זאָל נישט מיינען, ער טוט דאָס, ווייל ער וויל פון זיך אַראָפּ־וואַרפן דעם עול. ניין, אים איז דאָרט אויך נישט לייכט, אַפילו שווער, אפשר נאָך שווערער... נאָר ער קאָן נישט אַנדערש. דאָס איז זיין לעבן, זיין חיות, אָן דעם האָט ער נישט קיין שום אחיזה. זי האָט נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט דערמיט, פאַרוואָס אים איז אַזוי שווער און פאַרוואָס עס ציט אים דאָך אַזוי אַהין. זי האָט אָבער געזען, זי קאָן נישט אַנדערש מאַכן, זי קאָן גאָרנישט ענדערן און האָט שלום געמאַכט, האָט אויף אים מוותר געווען און אַליין זיך איינגעשפּאַנט אינגאַנצן אינעם יאָך.

II

און דער יאָך וואָס רבקה האָט געטראָגן אויף זיך איז געווען גרויס און שווער — אַ מידיקער קאַמף פון פרימאָרגן ביז שפּעטער נאַכט. אויף וואָס האָט זי אַלץ נישט געהאַט צו זאָרגן, דעם קאָפּ זיך אויסצושוואַכן: אויף סחורה פאַר דער קראָם, אויפהאַלטן די קונים, איינמאָנען חובות, אָפּצאָלן חובות, איינשאַפן דאָס ביסל פּראָדוקטן פון דער גרויסער שטאָט צו דער צייט און אויך די זאָרג ס'זאָל וועך פון די קונדן נישט פאַרגלוסטן

זיך אַוועקקריכן אין אַן אַנדער געוועלב, ווו מען קריגט פאַר אַ גראָשן ביליקער און דערמיט פאַרלירן אַ קונה. עס האָט איר געגעסן די מורא פון די קלאַנגען וואָס האָבן זיך געטראָגן אין שטאָט, אַז דוד יעקב שקליאַרניק, דער עושר, וואָס האָט די אייל־מיל אויסערן שטאָט, האַלט ביים אָפּקויפן דעם ליידיקן פּלאַץ אַנטקעגנאַיבער איר און דאָרט אויפ־שטעלן אַ גרויס הויז מיט אַ גרויס כל־בו־געשעפט און דערמיט איר אַוועק־נעמען דאָס שטיקל פּרנסה...

אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ.

אַ שווערע מלחמה האָט רבקה געהאַט אויך אויסצושטיין פון די גויים, די רשעים, וואָס האָבן זיך דווקא פאַרלייגט אויף איר לעבן. אָט כאַפּט זיך אַריין דער סאַניטאַר־דאָקטאָר מיט אַ פּלוצלינגן וויזיט. רבקה שטייט גראָד און גראַבלט אין הערינג־פּעסל. די הענט זענען איר באַדעקט מיט דער געלער פּעטער ראָסל, ס׳פּנים באַשפּריצט. ער שטעלט זיך אַוועק, באַטראַכט זי און זיינע אויגן שמיצערן מיט בייזן שמייכל: אַהאַ, דיך געכאַפּט... גראַבלסט מיט די בלויזע הענט... ער לאָזט זיך אַריין טיפער, צו די שענקלעך צו, באַשמעקט יעדעס ווינקל, יעדער זאַך, ציט מיט דער נאָז, האָט טענות: ס׳איז נישט ריין, די זעקלעך שפּיז נישט באַדעקט מיט קיין גאַזע, די פּראָדוקטן אויפן טיש, נישט פאַרשטעלט מיט גלעזערנע קלאָשן, און זי אַליין איז נישט אָנגעטאָן אין אַ ווייסער שירץ און כאָטש אויך אין אַ הויב... ווען ער גייט אַוועק, קערט ער ערשט אום דעם קאָפּ, באַטראַכט זי, דראָט: ער וועט איר סוף כל סוף פאַרמאַכן ס׳קרעמל!... אירע צרות אויף זיין קאָפּ! — שיקט זי אים אין דער שטיל נאָך אַ ברכה — וואָס האָט ער זיך אויף איר אָנגעזעצט? אַ גוי האָט נישט וואָס צו זאָרגן!...

זי דערלעבט קוים, ער זאָל זיך שוין אָפּטראָגן.

דער סאַניטאַר־דאָקטאָר איז נישט דער איינציקער. עס זענען פאַראַן נאָך אַנדערע און ערגערע וואָס פּייניקן זי; אָט למשל דער דיק אויסגע־פרעסענער גוי, מיטן גרינעם היטל, דער אַקציזניק, וואָס זוכט ביי איר רק קאָנטערבאַנדע: אַן אָנגעהויבן פּעקל היוון, פאַרבאַהאַלטענע מאַכאָרקע, אָדער עפּעס אַנדערש אַן באַנדעראָל... מיט אים האָט זי אויך נישט לייכט.

ס׳האַרץ פּאַלט איר מער ווי איינמאָל אַרויס, ער זאָל נישט דערלאַנגען צום פאַרשטעקטן אָרט, אַרויסשלעפּן פון דאָרט די „טריפהנע סחורה״...

איצט ווידער דער הויכער גוי, מיט די לאַנגע וואָנסעס און שלעכטע אויגן — דער סעקוועסטראַטאָר, וואָס פאַלט אַריין מיצקעדרינען און וויל אַראָפּנעמען די לעצטע טאָרבע שפּייז פון דער סטויקע, אָדער גאָר דעם לעצטן גילדן אַרויסנעמען פון שיפלעדל פאַר אַ נישט באַצאָלטן שטייער. היינט ווו איז דער „דזשעלניצאָווע״ מיט זיינע „קאַרעס״. דאָ איז דער טראָטואַר פאַר דער טיר נישט אויסגעקערט, דאָ דער ראָוו נישט אויסגעוויסט, דאָ עפּעס אַנדערש — טויזנט גזרות אין טאָג, טויזנט זאָרגענישן. טויזנט מאָל אין טאָג ווי דאָס בלוט טוט געצאַפּט ווערן.

רבקה מוז דאָס אַלץ שלעפּן אַליין אויף אירע פּלייצעס. שלעפּט עס מיט יאָך, מיט חוב, מיט שווערן שטיל־שריטיקן טריט, ווי דער אָקס דעם אַקער אין פעלד.

אין די באַגינענס, מיטן ערשטן שפּראָץ אויפן טאָג, ווען גאָט אַליין שלאָפט נאָך, איז זי שוין אויף. אין שטוב איז נאָך אַלץ פאַרשפּינען אין טיפן שלאָף. ס׳טראָגן זיך די טיף אָטעמענדיקע קולות, אָפּגעריסענע קלאַנגען, פייפענישן, ברומענישן — די זיסע שפּראַך פון לעצט פאַרטוליעטן פאַרטאָגיקן דרימל. זי, רבקה, איז שוין וואַך. אַרומגענומען אין דער באַרכנטענער האַלקע, די פיס אַריינגעלאָזט אין די טיפע טוכענע שטוב־לאַטשן, קריכט זי אַרום אין די ווינקלען. זי שאַרט זיך צו צום פענצטער, בייגט אָפּ דאָס פאַרהענגל, קוקט אַרויס. די דרויסנדיקע וועלט איז נאָך גאָר פאַרשלאָפן, פאַרצויגן מיט לעצטע נאַכט־צויטן איבער די אויגן. די שפּעט־חודשדיקע לבנה וואָס שטייט אויפן הויפל קייגן איר פענצטער, טריפט זיך אויס, ווערט מאַטער, בלייכער. איר אויסצאַנקנדיקער שיין מישט זיך אויס מיטן קוים זיך ערשט דורכברעכנדיקן בליאַסק פון אויפגייענדיקן באַגין און ס׳שאַפט זיך אַזאַ מטושטושדיק ליכט, וואָס עס איז שווער צו באַנעמען צי ס׳איז ערב טאָג, צי ערב נאַכט.

רבקה ווייס יאָ, ס׳איז דער טאָג. זי פילט עס אין דער אויפגעוואַכטקייט פון אירע אברים. דאָס בלוט אין אירע אָדערן איז שוין וואַכיק, דער עול אין מוח — שאַרף. עפּעס זשומענדיקס און ברומענדיקס ריזלט

איבער איר גוף. זי ווייס, דאָס ליכט וועט זיך באַלד שטאַרקן, ווערן קרעפּ־טיקער און אויך זי באַדאַרף זיך צואיילן. זי טוט נאָך אַ לעצטן שאַר מיט די אויגן־וויעס איבערן זיך קנוילנדיקן חלל, לאָזט אַראָפּ דאָס פאָרהענגל און קערט זיך צוריק פון פענצטער.

צוריקגייענדיק, זאַפּן שוין אירע אַפּלען דאָס זיך העלנדיקע אין שטוב. איר בליק פאַלט אויפן מאַנס בעט, וואָס שטייט ביי דער אַטקייגנאיבער־דיקער וואַנט. ער ליגט נאָך אין זיין פעסטן שלאָף, אָטעמט מיט כראָפּיקן אָטעם. זי האַלט אָפּ אויף אַ רגע אירע טריט, באַטראַכט אים אין דער געשווינד. איר בליק גליטשט זיך איבער זיין געדיכט האָריק אָפּגעדעקט האַרץ, וואָס רייסט זיך פון אונטערן צעכראַסטעטן העמד אַפּויער. זיין באָרד איז צעשויבערט, צעפלאָשעט. אויך די פאַרוואָקסענע האָר פון קאָפּ רייסן זיך פון אונטערן קאַפּל אַפּויער. זי פאַרטראַכט זיך אין עפּעס, איך זאַכן וואָס שווימען פּלוצים אומפאַרהאָפט אויף. זאַכן פון פאַרפאַלקישן צוזאַמענלעבן, פון מאַן־און־ווייב־צאַנקענישן, פרייד־און־לייד, וואָס קומען פאַר דער גאַס נישט אַרויס, ווערן פאַרשלינגען אין די היימישע פיר־ווענט. אין איר דמיון בליצט אויף מיט פּיַיליקער שנעלקייט דערמאָנונגען פון פאַרפלאָסענע יאָרן, פון נעכטן און אייערנעכטן... זי וואָלט געהאַט אַ סך דערוועגן צו זאָגן, זער אַ סך! זי האָט אָבער נישט קיין צייט. דער פרימאָרגן רופט, טרייבט אונטער, מאָנט ביי איר, לאָזט נישט פאַרנעמען זיך מיט זייטיקע מחשבות, מיט נאַרישקייטן.

זי טוט אַ שאַר אַוועק מיט דער האַנט אַלץ פון זיך און לאָזט זיך צו דער קאָמאָדע, וווּ עס ליגן אירע ווייבערישע זאַכן. זי וואַרפט אויף זיך אַרויף דאָס שווערע וואַרעמע קלייד, ציט אויף זיך אָן די וואַטענע זשוהאַוועקע, הילט אַרום דעם קאָפּ מיטן פלאַנעלענעם טיכל און פאַרכאַפּנדיק אַ פּאָר שליק טיי, וואָס זי האָט דערוויל אויפגעוואַרעמט, לאָזט זי זיך אַרויס עפענען די קראָם.

אין דרויסן איז נאָך שטיל, לײדיק, מען זעט נאָך קיין מענטש נישט אָן. רבקה לענט אָפּ די טירן. דאָס ליכט, אַ קנויליקס, אַרויס פון תוהו־ובוהו, רייסט זיך אַריין אין שיטער נעפּלדיקן גרוי. די לופט אַ קיל פייכ־טע, אַ תחילת האַרבסטיקע, נעמט אַדורך די ביינער, מאַכט אויפציטערן די־

הויט. רבקה פילט ווי די גלידער ציען זיך איין, קאַרטשען זיך. עס ציט זי צוריק צו דער שטוביקער וואַרעמקייט, צום געלעגער. זי וואָלט כ׳לעבן, אויף אַן אמת, נאָך געוואָלט זיך אַביסל אויסוואַרעמען, זיך אויסרוען. זי ווייס אָבער, זי טאָר דערוועגן נישט טראַכטן — דער עול!

אין דער מינוט ווערט איר נישט זיס אויפן האַרצן. זי ווערט בייז, טערפּקע, האַרביק ווי כריין. אַסך זאַכן דערמאָנט זי זיך איצט, ווידער נישט קיין האַניקדיקע. אַ סך טענות ג׳ייען אין איר אויף און אַלע אַזעלכע גרויע, טריבע, עסנדיקע ווי ס׳איז דער פרימאָרגן אין דרויסן. זי ווייס, אַז אַנדערע ווייבער, געזונטע, וויניקער אויסגעהאָרעוועט ווי זי, שלאָפן נאָך איצטער מיט געשמאַקן שלאָף, וואַרעמען זיך אויס אונטער די איבערבעטן, „כאַליען״ זיך די לייבער... נאָר זי מוז שטיין גרייט ווי אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך, טאָר זיך נישט פאַרגינען נאָך אַ האַלבע מינוט ליגן, אויס־וואַרעמען דעם גוף.

און גראָד פילט זי זיך היינט נישט ביים בעסטן געזונט. עס ברעכן איר די קריזשעס, ס׳טוט ווי דער רוקנביין, די „סטאַוועס״ רייסן ביי איר. זי האָט זיך צוגעקילט ווען זי איז מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַהיימגעפאָרן אין דער קאַלטער נאַכט אויפן וואָגן מיטן ביסל סחורה פון לאָדזש. ווי נאָר זי איז אַריין אין שטוב, האָט זי דערשפּירט, זי איז נישט די אייגענע... אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געהאַט אַ רייסעניש אין לייב, אין די פּיס, און אינדערפרי האָט זי נישט געקאָנט אויפשטיין פון געלעגער. זי האָט געפילט, זי באַדאַרף נייטיק איבערליגן אַ צוויי טעג, לאָזן זיך אפשר שטעלן באַנקעס, זיך אויסשמירן מיט אַ האַרב שמירעכץ: מיט פראַנצויזישן טערפּענטין, אָדער מיט אויפגעוואַרעמטן עסיג, זיך אויסשוויצן און זי וואָלט צו זיך געקומען. האָט זי אָבער דאָס אויך נישט געקאָנט פאַרגינען. זי האָט נישט געהאַט ווער עס זאָל זי פאַרטרעטן אין דער קראָם, אויף וועמענס הענט איבערלאָזן די ווירטשאַפט.

און פאַרוואָס האָט זי טאַקע אויף זיך גענומען אַזאַ לאַסט? פאַרוואָס האָט זי באַלד דאָס אַזוי איינגעפּירט, זי זאָל זיין די פרנסה־געבערין, טראָגן אויף זיך די גאַנצע זאָרג? — וועקט זיך אין דער דאָזיקער בייזער שעה אויף אין איר די טענה אויך שוין קעגן אים, דעם מאַן. — וואָס מיינט ער זיך

דער „גן־עדן־פירער״, זי איז פון אייזן? זי איז פון שטאָל? ער קלערט נאָר וועגן דאָס זייניקע, וועגן זיין לערנען, וועגן זיין דאַווענען, וועגן זיין עולם־הבא... זאָל ער בעסער זען ס׳זאָל זיין קודם עולם הזה — פּרנסה! די ווייבער שטעכן דאָך איר די אויגן אויס: אַזאַ געזונטער מאַנצפּערשוין, אַזאַ קרעפּקער און פעסטער, זאָל זיך אַוועקזעצן אויף אַ גאַנצן טאָג אין בית־המדרש און זי זאָל פון זיך אַרויסשלאָגן די כוחות, די קליי פון די ביינער. זיי זענען דען נישט גערעכט?

זי האָט מיט אים אַנומלטן גערעדט, אים געגעבן צו פאַרשטיין, אויפגעוויזן: זי קאָן זיך אַליין נישט קיין עצה טאָן, זיין אין שטוב, אין געוועלב, ביי די קינדער, ביים טאָפּ, זי וועט זיך איינברעכן און דערנאָך וועט זיין ערגער... ערגער פאַר אים און פאַר דער שטוב. ער האָט זי אויסגעהאָרכט, געשוויגן, געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און דערנאָך שטיל, ווי שולדיק געזאָגט:

— איך פאַרשטיי דיך גוט... איך פאַרשטיי עס איז דיר שווער... וואָס קאָן איך אָבער העלפן, איך קאָן אין דיין האַנדל נישט אָנטייל נעמען... עס איז מיר פרעמד... איך האָב דיר דאָס פריער נאָך פאַר די תנאים געלאָזט וויסן...

— מילא, וואָס אַ מענטש מיינט פריער... ווען מען איז אַליין, ווייסט מען גאָרנישט... שפּעטער, אַז מען האָט אַ שטוב, אַ ווייב, קינדער, איז אַלץ אַנדערש — אויס מעשיות!...

— דו פאַרשטייסט מיך נישט ריכטיק... איך האָב צו דיר נישט חלילה קיין טענה... נישט יעדער מענטש האָט דעם זעלבן וועג... — האָט ער דאָס ווי נאָך שטילער געזאָגט.

ער האָט זיך פאַרטראַכט און דערנאָך, ווי ער וואָלט זיך עפּעס מיישב געווען, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מוסיף געווען:

— יאָ זעסטו, אויב זאָגסט אַזוי... פּרנסה... איז מילא, אַ מלמד וואָלט איך געקאָנט ווערן. לערנען מיט קינדער, אויב דו ווילסט, וועל איך גערן.

— הערסט אַ מעשה! אַ מלמדכע זאָל זי גאָר ווערן! דאָס פעלט איר נאָך צו די צרות, מען זאָל איר אָנדולן, פאַרטויבן דעם גאַנצן טאָג

דעם קאָפּ מיט געשרייען, מיט געליאַרמען, אָנשלעפּן פון דער גאַנצער שטאָט צו איר דאָס זאַמד און דערנאָך, צום חודש, צוזאַמענגעמען ווי פּאַר אַן אָרעמאַן, די פּאַר גילדוינעס... דאָ ליגט אַ ברויט מיט אַ מעסער, וויל ער נישט, נאָר אַ מלמד אויף איר קאָפּ!...

זי האָט אים דאַרויף געענטפערט מיט שאַרפע, האַרבע רייד, זיך כמעט אויף אים אָנגעבייזערט. זי האָט זיך מודה געווען, אַז אין דער אמתן איז זי אַליין שולדיק, זי האָט אים נישט באַדאַרפט דערצו צוגעוווינען. וואָרים אַ מאַן איז ווי אַ שטוב־חיה, ווי מען געוויינט אים צו, אַזוי בלייבט ער. געוויינסטו אים צו צו דער אַרבעט, אַרבעט ער. געוויינסטו אים צו צו דער פוילקייט, בלייבט ער פויל... זי האָט אים אויך דערמאָנט, דאָס ער איז אָפּגעפרעמדט צו דער שטוב, דרייט זיך אַרום ווי אַ נישט היגער, ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען קיין טאַטע, קיין מאַן... זי האָט אים נאָך געזאָגט: אַז זי האָט אין די ערשטע יאָרן געמיינט אַנדערש. ער וויל טאַקע זיך נישט אָפּגעבן אינגאַנצן מיט מסחר, אָבער עפּעס וועט ער העלפן, דערנאָך וועט ער זיך צוגעוווינען. זי האָט געהאָפט, ער וועט אַליין איינזען, ס'איז נישט קיין קרומע זאַך דאָס מיטהעלפן אין דער פרנסה און וועט נאָך מער אַריינגיין דערין, וועט ווערן מער נענטער, אייגענער, זיך איינשפּינען אין דער שטוב.

ער האָט דאָס אַלץ ווידער אויסגעהאָרכט, געשוויגן פּונקט אַזוי פאַרשולדיקט ווי פריער, געמאַכט מיט די הענט אַהין, אַהער, ווי ער וואָלט אויף דעם אַלעם נישט געהאַט פאַר איר קיין ענטפער — אַן ענין וואָס זי פאַרשטייט נישט, און וועט נישט פאַרשטיין... ער האָט צום סוף זיך פאַרקוקט ערגעצווו מיטן בליק, טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט דעם האָט עס זיך געענדיקט.

מער טענהט זי מיט אים נישט איין. זי זעט ס'איז אויף בחנם. ער וועט נישט אַנדערש ווערן. ס'ציט אים, ווי דער פלאָם צום קוימען, אין יענע שטילע בית־מדרש ווענט. זיצט דאָרט אָפּ דעם האַלבן טאָג, שפּעטער קומט ער אַהיים צעטראָגן, מיד, מיט אַ פאַרבלאָנדזשעטן בליק, מיט אַ צעקנייטשטער באָרד. עסט אָפּ דאָס מיטאָג־מאָלצייט, פאַרזוימט נאָך אַ ווײַלע ביים טיש, פאַלט אַריין אַזוי זיצנדיקערהייט אין דרימל, דעם קאָפּ

אָנגעלענט אויף דער פּויסט. ס׳געדויערט נישט לאַנג וועקט ער זיך איבער, קוקט זיך אַרום צעטומלט, דערמאָנט זיך אין עפּעס, שטעלט זיך אויף און גייט צוריק אַוועק. דאָס מאָל שוין ביז שפּעט אויף דער נאַכט.

אין שפּעטן אָוונט, ווען זי האָט שוין פאַרמאַכט דאָס געוועלבל, אַריינגעקומען צוריק אין שטוב, אָפּגעציילט דאָס לייזונג, אַריינגעפירט אי״ן בוך די חובות, קערט ער זיך צוריק אַהיים. ער טרעט מיט שווערן טראָט אַריבער די שוועל. ער איז הונגעריק. קוקט מיט הונגעריקע אויגן. זי דערלאַנגט אים נאַכטמאָל. ער עסט און גראָד מיט גוטן אַפּעטיט. זי מיינט, שוין, עס האָט זיך שוין געענדיקט. אָבער ווו? ווי נאָר ער האָט אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט, זעצט ער זיך אויפסניי צוריק אַוועק איבערן ספר. זיצט ביז טיף אין דער נאַכט. זיצט, ברומט, קרעכצט, העשעט — מיט דורשטיקער גאַרונג, ווי דער דורשטיקער באַראַן ווען ער רייסט זיך צו דער קאָריטע אָנטרינקען. ער אַליין זוכט אויך נאָך מיט עפּעס זיך אָנצוטרינקען...

זי פאַרשטייט נישט, ווי קאָן מען עפּעס זיין אַזוי אויסגעהונגערט צו דעם זאָגן, צו דעם כסדרדיקן לערנען? זי קאָן נאָך אַנדערע מענטשן: זייער שכן ר׳ יעקב, אַ שטילער פרומער ייד, איר אייגענער טאַטע, אַפילו אירע ברידער, יידן וואָס שטעקן מיט זייער גאַנץ האַרץ אין יידישקייט, זעט מען דאָס אַזוינס ביי זיי? און ער, ווי ער וואָלט עפּעס חלילה קראַנק געווען אויפן דאַזיקן...

ניין, זי פאַרשטייט אים נישט, זיי ווייסט נישט וואָס מיט אים איז.

אַרומגענומען פונעם אומעטיקן רעטעניש האַלט זי נאָך אַביסל צייט דאָרט אָן די בליקן, קוקט פאַרבאַהאַלטענערהייט פון אונטער דער איבער־דעק, פאַרשט אים. ער ווייס דאָס נישט, ער זעט דאָס נישט. ער זיצט טיף פאַרבויגן, אַזש געהויקערט, דאָס פּנים רויט פאַרגליט, די ברעמען ווי די באַרשטן אויפגעשויבערט, דעם שטערן מיט קופּער פאַרפלאָמט און אַלץ אין אים איז אַזוי געשפּאַנט ווי ער וואָלט זיך געגרייט, אָט, אָט, אַ שפּרונג טאָן ערגעץ איבער אַ גרויס תהומיק וואַסער. אירע, מיט דרימל פאַרצויגענע הייטלעך רייסן זיך שוין צום שלאָף. אָבער דאָך וויל זי אים נאָך זען. דאָס איז דאָך איר מאַן, וועגן וועלכן זי טראַכט, וועלכן זי טראָגט אין איר האַרץ און וועמען זי פאַרשטייט נישט... זי וויל זיך נאָך צו עפּעס דערטראַכטן,

זיך אַליין דערקלערן. אָבער די מידקייט שטאַרקט זיך, דער קאָפּ ווערט שווערער, די לעדנדלעך פּאַרציען זיך איבער די ווייסלען און זי פּאַלט אַריין אין שלאָף. זי זעט אים מער נישט, הערט אים מער נישט, ווייס אָפּילו נישט ווען ער לייגט זיך שלאָפן.

אין פרימאָרגן ווען זי הייבט זיך אויף, זעט זי אים ווידער. ער ליגט מיטן פּנים צוגעדריקט צום קישן, דאָס העמד צעכראַסטעט פון ווו עס זעט זיך אַרויס די האַריקע געדיכטעניש. ער אָטעמט מיטן הויכן שווערן כראָפּ, די נאָזלעכער בלאָזן מיט אַזאַ אימפּעט, אַזש די האָר פון דער באָרד באַוועגן זיך, ווי אַ ווינט וואָלט אויף זיי געווייעט. ס'זעט אויס, ריכטיק, ווי ער וואָלט אויך אין שלאָף איצט געלערנט, זיך געשפּאַרט איינגעטענהט מיט וועמען...

ווען זי איז שוין דרויסן, אין געוועלב, הערט זי ערשט, ווי ער כאַפּט זיך אויף. דאָס איבערוועקן זיך איז אויך מיט גערודער, מיט געאייל. ער הוסט, ניסט, קרעכצט. ס'קלינגט דער שעפּער, עס טראָגט זיך אַ פּליעסקן פון וואַסער, אַ רייבן, אַ וואַשן, אַ האַרט טרעטן איבערן דיל, און אַלץ איז באַגלייט מיט אַזאַ געברומעריי און חפזון, ווי אימיצער וואָלט געשטאַנען אונטער אים מיט אַ בייטש און אונטערגעטריבן: אייל זיך, ס'איז שוין שפּעט, אייל זיך! שוין איז ער אין פּאַלטן. דריקט דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם, לאָזט זיך אַרויס מיט דער הינטער־טיר, דורכן פּאָדער־הויז, ווי ער וואָלט זיך געשעמט מיט איר זיך באַגעגענען.

ווען ער קומט אַרויס פון דרויסן, זעט זי דורך דער שויבנטיר פון געוועלב, ווי ער בלייבט שטיין פאַר דער הויז־שוועל, פאַרזוימט אַ ווייל־ינקע, פאַרקלערט זיך אין עפּעס. ער דרייט אויס דעם קאָפּ, טוט אַ קוק אין דער זייט אויף די אָפּגעלעגנטע קראָם־טירן, קוקט, קוקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָרפן מיט דער דעה, אַריינגיין איר עפּעס זאָגן, צי נישט. נאָר גלייך טוט ער ווי מיט געוואַלט אַ ריס אָפּ די טריט און לאָזט זיך אַוועק.

ביי איר הייבט זיך דעמאָלט אויף אַ צער אונטערן האַרצן, אַ צער פאַר זיך, פאַר אים, פאַר דער גאַנצער שטוב. פאַרוואָס איז עס אַזוי? פאַרוואָס איז עס אַזוי אַרויסגעקומען? האָט דען נישט געקאָנט זיין אַנ־דערש? ער זאָל זיין ווי אַלע אַנדערע מאַנסלייט, אַ סוחר, אַ קרעמער, אַ

שפּיליטער, אַפילו אַ באַלעמלאָכע און דערביי זיין אַ פרומער מענטש, טאָך פאַר זיך, פאַר איר, פאַר די קינדער, פאַר גאָט, און דאָס לעבן זאָל זיין אַ לעבן, נאָנט, היימיש, ליב, ווי אין אַנדערע אָרנטלעכע הייזער.

טרערן נעמען איר שטיקן. זי וואָלט זיך געוואָלט פאַר וועמען אַראָפּרעדן, אויסגיסן איר ביטער האַרץ. זי האָט אָבער איצט נישט פאַר וועמען. און אפשר זינדיקט זי גאָר קעגן גאָט, ווי איר מאַמע וואַרפט איר פאַר, פאַרוואָס זי איז אַזוי מתרעם אויפן מאַן, ווייל זי ווייס נישט אין וועמעס זכות זי האָט דאָס שטיקל ברויט און גוטע קינדער... זי ווייס נישט, ניין, זי ווייס טאַקע נישט... זי ווייס נאָר ס'איז איר שווער זייער שווער — — —

— גוט מאָרגן רבקה! — שאַרט זיך אַריין די ערשטע קונהטע און רייסט איר איבער די געדאַנקען.

רבקה כאַפּט זיך אויף, דערזעט די רפאלטע מיט אירע ברייטע היפּטן, ברייט קאַטשקעדיקן גאַנג, וואָס וויגט זיך מיט אַזאַ נחתדיקייט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען אירע... רבקה האָט זי נישט ליב, סיי פאַר איר בלאָזן פון זיך און סיי פאַר איר האַלטן זיך פאַר אַ גאַנצע נגידיתטע... רבקה מוז אָבער האַלטן פאַרמע, אָפּענטפערן דעם „גוט מאָרגן" פריינטלעך, אפילו מיט אַ שמייכל. רבקה טוט זיך אַ צעטשוכע און לאָזט זיך אַרונטער אונטערן בופעט־טיש ווו עס געפינט זיך דאָס שענקל מיט די אַלע גוטע זאַכן — איר גאַנצער אוצר. תיכף קומען אָן שוין נאָך אַנדערע: צירל, פייגע, פעסע, נעכע, די „געשווירענע" קונהטעס און דאָס געוועלבל פילט זיך אָן מיט רויש און גערודער, מיט געפּלאַפּל. רבקה קומט צוריק אין איר הויט. די הענט צעאַרבעטן זיך שוין ביי אים ווי צווי וויאָסלעס. זי איז שוין אַ פאַרגעסענע פון אַלעם. זי האָט שוין אין זינען אַנדערע זאַכן, וואָס מאַכן פאַרטרייבן אַלע מחשבות, גריזאָטעס, מאַכן אַוועקפליען ווי פלעוועס אויפן ווינט — פרנסה!

ב

חיים בינעם

אין בית־מדרש איז נאָך שטיל, האַלב טונקל. ס׳איז נאָך אין די־גאָר פריע שעהן. דאָס באַגינען־ליכט הענגט אין די ווינקלען, שפרייט זיך, פאַרציט זיך פּאַוואָליע איבער די ווענט ווי אַ גרויער שפינוועבס. ס׳געפינען זיך די ערשטע געציילטע השכמה־דאַוונערס, וואָס קומען מיטן ערשטן בלוי: טאַנדייטערס וואָס באַדאַרפן אויספאַרטיקן די סחורות פאַרן יאַריד; גאַרבערס וואָס ווילן אָנהייבן פרי די מלאכה; דאָרפס־גייערס וואָס איילן זיך אין וועג אַריין. זיי זענען דאָ נאָך ווייניק, זיצן צעשאָטן, זאָגן דערווייל אין די צעעפנטע סדורים, תהלים, מעמדות — וואַרטן אויפן מנין.

פון די באַלעבאַטישע יידן וואָס קומען לערנען זייער פרימאָרגן־שעור און שפּעטער גייען זיי צוריק אין זייערע קראָמען, איז נאָך קיינער נישטאָ. זיי קומען אויפן ליכטיקן טאָג, ווען ס׳איז שוין די באַוועגונג אין גאַס. זיי קומען אויסגערוטע, מיט הויכע „גוטמאָרגנס״, צעזעצן זיך אַרום די טישן און צעגיסן זיך מיט זייער אויסגערוטן זיסן גמרא־ניגון.

איינער וואָס געפינט זיך יאָ איצט און אויך נישט אין זיין צייט, איז חיים בינעם. ער איז געקומען היינט פריער פון אַלעמאָל. ער לערנט נאָך נישט. די גמרא ליגט פאַרדעקט מיט אַן עירוב און אַליין שפּאַנט ער אַרויף און אַראָפּ פאַרטיפט אין די רעיונות, ווי ער וואָלט באַדאַרפט אַ האַרבע זאַך פאַרענטפערן. גאָרנישט ווי אין פרימאָרגן — איז דאָס פנים ביי אים שטרענג, דער שטערן אָנגעצויגן ווי אַ לעדערנער פּאַס, די באָרד בייז,

צעפּאָכעט, און די אויגן אומרויקע, זוכנדיקע, באַגערנדיקע צו עפּעס, וואָס ער קאָן נישט דערצו דערגיין.

ער איז פון נעכטן אָן אין מאַטערניש. ער האָט נעכטן נישט געקאָנט אַדורכבערעכן די מויער פון דער שווערער סוגיא, וואָס ער האָט געלערנט. ער האָט זיך געמאַטערט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג, דעם פאַרנאַכט און אַזוי ביזן שפּעטן אָונט און אויך אומזיסט. עס האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אים מעשה־שטן, ווי אַ וואַסער נישט אַריבערצושפּרייזן. און וויפל ער האָט נישט געשפּאַרט מיטן מוח — אַזוי ווי אין דער וואַנט! דאָס מאַכט אים אַלעמאָל טרויעריק און אומרויק. אַ גאַנצע נאַכט איז ער נישט געשלאָפן פון געפּייניקטער מחשבה, נישט צוגעמאַכט קיין אויג, געטראַכט וועגן דעם שווערן שטיקל גמרא. געלערנט עס פון אויסנווייניק, אָבער גאָט האָט אים מיט גאָרנישט באַלויכטן דעם געדאַנק, קלאָרער געמאַכט דעם רעיון. און דאָס, ווייס ער זיכער, מוז זיין אַן עונש, אַן אָפּקומעניש. ער איז אין עפּעס זינדיק. אין וואָס — ווייס ער נישט. ער געדענקט נישט ער זאָל האָבן אויף עפּעס עובר געווען... אַ מענטש איז דאָך אָבער נאָר אַ מענטש... און אים האָט עס צוגערויבט דעם שלאָף: וואָרים אויב אַזוי, ווי מעג ער זיך אַרומדרייען אַזוי בטל און דאָס ווייב זאָל פאַר אים האָרעווען? און אויך ווי מעג ער מרביץ־תורה זיין מיט אַנדערע, אַנגיין אַליין פאַר אַ בן־תורה? ער האָט אין האַרצן אַ סך תפילה געטאָן, קוים אויסגעוואַרט דער טאָג זאָל זיך אויפברעכן, ער זאָל קאָנען אַראָפּלויפן פון געלעגער, אַריין אין בית־מדרש, אויפסנייַ זיך אַריינטאָן אין לערנען מיט דער האָפענונג, אַז דאָסמאָל וועט אים אַרויסגעוויזן ווערן חסד.

ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען, נאָך אין טונקלעניש, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צום לערנען. אָבער פּונקט ווי נעכטן, איז ער צו גאָרנישט דערגאַנגען. פון אָנשטרענגונג איז דער מוח נאָכמער ביי אים געוואָרן פאַרקלאָפּט. ער האָט אויפגעהערט אינגאַנצן זען. נאָך אַביסל מוטשען זיך האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אַרויפגעלייגט אַן עירוב אויף דער גמרא, געלאָזט זיך גיין אַרויף און אַראָפּ. איצט גייט ער מיט זיינע אַנגסטיקע רעיונות: צי איז די שטעל טאַקע אַזוי שווער, צי איז זיין תפיסה אַזוי געשטראָפּט?

ווי איטלעכס מאָל אין אַזאַ ענגע שווערע מינוט, ווען ער קאָן נישט געפינען קיין ענטפער אויף דער פראַגע, גייט פאַר אים אויף די הײם, די יינגע יאָרן, דאָס פאַרגאַנגענע שטיק לעבן זיינס —

...ער דערזעט די מאַמע, די אָרעמע אלמנה, וואָס האָט שווער געהאָרעוועט אויפן שטיקל ברויט און מיט איר גאַנץ לעבן גע־שטרעבט, ער, דער זון, זאָל בלייבן אַ לערנער. פון פרימאָרגן ביז שפּעט ביינאַכט האָט זי געפּראַצעוועט, געשלעפּט די קוישן פון שטוב אין מאַרק, און פון מאַרק צוריק אַ היים, נישט געלאָזט אים צומאָל צוהעלפן, טאָן אַ האַנטלאַנג, ער זאָל נישט מבטל זיין פון לערנען. זי האָט אים געיאָגט אין די בית־מדרש־ווענט, מיט די פרימאָרגנס, מיט די פאַר־נאַכטן — אויך דערפאַר שוין, ווייל זי האָט געהאַלטן, אַז איר לעבן אויף דער וועלט איז אַ נאַריש אָפּגעלעבט לעבן, אָן מצוות און גוטע מעשים און דערפאַר געזוכט אין אים אַ פּאָדפּאָרע, אויף אים זיך אָנצולענען, ער זאָל זיין אַ צוגרייטער פאַר איר, אויף יענער אמת׳ער אייביקער וועלט — אַן ערלעכער קדיש־זאָגער... ער האָט זי געפאָלגט, מיט פאָרכטיקייט פון כבוד־אם און מיט הכנעה געטאָן, וואָס זי האָט אים געהייסן — געגאַנגען לערנען.

אָבער פון זיין יוגנט אָן, האָט ער זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין שנעלער תפיסה, מיט קיין פלינקן מוח. ער האָט שווער געמוזט האָרעווען ביז ער האָט געקאָנט אין זיך עפּעס אַריינקריגן, תופס זיין. דאָס לערנען האָט זיך אין אים אַריינגעטריפט טראָפּנסוויז, מיט פאַמעלעכדיקער ענג־קייט, ווי אַ פּליסיקייט דורך אַ פאַרשטאָפּטער לעיקע, פאַרמידנדיק מיט זיין לאַנגזאַמען גאַנג.

ער האָט געהאַט דערפון גרויס ווייטיק. ער האָט געזען, ווי ביי אַנדערע גייט עס צו לייכטער, דער מוח אַרבעט, שאַרפט זיך, דער געדאַנק שפּילט און גלייך קומט אַרויס אַ פאַרטיקע זאַך — אַ כלי פון מייסטערס האַנט. און ביי אים? אים קומט אָן יעדעס וואָרט, יעדע סברה, מיט יסורים מיט מידקייט און איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג.

אין זיין אויפגעוועקטן יאוש, האָט ער מער ווי איינמאָל אַרויסגע־טראָגן אויף זיך דעם האַרבן פּסק: אַ פאַרשטאָפּטע כלי מיט גאָרנישט אָנ־

צופילן, ער דאַרף אָוועקגיין!... ער האָט עס אָבער נישט געטאָן. ווייל ביי דעם אַלעם, האָט ער פאַרמאָגט אין זיך אַ סך ווילן, אויסטערלישער עקשנות, התמדה, אויסדויער — זיך פאַר גאָרנישט אין דער וועלט אָפּגע־שטעלט, זיך נישט אונטערגעגעבן. ווי אַ סעקטאַנט האָט ער געפירט מיט זיך אַן אומדערמידלעכן קאַמף. צוגעשמידט זיך צו דער בית־המדרש־באַנק, ווי איינער, וואָס האָט אויף זיך גענומען אַ שטראָף, וואָס ער באַדאַרף אָפּקומען. געאַרבעט לאַנגע שעהן נאָכאַנאַנד. איינמאָל, נאָכאַמאָל, נישט אָפּגעטראָטן, נישט מיד געוואָרן ביז באַגיסן זיך מיט שווייס, ביז נאָגעניש אונטערן האַרצן, ביז ער האָט עס ענדלעך אין זיך אַריינגעקריגן. דעמלט איז עס שוין געווען: בור סיד שאינו מאבד טיפה...

זיין האָרעוואַניע, זיין פאַמעלעכע תפיסה, האָט אים דאָך געבראַכט צו שברות הלב, צו אינערלעכן צער, צו פאַרטראַכטונגען. ער האָט עס אָנגעהאָנגען אין דעם, וואָס ביי אים ציט זיך נישט קיין קייט פון תורה... דער פאָטער אַ פראָסטער ייד, אַ סאַדאָווניק, האָט אין זיין ידישקייט מער ווי דאָס ביסל דאַוונען און תהילים זאָגן נישט געוווסט, און ער האָט זיך דעריבער נישט אין וואָס אָנצוהאַלטן...

שפּעטער, ווען ער איז אַריינגעוואַקסן אין די יאָרן און באַנומען זיין טאַטנס אָפּגעהיטענער ערלעכקייט, פרומקייט, זיינע גרויסע זכותים, האָט ער געגומען זוכן ביי זיך אַליין — מפשפש זיין במעשיו. ער האָט איינ־געפונען, אַז זיין פעסט־געבויטער גוף איז שולדיק; אַז דאָס איז זיין גע־זונטע קערפּערלעכע קרעפטיקייט, אַן עכוב, וואָס לאָזט נישט אַריינדרינגען די תורה, גרינג, ווי רעגנוואַסער אין דורשטיקער ערד — אין אים. ער האָט באַשלאָסן זיך איבעראַנדערשן, זיין גוף ווייכער מאַכן.

ער האָט זיך אָנפאַרטרויט פאַר אַ זקן אַ תעניתים־פאַסטער און האָט לויט יענעמס עצה זיך גענומען פייניקן: נישט דערעסן, נישט דער־שלאָפן, זיך אויסצערן — כדי דאָך ווי עס איז, דעם קערפּער אַביסל אַ טרייסל טאָן... ער האָט שווער און לאַנג מיט זיך געראַנגלט, געקעמפט, אָבער גאָרנישט געקאָנט אויספירן. דער גוף אַ קרעפטיקער ווי אַ פעלדז, האָט זיך געהאַלטן פעסט, זיך נישט אונטערגעגעבן. עס האָט אים נאָר צערייצט די נערוון, צעטומלט די רעיונות, אים שיער נישט אַראָפּגעפירט

פון זינען. ער האָט צום סוף זיך איינגעבראָכן, איבערגעריסן. געגומען פירן צוריק זיין פריערדיקן שטייגער, זיך דערנערן מיט זאַטע מאָלצייטן און אין די נעכט געזונט געשלאָפן.

אָבער כאָטש ס׳איז שוין לאַנג אַוועק, ער האָט זיך דורך די פיל יאָרן, מיט זיין אומגעוויינלעכן דאָרשט, דאָך אָנגעפילט מיט תורה, ווי אַ מאָן־קאָפּ מיט מאָן, נאָיעט נאָך אין אים אַלץ פון יענעם צער, לאָזט אים נישט רוען — — —

אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין שאַרט זיך חיים בינעם צו צום פענצ־טער, נעמט אַרויסקוקן אין גאַס אַריין.

אין דרויסן שיילט זיך דער טאָג אַלץ מער אויס פון נעפּל, וויקלט זיך אַפּויער פון אונטער די וואָלקנס, שפּרייט זיך אַ נייער, אַ ריינער, ווי אַ ריינער נאָך ליידיקער פּאַרמעט, וואָס אויף אים באַדאַרף ערשט פאַרשריבן ווערן די נייע מעשים; די ברעגן הימלען ווערן מיט יעדער רגע אַלץ העלער, פּאַרביקער, נעמען אָן אַזעלכע אידעלע, צאַרטע, ראָז־פיאָלעטענע קאָלירן, גיסן זיך איבער אַלעמאָל אין אַנדערע געמעלן און וועקן אין מענטש פאַר־ווונדערונג און גלייכצייטיק רחמנות און ליבשאַפט צו אַלץ און אַלע־מען; פון קוימען, פון זיין שווער יחיאל רעדלינגס בעקעריי שפּייט אַ רויך, הייבט זיך ווי אַ זייל, צעגייט זיך אין דער לערקייט, טראָגט אָן אין גאַס און אויך דורך די שפּאַרעס פון די צעשפּאָלטענע בית־מדרש שויבן אַ געשמאַק פון קימעל, פון פריש געבאַקן ברויט, פון זעמל־טייג. חיים בינעם זאַפּט אין זיך איין די ריחות. ער דערמאָנט זיך אין די ערשטע יאָרן, ווען ער איז געווען ביים שווער אויף קעסט, האָט אין די נעכט צוגעהאָלפן אין דער בעקעריי, ווו ס׳האָט געאַרבעט דאָס גאַנצע געזינדל, האָט אויך דעמאָלט געטראָפן, עס האָט זיך אים פאַרהאַקט ביים בייטאָגיקן לערנען, נישט געקאָנט תופס זיין אַ שווערע שטעל און אָט דאָ ביי דער ביינאַכטיקער מלאכה, איז עס אים עפּעס ווונדערלעך, ווי פון זיך אַליין, אויפגעגאַנגען, זיך געעפנט, ווי ס׳עפנט זיך אַ בלום־בעכערל אויף דער זון און ס׳קומט אַרויס די גאַנצע אָפענע ליכטיקייט — עס איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן.

עס זענען שוין פון דעמלט אויף צייטן אַוועק. די באָרד איז ברייטער

און געדיכטער געוואָרן, דער טראָט האַרטער, שווערער, ער אָבער שטייט נאָך אַלץ פאַר יענער גרויסער ווונדערלעכער פעסטונג, מיט זיינע געהיימע איינגענג, וואָס נישט יעדער איז זוכה אַריינצוקומען — און ער אַליין אויך נישט אַלעמאָל...

אַצינד שטייענדיק דאָ פנים אל פנים מיט דער אויפגייענדיקער יצירה — ער ווייס נישט צי פון דער לויטערער בלויקייט וואָס שפרייט זיך אויף גאָטס באַשאַף, ווי רחמים, צי פון דעם זיס־טעמדיקן ברויט־געשמאַק וואָס דרינגט אַריין אין אַלע אברים, דערמאָנט די זעטיקייט, די ברכה פון גאָטס גאָב — נאָר אין אים גייט אויף אַן אויפלייכטונג: פינטעלעך ווי גאָלדענע שפריצן טראָגן זיך מיט לייכטקייט פאַר אים פאַרביי, קייטלען זיך, שטעלן זיך צוזאַמען אין אותיות, אין ווערטער, אין גאַנצע שורות, ווונקן מיט גוטער צוזאָגעוודיקייט, מיט האָפענונג און זיין אינערלעכקייט ווערט עפּעס אַזוי לייכט, גרינג, ווי אויף פליגל...

כדי נישט צו פאַרלירן דעם גאָלדענעם פאָדעם, קלעפּט ער זיך ראַפּטעם אָפּ פון פענצטער און ווי אַ דורשטיקער הירש וואָס יאָגט זיך פרימאָרגן צום פרישן קוואַל, לאָזט ער זיך מיט פלינקע טריט צום טיש, נעמט אַראָפּ דעם עירוב און אויפסניי לאָזט ער זיך אַריין אין לערנען.

ער לערנט איצט נאָך הייסער, באַגערנדיקער. פון גרויסער לעכצונג גייט זיין קול איבער אין אַ ברומען, ווי אַ בער ווען ער איז הונגעריק, זוכט די שפייז. ער איז בלויז מחשבה, איין שטיק פלאַטער. אין זיין שטאַרקער פאַרטיפטקייט זעט ער נישט ווי עס קומט אָן דער עולם, צעזעצט זיך אַרום די טישן; ווער עס לערנט, ווער עס דאַוונט, ווער עס פאַרזוימט, ווער עס גייט אַוועק. ער זעט גאָרנישט. ער איז פאַרנומען מיט זיך, מיט זיין אינעווייניקסטער וועלט. ער מוז אויפאַקערן אַ שטיק פאַרהאַרטעוועטן באָדן, וואָס עקשנט זיך, וויל זיך נישט אונטערגעבן אונטער זיינע הענט.

— תניא, האָבן מיר געלערנט: חתכו חוליות, אַז מען האָט צוזאַמענגעשטעלט פון ערדענע רייפן אַן אויוון... יאָ פון ערדענע רייפן... פון ערדענע רייפן... — — — נו... יאָ... עד, עד! — — — —

שווער און פעלזיק איז צוריק די ערד און שווער און שטייניק זיין גאַנג. דאָס פריערדיקע ליכטיקע, וואָס האָט אויף אַ רגע אויפגעבליצט ווי

אַ ליכטיקער שטערן האָט זיך אויסגעלאָשן און איבערגעלאָזט נאָך אַ טונ־קעלערן געדיכטערן שאָטן. ער מוז ווידער מיט אָנגעגורטע כוחות אויפסניי איבערגראָבן, איבעראַקערן. ער פּאַלט אָבער ביים אַקער. פּאַלט און הייבט זיך, פּאַלט און הייבט זיך. ער ווערט מידער, אָפּגעשוואַכטער, ער האָט שוין באַלד מער קיין כוח נישט זיך אויפצוהייבן.

ווען ער כאַפּט זיך אויף איז שוין פון עולם שיטער, ליידיקלעך. זיין פּנים איז פון אָנגעשטרענגטקייט רויט, באַגאָסן מיט שווייס. די אויגן קוקן ווילד, צעשטרייט, מיט רוגזה כמעט, ער אָטעמט שווער. ווידער האָט ער גאַרנישט אויפגעטאָן.

ער פילט זיך מיד, צעררייצט. ער מוז איבעררייסן דאָס לערנען. ער מאַכט צו די גמרא און לאָזט זיך אַפּויער פון אונטערן טיש. ער שפּאַנט צו צום „שלחן". ער וויל אָפּדאַוונען. ער קאָן דאָס אויך נישט. אַ משא כבדה ליגט אים אויפן האַרץ. ער ווייס, ער וועט זיך נישט פריער באַרויקן ביז ער וועט זיך נישט דערוויסן קלאָר דעם פּשט. אַזוי איז שוין זיין טבע פון אייביק אָן. פון צער בייסט ער די שפּיצן באָרד, די נעגל פון די פינגער. ער פאַרשטייט בכלל נישט וואָס דאָ איז געשען. ס'פּלעגט, אמת, אַמאָל טרעפן ס'זאָל זיך פאַרהאַטשען, פאַרקניפּן. אָבער אַזוינס, ט'זאָל אים אַזוי שווער זיין האָט נאָך נישט געטראָפן, און וואָס זאָל ער איצט טאָן? יאָ, פאַרפאַלן, ער וועט זיך נישט שעמען, ער וועט אַרויפגיין צו ר' משהלע דעם רבס, זיך אָוועקזעצן און ער זאָל מיט אים, ווי מיט אַ יינגל, איבערלערנען דאָס שטיקל גמרא.

ער לאָזט איבער דעם טלית־זאַק, לאָזט זיך אַרויס אין דרויסן. אַ רגע בלייבט ער שטיין אויף דער בית מדרש שוועל. ס'באַפאַלט אים ווידער דער ספק: יאָ גיין? נישט גיין? זיינע בליקן פאַלן אויפסניי אַהין צו דער בעקעריי פון שווער. די טירן זענען צעעפנט. דער אַלטער ר' יחיאל קומט אַרויס אין די איינגעמעלטע קליידער, קוקט זיך עפּעס אַרום: אָט אַ מענטש — טראַכט זיך חיים בינעם — האָט אָפּגעטאָן זיין עובדה: אָפּגעאַרבעט די נאַכט־אַרבעט, שוין אָפּגעדאַוונט, אָפּגעגעסן, איצטער וועט ער גיין שלאָפן, זיך אויסרוען אויף נייע כוחות, אויף נייער טוּאונג. און — ער?!

ווי פון מורא פאַר די אומרויקע מחשבות וואָס באַפאַלן אים צוריק,

זיי זאָלן אים נישט אָפּהאַלטן פון זיין פאַרלאַנג, טוט ער זיך אַ ריס אָפּ פון טרעפּל און ווערט פאַרשווונדן אין רבס געסל.

ווי אַ ווינט פליט ער אַריין אין רבס הויז, שנײדט אַדורך דעם לענגלעכן קאָרידאָר, לאָזט זיך צו אין ווינקל וווּ עס הייבן זיך די שמאָלע טרעפּן וואָס פירן אַרויף אין אויבערשטן שטיבל.

אין דער טרעפּן־שטוב דרייט זיך מיט פּאַוואָליע, נעימותדיקע טריט, ר׳ משהלע. זיינע טריט וואָס מאַכן איין און דעם זעלבן קרייז אַהין און צוריק זענען באַגאָסן ווי זיין געזיכט מיט אַ ליכטיקע רויקייט, וואָס קומט פון זיין אינערלעכן געמיט. אויך ער האָט שוין היינט מיט דער מחשבה אַ סך אַדורכגעאַרבעט. אָבער, ווי אַלעמאָל, האָט עס זיך אים גרינג איינגע־געבן, אָנגענומען ברכהדיק, ווי גוטע זריעה אין פעטער ערד. ער האָט דורכ־געקוקט אויך עטלעכע בלעטלעך פון זיין חבור: דעם פּרוש אויף משלי, און עס איז אים באַזונדערס דערפון גוט אויף דער נשמה. און דערפאַר איז זיין גאַנג אַזוי זינגעוודיק און אויף זיינע ליפּן שפּילט אַזאַ פריידיק שוועבנדיקער שמייכל: הללויה הללי נפשי!... — די גאַנצע וועלט איז פול מיט גוטסקייט און חסד!...

ווען ער זעט אַריינקומען חיים בינעמען בלייבט ער שטיין אינמיטן גאַנג. ער וווּנדערט זיך אויף זיין איצטיקן דערשיינען, וואָס איז נישט געוויינלעך אין דער צייט, ווען ס׳זאָל ווער צו אים אַריינקומען. נאָך מער וווּנ־דערט אים, ווען ער דערזעט ווי יענעמס געזיכט איז בלאַס און צעטראָגן. דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די אויגן פול מיט הכנעה. ער פאַרשטייט, אַז מיט דעם ייד איז עפּעס געשען.

— וואָס, חיים בינעם, ס׳האָט עפּעס פּאַסירט?

— ניין... יאָ... עפּעס אַ שטאַרקערער פּלאָנטער אין דער סוגיא — שווער אַדורכצוקריכן...

ר׳ משהלע פאַרשטייט שוין אַלץ... באַטראַכט אים מיט אַ פאַרביילופיקן בליק. אין די מינוטן נעמט אָן חיים בינעמס אויסזען, אַזאַ נעבעכדיקייט ווי אַ ייִנגל וואָס קאָן נישט דעם שיעור ביים פאַרהערן. ער קריגט מיט אים מיטלייד. ער וואָלט שוין גרייט געווען מיט אים זיך אַוועקזעצן צוזאַמען אַדורכלערנען. ער ווייס אָבער, אַז זיין חנהלע וועט באַלד קומען רופן אים צום פרישטיקן. עס

איז די געניע שעה, ווען זיי זעצן זיך צום טיש אָנבייסן. און זי, חנהלע, האָט נישט ליב אומאָרדנונג, אָפּשלעפּעניש. ר׳ משהלע קומט אַליין דערפון אין פאַרלעגנהייט. ער וויל עס אים זאָגן, ער קאָן עס אָבער נישט. דאָך גיט ער אים על רגל אחת אַ פרעג, וועלכן פּרק ער לערנט. וואָס איז די האַרבקייט דאָרטן. ער באַווייזט אָבער נאָך נישט אויסצוהערן חיים בינעמס ענטפער, ווי עס הערן זיך לייכטע, פלאָטערנדיקע פרויען־טריט. עס עפנט זיך גרינג אויף די טיר און אויפן שוועל באַווייזט זיך חנהלע. זי איז אָנגעטאָן אין לייכטן פרימאָרגן־ראָק, לייכטע לעטשלעך אויף די פיס. איר אויסזען איז אויס־גערוט און שיין, אירע באַוועגונגען — לייכט־שוועבנדיק. אויף אירע ליפּן ליגט דאָס אָנגעגרייטע וואָרט צו זאָגן איר מאַן: קום משהלע... זי דערזעט חיים בינעמען און זאָגט גאָרנישט. זי חדושט זיך נאָר עפּעס. קוקט אַ רגע אָן די צוויי מאַנסלייט און נישט אַריבערשפּרייזנדיק קיין טריט ווייטער, גיט זי געהיימנישפול אַ ווונק דעם מאַן מיט די אויגן, און זי פאַרשווינדט. חיים בינעם כאַפּט עס אויף, פאַרשטייט אין וואָס עס גייט און אַנטשולדיקט זיך:

— ס׳איז נישט די צייט איצט... כ׳וויס... כ׳האָב אַליין פאַרגעסן...

— יאָ, יאָ... איר ווייסט דאָך מען איז צו אַן אשה אויך אַמאָל משועבד... — זאָגט ר׳ משהלע מיט אַן איבערבעטנדיק שמייכעלע, ווי ער וואָלט אים דערמיט איבערגעבעטן — פונדעסטוועגן קומט אַריין טאָקע שפּעטער, וועלן מיר צוזאַמען אַדורכקוקן, וואָס דאָ איז שווער...

— גוט, גוט — זאָגט חיים בינעם שוין אין דער טיר און לאָזט זיך אַראָפּ.

ר׳ משהלע קוקט אים נאָך. ס׳ווייזט זיך אים אויס, אַז חיים בינעמס פעסטע פיגור איז איצט אינגאַנצן געהויקערט, די אַקסלען הענגען אַראָפּ מיט אַ געוואַלטיקע נכנעה. ער נעמט זיך דערפון איבער: פאַרוואָס לאָזט ער אים אַוועקגיין? ניין, ער באַדאַרף אים נישט לאָזן אַוועקגיין. ס׳פרישטיק וועט נישט אַנטלויפן. ער איז בילכער!

ר׳ משהלע לאָזט זיך נאָך אים, מיט געפלינקע טריט, לאָזט זיך אַראָפּ עטלעכע טרעפּ, רופט אים, קומט צו אים נאָענט. ער לייגט אַרויף זיין האַנט אויף חיים בינעמס אַקסל, בעט אים איבער, ער זאָל צוריקגיין.

— ניין, חיים בינעם, גייט נישט אַוועק. קומט, זייט מוחל, צוריק, כ׳האָב זיך נישט וואָס צו איילן. מיר וועלן שוין אַדורכקוקן.

ג

גערַאנגל

— ...תנן התם, דאָרטן האָבן מיר געלערנט: חתכו חוליות — אַן אויוון וועלכן מען האָט צוזאַמענגעשטעלט פון געבראָכענע ערדענע רינגען...

— — — ר׳ אליעזר מטהר, וחכמים מטמאין — ווייל די רינגען מאַכן דעם אויוון פאַר אַ כלי־חרס און איז מקבל טומאה — — —

חיים בינעם און ר׳ משהלע האָבן גענורטעוועט אין טיפן טייך. גע־שניטן די וועלן אין דער לענג און אין דער ברייט. ס׳איז שוין געווען אַרי־בער די אָנבייסן־צייט. די פאַרמיטאָג־זון אין איר גאָלדגעשפּין, האָט זיך גע־דראַפּעט אויף די שויבן־פענצטער. געשיקט די שטראַלן ווי גאָלדענע זשוּ־קעס אַראָפּ צום דיל. זיך פאַרקראָכן צום טיש, געקומען דערמאָנען: ס׳איז שוין שפּעטע שעה... די צייט רוקט זיך... דער טאָג גייט אַוועק!... אָבער חיים בינעם מיט ר׳ משהלען האָבן זיך נישט איינגעהערט, זענען געזעסן ביי דער אָפענער גמרא, פאַרטיפט אין לערנען, פאַרגעסן פון דער צייט, פון די שעהן, פון דער וועלט...

אַ סך האָבן זיי שוין מיט די מוחות געהאַט אַדורכגעאַרבעט: וועגן דעם „תנור של עכנאי״, וועגן גרויסן שטרייט צווישן ר׳ אליעזר און די חברים, ווי ר׳ אליעזר האָט געבראַכט אַלס עדות דעם באָקסנבוים וואָס האָט זיך אויסגעריסן אויף פיר הונדערט מייל פאַר זיין, ר׳ אליעזרס כבוד וועגן; די אַזיערע וואָס האָט זיך אָפּגערוקט פון אָרט אַלס צייכן פאַרן זיין, ר׳ אליעזרס, אמת; דער בת־קול וואָס איז געקומען פון הימל און אָנגע־זאָגט: די הלכה איז — ווי עס זאָגט אליעזר מיין זון! און צום סוף ווי די

חכמים האָבן אָפּגעוואָרפן מיט דער טענה: „לא בשמים היא...״ — די תורה איז אויף דער ערד און נישט אין הימל... און — אין משגיחין בבת־קול!...

ר׳ משהלע תמיד אַ רויקער, אַ געלאַסענער, זעלטן ווען אַרויסגעבראַכט פֿון זיין גלייכגעוויכט, אָבער איצט שוין אויך פֿון עפּעס מיטגעריסן, איז געשטאַנען אַ צעוואָרעמטער, אַ צעפּאַכטעטער, איין שפּיץ פֿוס אָנגעשטעלט אויף דער רייף פֿון שטול, דעם צווייטן צוגעשפּאַרט פעסט צו דער ערד און וויגנדיק זיך אין גרינגן געוויג, מיט אַ ווייך קלינגנדיק קול מסביר געווען די פּלוגתא. ער האָט עס געטאָן מיט אַ באַזונדערער הרחבותדיקער פּזרנות, געשאָטן די חדושים מיט בליץ און בלענד, ווי דער צעשפּילטער בוים זיין צוויט אין פרילינג, ווען עס שפּאַרט אין אים דער זאַפט. חיים בינעם איז געזעסן אַ געהאָרבעטער, אַריינגעצויגן דעם קאָפּ אין זיינע ברייטע אַקסלען, געפּאַרעט ווי ער וואָלט געשטאַנען אין אַ הייס וואַסער, און ווי אַן איינגעשפּאַרטער ביק, וואָס עקשנט זיך אין זיין גאַנג — זיך נישט געלאָזט פירן. איטלעכס מאָל ווען ר׳ משהלע האָט געפּרוווט זיך אָוועקרירן פֿון אָרט, מאַכן אַ טריט ווייטער, האָט חיים בינעם זיך אָנגעבלאָזן און ווי מיט הערנער צוריק געשטויסן:

— ניין, ניין!... פֿאַרוואָס טאַקע?...

ר׳ משהלע האָט איבערגעהאַקט, אויפגעהויבן די בליקן אויף אים. מאָדנע האָט אים אויסגעקוקט איצט זיין אויסזען: אַזוי די רוגזהדיקע באָרד, זיין אָנגעגליטער נאַקן וואָס האָט עפּעס ווי געדראָט, די אויפגעשויבערטע ברעמען, וואָס האָבן געהאַט אין זיך אַ סך צערייצטקייט. ער האָט זיך געוווּנדערט אויף דעם יידס היינטיקער, ביטערער האַרטנעקיקייט, וואָס לאָזט זיך ווי מיט אַ כיוון נישט פֿאַרענטפערן. ר׳ משהלען איז אַדורך אַ געדאַנק, אַז מיט חיים בינעמען איז היינט עפּעס נישט געווייגלעכס, ער מוז זיין חלילה נישט געזונט, אָדער עפּעס אַן אַנדער חולשת הלב, וואָרעם ער האָט אים נאָך אַזאַ אויפגערידערטן נישט געזען. ער האָט געוואָלט אים פרעגן די סיבה. נאָר ווען חיים בינעם האָט אָפּגעשאַרצט דאָס רעכטע לעדל, אָנגעקוקט אים מיט אַ גרויס גליענדיק אויג ווי ביי אַ צעווייטיקטער שטומער הויז־חיה, האָט ער זיך, ר׳ משהלע, אָפּגעהאַלטן, מורא געהאַט, ער זאָל

אים נישט דערמיט נאָך מער צעקלעמען. ער האָט זיך נאָר אָנגעבויגן און שטיל באַזאָרגט געפרעגט:

— וואָס איז אייך היינט אַזוי קשה, חיים בינעם?

— ס'איז מיר שווער... זייער שווער... — האָט זיך דאָס קול פון אים געטראָגן אַ טויבס, אַ צערדיקס — איך קאָן נישט אַרויס פון נעכטן אָן, ווי פון אַן ענגן שפּאַלט... ס'אַרן מיך אַ סך זאַכן און איינס פון זיי אויך דאָס: מיר האָבן דאָך אַ כלל: יחיד ורבים, הלכה — כרבים. און פאַרוואָס האָט דאָס בת־קול געזאָגט, הלכה כר' אליעזר?

ר' משהלע האָט אָפּגעוואָרט, זיך פאַרטראַכט. אַדורכגעשפּאַצירט מיט די ווייסע פינגער איבער זיין אויסגעצערטלטע פּאה, אַ גלעט געטאָן זיין יונגע העלע באָרד, אַ הייב געטאָן זיינע טיף־בלאָע אויגן איבערן צע־ליכטיקטן רוים, אַוועקגעקוקט אין ערגעץ. אין די געציילטע מינוטן האָט אין דער אַנטשטאַנענער שטילקייט זיך אַוועקגעשטעלט עפּעס געשפּאַנטס. ס'האָט זיך געהערט דאָס בולטע אָטעמען פון צוויי הערצער, איינס אַ לייכטס ,דאָס צווייטע אַ שווערס. גיך איז ר' משהלע צוריקגעקומען. ווידער זיך אָנגעבויגן צו חיים בינעמען און ווי ער וואָלט מיטגעבערענגט פאַר יע־נעם אַ זיסע נייעס, וואָס וועט אַלץ באַלד קלאָר און לויטער מאַכן, האָט ער מיט אַ נאָך מער פריינטלעכקייט אין דער שטים, נאָך מילדער און ווייכער ווי ער וואָלט אים איצט דערמיט אַרויסגעוויזן די גאַנצע ידידות, גענומען אויפסנייע אויפקלערן. און כאָטש די גרויסע מיט לעדער געבונדענע ש״ס־גמרא איז געלעגן אָפן פאַר די אויגן, האָט ר' משהלע אין איר נישט אַריינ־געקוקט, געשוועבט מיטן בליק ערגעץ אין אַ ווייטער הייך, ווי ער וואָלט מיט זיין אינערלעכער זעונגס־קראַפט אָנגעשפּאַרט צו דעם אומזעבאַרן קוואַל, וואָס נאָר ער אַליין קאָן פון אים שעפּן און טרינקען און פון דאָרט־פון זיינע טיפענישן טאַקע געשעפּט די באַשיידענישן:

— נאָך אַמאָל... תנן התם... אַז מען האָט צוזאַמענגעשטעלט אַן אויוון פון געברענטע רינגען... איז צווישן ר' אליעזרן און די חכמים דאָ אַ מחלוקה... זיי זענען — מטמא... און ער — מטהר... איז געקומען דאָס בת־קול און געזאָגט: אַז ר' אליעזר איז גערעכט, ווייל פאַראַן אַ רבים פון

כּמות און אַ רבים פון איכות. ר׳ אליעזר איז פון די בית־שמאי... פון די מחדדי טפי... זיין איכות — איז אויך אַ רבים!

— אַ?

— יאָ, תוספות פאַרענטפערט אַזוי... איר האָט אים, מוז זיין, נישט געזען...

חיים בינעם איז מיטאַמאָל געוואָרן איינגעשטילט, ווי אַן אויפגעשוימט ברויזיק וואַסער, ווען דער גאַז גייט אַרויס. דאָס פריערדיקע קריגערישע פייער, וואָס האָט אין אים געבושעוועט, נישט געלאָזט איינרוען, האָט ווי אַ צוגעדושעטע שריפה זיך גענומען לעשן. די שווערע רויטקייט האָט גענומען אָפּרונען. ער האָט זיך אויפגעבויגן, אָנגעלענט דעם קאָפּ אין ווענטל פון שטול, און טיף אָפּגעאָטעמט: ניין, ער האָט טאַקע דעם תוספות נישט געזען. און פאַרוואָס? ער ווייסט נישט... אָבער דערהערט האָט ער איצט אַ גרויסן אמת. ר׳ משהלעס לעצטע פאַרענטפערונג איז דערגאַנגען צו זיין דעת. ס׳האָט זיך ווי אַ געהיים טירל געעפנט און אַרויסגעפירט פון דער פינצטערניש אויף דער ליכטיקער שיין. איצט איז אַלץ צוריק קלאָר און ליכטיק, פון גאָרנישט מער פאַרשטעלט: יאָ, דאָס איז עס — האָט חיים בינעם מיט אַן אינערלעך קול צופאָטאָקעוועט — אַלץ איז איצט קלאָר און אָפן ווי מען נעמט אַראָפּ אַ טונקל טוך פון אַ פאַרהאָנגען פענצטער.

— יאָ, דאָס איז די ריכטיקע פאַרענטפערונג — נאָר אַזוי נאָך קאָן מען פאַרשטיין — האָט חיים בינעם אַ פאַרלייכטערטער געמורמלט.

ער האָט אַרויסגענומען אַ געבלימלט טאַשנטוך פון קעשענע און מיט דער ברייטער האַנטפלאַך ווי מיט אַ האַנטעך גענומען ווישן די וואַרעמע קלעפּיקע פייכטקייט איבערן פנים. ער האָט געווישט לאַנג און באַזאָכט, געקראָכן איבער דער האָריקער צעוואָקסנקייט, איבער די באַקן און שטערן. געפילט ווי ס׳ווערט אַלץ גרינגער, ווי אין זיין ברענענדיקן דאָרשט, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט ווי געצערט, נישט געקאָנט איינשטילן, איז אַריינגעקומען אַ גוטע קילונג. ס׳האָט זיך גענומען אָטעמען מיט עפּעס גוטס און גרינגס, ווי נאָך אַ שווערע חמימה ס׳טראָגט זיך אַן אַ קיל ווינטל.

אָבער דאָך, ביי דער גאַנצער אויפגעבונדנקייט האָט איך זיין געמיט געטומלט אַזאַ עלנטער צער: אויב די קשיא איז יאָ אַזוי שכלדיק און קלאָר געוואָרן פאַרענטפערט און מען האָט דאָס געקאָנט דערזען פון באַלד דערנאָענט, ווי דורך אַ באַלויכטענער לאָמפּ... טאָ פאַרוואָס איז עס פאַר אים אַזוי פאַרשטעלט געווען? מוז דאָך זיין, אַז ער איז נישט זוכה... ער קאָן נישט טרינקען פון דעם קוואַל מיט דער זעלבער זכיה ווי אַן אַנדערער...

— יאָ, כ׳בין נישט זוכה!... — האָט חיים בינעם זיך אויפגעריסן, אָנגעשטעלט די אויגן צו ר׳ משהלען און מיט אויסערגעוויינלעכן טרויער אין זיין שטים עס אַ זאָג געטאָן.

ר׳ משהלע האָט זיך נישט גלייך געכאַפּט, וואָס ער מיינט, אַרויפּ־געצויגן העכער די דינע ברעמען־שנורן אויפן שטערן, זיך איינגעקוקט מיט די קלאָרע דורכזיכטיק בלאָע אַפּלען ווי צוויי אויסגעוואַשענע איידל־שטיינער, אין חיים בינעמס געלאָשענעם געזיכט. ר׳ משהלע האָט געאַנט, ס׳טוט אים עפּעס באַהאַלטנס וויי.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן, חיים בינעם?

— איך מיין פּשוט. איך זע דאָך, אַז דער רבונו של עולם וויל מיר נישט אַנטפּלעקן זיין הייליקע תורה, זיין הייליק וואָרט... איז אפשר אויף מיר געזאָגט געוואָרן: תורה שאינה עמה מלאכה סופה בטלה... אפשר האָב איך גאָר באַדאַרפט זיין אַ קרעמער, צוהעלפן דער ווייב אין געוועלב ביי דער פּרנסה? זי אַרבעט דאָך אַזוי שווער, איינע אַליין... אָדער גאָר אַ בעקער, ווי למשל ביים שווער אין דער בעקעריי... און אַליין נישט מער טאָן ווי דאַווענען, זאָגן תהילים ווי אַנדערע פּשוטע יידן טוען... און איך רייס מיך מיט געוואַלט... און דערפאַר אפשר סופה בטלה... מיינע שווערי־קייטן!... מיינע יסורים!...

ר׳ משהלע, וואָס האָט נאָך פריער געזען, אַז חיים בינעמען קוועלט היינט עפּעס באַזונדערס, ער איז נישט ווי אַלעמאָל, האָט דערהערנדיק איצט דעם סוד פון דעם יידס עגמת נפש, וואָס האָט געקלינגען ווי אַ ווידוי, אַ גרויס רחמנות אים אַרומגענומען. ער האָט וויל געוווּסט פון יענעמס מאַטער, פון זיין „קשה לשמוע״, ער האָט אָבער אויך גוט געוווּסט פון זיין

גרויסער התמדה, אַרבעטן איבער זיך — אָפּפּערונג, פֿון זיין גרויסער פֿרומקייט און אויך, אַז ער האָט דורך לאַנגער מי, אויסדויער און טאַקע דורך גרויסע יסורים, ווי אַ פֿול אָנגעלייגטער שייער מיט תבואה, זיך אָנגעלייגט מיט תורה; זיין חיים בינעמס שרעק, איז אָבער אַזוי גרויס, אַז ביי יעדער קלענסטער זאַך, וואָס פֿאַרהאַקט זיך אים, ביי יעדן אות, וואָס ער פֿאַרשטייט נישט, פֿאַלט ער צו דער ערד ווי אַן אָרעמאַן אין שטויב, ווי ס'וואָלט שוין קלענערס און נידריקערס פֿון אים נישט געווען. אויך היינט איז עס אַזוי געווען ביי אים. ר' משהלען האָט זיין געפֿאַלנקייט שטאַרק גערירט. ער האָט אים געזוכט צו טרייסטן:

— חיים בינעם, וואָס שייך: תורה עם דרך ארץ — זאָגן די מפֿורשים, אַז דאָס מיינט מען צוליב התבטלות. נישט יעדער מענטש קאָן פֿאַרטראָגן צופֿיל פֿרייע צייט... מעג עס אפֿילו זיין ביים ספֿר... ס'שטעקט דערין אַ גרויסער נסיון און אפֿילו אַ סכנה... אָבער דער, וואָס איז אַר־יינגעטאָן אין דינען דעם רבון עולמים בלב ונפֿש, מיט דער גאַנצער נשמה און אמתער פֿרומקייט, איז עפּעס אַנדערש, איז נישטאָ די מורא...

ר' משהלע האָט זיך אָפּגערוקט, אַ שפּאַן געטאָן אַ טריט, באַלד צוריק געקומען און מוסיף געווען:

— און צווייטנס, אַ ייד טאָר גאָרנישט ביי זיך אַזוי פֿאַלן. דאַנקט דעם אויבערשטן, וואָס איר זענט ברוך השם אַ ייד אַ בן־תורה, טאַקע יאָ זיך אָנגעזאַמלט אַ שפּייכלער... און נישט קיין ליידיקן...

— אָבער פֿאַרוואָס אַזוי שווער, ר' משהלע? פֿאַרוואָס?

— פֿאַראַן אַ ווייַן, וואָס מען קלאָרט אים טראָפּנווייז, אַ טראָפּ נאָך אַ טראָפּ און ס'ווערט אויך פֿול דאָס פֿאַס...

— איך בין מיט זינד... — האָט נאָך אַ מינוט שווייגן חיים בינעם זיך ווידער אויפֿגעריסן, ווי ער וואָלט שוין אַלץ פֿון האַרץ געוואָלט אַראָפּ־ריידן.

— מיט זינד? היינו?

— איך בין מקנא...

— מקנא? וועמען? די, וואָס האָבן אַ סך געלט? — האָט זיך ביי ר' משהלען באַוויזן אַ לייכטער שמייכל אויף דער אויבערשטער ליפּ.

— ניין, די, וואָס האָבן אין זיך די אצילות, עפּעס דאָס, וואָס כ׳ווייס נישט ווי אָנצורופן... מן הסתם די גוטע תפיסה... דעם מעין המתגבר!

— מילא, האָבן מיר דאָך געלערנט: אחד המרבה ואחד הממעיט בלבד שיכוון לבו לשמים! און אַ מענטש ווייסט קיינמאָל נישט דעם שכר פון דער זאַך, ער דאַרף נאָר גיין אין ריכטיקן אָנגעצייכנטן וועג. וויפל מען קריגט פאַרן וועג ווייסט קיינער נישט...

חיים בינעם האָט אין די קלוגע רייד דערהערט טרייסט, חכמהדי־קייט. ער האָט געפילט ווי ר׳ משהלעס ווערטער טריפן אין אים אַריין אַ היילונג ווי גוטער באַלזאַם, מאַכן אים גרינגער, לייכטער. ער האָט מיט ממשות געשפּירט, ווי ר׳ משהלע זעצט אין אים אַריין חיזוק, שטאַרקט אים די נשמה.

— יאָ, — האָט חיים בינעם ווי דורך טרערן שוין אַ פאַרלייכטער־טער געזאָגט — וואָס וויל איך דען מער? וואָס פאַרלאַנג איך דען מער פון רבונו של עולם ווי דעם ריכטיקן וועג? כ׳זאָל קאָנען גיין דעם דרך הישר, אים דינען? נאָר דאָס וויל איך, נישט מער.

איצט, אין זיין דערלייכטערונג האָט זיך אין חיים בינעמען צוריק אויפגעוועקט די הנאה פון ר׳ משהלעס פריערדיקער פיינער פאַרענטפערונג. עס איז פאַר אים אויפגעגאַנגען צוריק דער גוטער טעם, ווי פון אַ קרעפטיק פאַרצערטער שפּייז, וואָס דער טעם איז נאָך אַלץ געבליבן אויפן גומען און דערמאָנט נאָך אַלץ דעם געניוס. פון דאַנקבאַרקייט איז ער גרייט געווען ר׳ משהלען אַרומנעמען, אים זאָגן אַ שבח. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, אים אָנגעקוקט. ס׳איז אָבער גאָרנישט אַרויסגעקומען. ס׳איז אים שווער געווען אויף אַ לויב־וואָרט. ער האָט זיך דערמאָנט דעם זאָג פון: „אחד המרבה ואחד הממעיט...״ און ס׳איז אים עפּעס געקומען אויפן זינען:

— ר׳ דודל, דער אַלטער רב, זכר צדיק לברכה, פלעגט דעם פסוק טייטשן, אַז דער שיכוון לבו לשמים... — דאָס איז דער ממעיט... אָפּגעבן ס׳האַרץ צום הימל, דאָס איז שוין ס׳ווייניקסטע, וואָס אַ ייד קאָן פון זיך געבן... אָבער ס׳איז דאָ נאָך מער, דער — המרבה!... אויפהייבן זיך הויך, הויך!...

ר׳ משהלע האָט זיך צעשמייכלט מיט אַ קוועליקן שמייכל. דער זאָג האָט אים געפּאַלן: — שיין, שיין... און אויך טיף!

ער האָט צוגענענטערט צו חיים בינעמען, אַרויפגעלייגט די האַנט אים אויפן אַקסל און מיט אַ סך האַרציקייט געזאָגט:

— חיים בינעם, אַ ייד איז טאַקע עפּעס אַזאַ גרויסע זאַך, וואָס ביי קיין שום פון די אומות־העולם איז עס נישטאָ... זיי קאָנען עס אפילו גאָרנישט משיג זיין... אַ ייד קאָן זיך אויפהייבן טאַקע אַזוי הויך, העכער פון אַן אָדלער... ווייל יעדע יידישע נשמה האָט אין זיך פון מלכות אלוקים!

— וואָ, וואָ, ווי פיין! — איז אויך חיים בינעם מיטגעריסן געוואָרן אין דער באַגייסטערונג — און איר, ר׳ משהלע, זענט ברוך השם געבענטשט פון אויבערשטן מיט גרויסע מתנות, הלוואי אויף אַנדערע יידישע קינדער!...

ר׳ משהלע האָט זיך לייכט פאַרויטלט פון חיים בינעמס געלויבעריי... ער האָט זיך עטוואָס אָפּגעקערט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז קליינערהייט האָט מען אים שוין אַזוי געלויבט. די מאַמע האָט אים געגלעט די פּאַהלעך און נאָך צוגעקושט. ער האָט זיך געשעמט און אַנטלאָפן. פון די פּלוצלינג אויפגעגאַנגענע ברעקלעך זכרונות, האָט זיך אין אים צעלייגט אַ גרויסע זיסקייט. ער וואָלט גרייט געווען עפּעס פון זיך אַראָפּגעבן דעם ייד. בכדי אים מיט נאָך עפּעס מהנה זיין, האָט ער זיך געקליבן אים זאָגן אַ שיינעם מאמר, וואָס ער האָט היינט אָנגעטראָפן אין אַ רבניש ספר. ער האָט געמאַכט אַ טריט אויף צוריק, געוואָלט אָנהייבן, נאָר דאָ האָט זיך געהערט אַ גראַבל ביי דער טיר. די טיר האָט זיך פּאַמעלעך אָפּגעעפנט. ס׳האָט זיך אַריינגעשטעקט אַ שניי־ווייס קעפּל — פּנחסל שמש, אַ בלאָנדזשע געטאָן מיט די אַלטע פאַרטערטע אויגעלעך און שטיל געזאָגט:

— ר׳ משהלע, דער רב, זאָל לעבן, רופט.

די צוויי מאַנצלייט האָבן זיך אויפגעוועקט, זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז שוין שפּעטע שעה, זיך אויפגעשטעלט פון טיש.

— איך גיי גלייך. זאָגט, זייט מוחל, איך קום שוין. — האָט ר׳ משהלע געמאַכט אַ אַשפּאַן אין מיטן שטוב אַריין, גרייט אָפּצוגיין.

אוןביידע שטיל צופרידענע, ווי זיי וואָלטן געוואָר געוואָרן דעם סוד פון אַ גרויסן אוצר, וואָס ליגט ערגעץ באַהאַלטן, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּן. ר׳ משהלע אין בית־דין־שטוב און חיים בינעם אין בית־מדרש אַריין אָפּדאַווענען.

ד

פֿאַרנאַכט אין אַלטן שטיבל

מנחה־מעריב גייט חיים בינעם דאַוונען אין אַלטן גערער שטיבל. אַזוי פֿירט ער זיך פֿון אַלע זיינע יאָרן: דעם גאַנצן בייטאָג — אין בית המדרש און אין אָוונט אין אַלטן שטיבל. דאָ קומען זיך צונויף די חסידים, אַלטע גוטע פֿריינט, אייגענע מענטשן, וואָס זענען צווישן זיך געבינדן מיט אַ באַזונדערע טיף־וואַרעמע, היימישע פֿריינטשאַפֿט. אָפּגעטומלט דעם טאָג מיט עסקים, מיט פּרנסה, מיט מחלוקת, מיט טענות, מיט געקריגערײַ — קומט מען איצט אָפּרייניקן אַביסל די נשמה, זי אָפּשטויבן, אָפּגעבן זיך צו גאָט. צום ערשט דאַוונט מען אָפּ מנחה און אין דער לאַנגער צווישנצייט, ביז מען וועט זיך שטעלן צו מעריב, זעצט מען זיך אַרום די טישן — לערנען. די לאָמפּן שוין אָנגעצינדן וויגן זיך אין זייערע געשטעלן אַראָפּ פֿון סופֿיט, אָבער זייער שיין פֿאַרטרייבט נאָך נישט אינגאַנצן די שאָטנס פֿון אויסגייענדיקן בין־השמשות, וואָס בלאָנדזשען דאָ באַהאַלטן אין די ווינקלען. נאָר ס'דויערט נישט לאַנג, גייען זיי אויך אויס. ס'ליכט ווערט שטאַרקער, שפּרייט זיך מיט אַן אויפֿגעבונדענעם פֿלאַם, דאָס לערנען הייבט זיך אויף העכער, ווערט לעבעדיקער, וואַכיקער, צווישן די שטיבל־ווענט — היימלעכער: ווער עס זינגט אויס מיט בענקנדיקן נגון אַן אגדתא, ווער ס'ברומט אויס האַרב־ניכטער — הלכה־דיקס, ווער ס'זאָגט מיט וואָכנדיק קול משניות און ווער ס'קרעכצט אַרויס מיט טיף סודותדיקן קרעכץ פֿון חסידישן ספֿר. די פֿאַרשידענע קולות גיסן זיך צוזאַמען אין איין געזאַנג, רייסן זיך ערגעץ צו די הייכן און פֿילן

אַן די לופט מיט יענער באַזונדערער הייסער בענקשאַפט פון פאַרנאַכט אין קלויז.

ביים גרויסן טיש, וואָס זיין אויבנאָן לענט זיך אָן ביים פענצטער אין מזרח און זיין עק גרייכט ביזן סוף מערב־וואַנט, זיצן די קבוע־לייט. עס זיצט דאָס שטענדיקע פּאָרל ר׳ אהרן מאיר איילמאַכער און ר׳ חיים קליגער. ביידע זענען זיי אַלטע לייט. ווייס — ווי טויבן. ביידע פאַרפלאָנצט מיט קינדער. מיט אייניקלעך, ווי סעדער מיט ביימער און ביידע אָנגעפילט מיט יאָרן, ווי קירבעסן מיט יאָדערן. זיי פירן ביידע נאָך מסחר, שטייען בייטאָג אין זייערע קראָמען, דינגען זיך מיט קונים, מיט פויערים, מיט ווייבער, מיט דינסטן — ציען פון גאָטס האַנט אויף זייערע אַלטע יאָרן די חיונה. ערשט אין אָוונט קומען זיי זיך צוזאַמען ביים טיש. איצט גייט זיי פון דעם בייטאָגיקן גאָרנישט מער אָן. פאַר זייערע אויגן שוועבט אַן אַנדערע וועלט, אַ שענערע, אַ ריינערע, אַ דערהויבענערע, אַזאַ ווייט הויכע און דאָך אַזאַ נאָענטע — די וועלט צום הימל. זיי זיצן צוזאַמענגעדריקט אַקסל ביי אַקסל ווי זיי וואָלטן געווען צונויפגעוואַקסן. די קעפּ זענען ביי זיי אַראָפּ־געלאָזט ביז טיף אין די שורות פון די גמרא־בלעטער און ביידע ווי גענייטע שווימערס, שווימען זיי דאָרטן אין טיפן ים.

אַביסל צייט איז ביי זיי רויק, שלום־ושלוה, ווי צוויי ליבע שותפים, וואָס זענען איינשטימיק מיטאַנאַנדער, וואָס גלייכן זיך אין דער דעה. אָבער פּלוצעם ווי פון דער העלער הויט, קומט ביי זיי עפּעס פאָר — אַ פּלוצלינגע פאַרכמאַרונג אין מיטן העלן זונענטאָג... איינער האָט זיך מיטאַמאָל עפּעס איינגעשפּאַרט און לאָזט נישט דעם צווייטן גיין ווייטער... ער באַשטייט נישט!... דער אַנדערער קוקט אים אָן פאַר־ווונדערט, ווערט זיך, אַמפּערט זיך, ענטפערט אָפּ, גיט צו פאַרשטיין, אָבער ס׳העלפט נישט. זיין חבר לאָזט נישט... ווערט ער אַליין אויך שוין בייזער און עס ברעכט אויס צווישן זיי אַ קריגעריי, וואָס ווערט אַלץ עקשנותדיקער, שאַרפער און עס דאַכט זיך: אָט, אָט און עס ברעכט אויס דער אמתער ברוגז... זיי טענהן מיט די הענט, מיט די בערד, מיט די געדיכטע ברעמען. מיט רוגז, מיט הויכן קול, דראָען זיך מיט די פינגער, ווי דאָס וואָלטן זיי נישט געקאָנט מער צווישן זיך הויזן און זענען גרייט

זיך צו צעשיידן, אויס חברשאַפט, אויס פריינטשאַפט, אויס חברותא... אָבער דאָ, פונקט ווי זיי האָבן אומגעריכט אָנגעהויבן, שטילן זיי זיך פּלוצים צוריק איין. זיי באַטראַכטן זיך שטילערהייט איינער דעם אַנדערן: אפשר האָסטו טאַקע רעכט? קריגן צוריק פריינטלעכע פּנימער. די אויגן שמייכלען צו זיך אויפסניי און צוריק איז שלום. ווידער לאָזן זיי אַריין די מיט ברילן־באַזאַטלטע נעז אין ספר. ווידער טוען זיי זיך צונויפ־דריקן. דאָסמאָל נאָך פעסטער פון פריער און ווערנדיק אַרומגענומען מיט אַ נאָך טיפערע וואַרעמערע פריינטשאַפט, וואָס פאַרייניקט זיי איצט אין צוויי שטילע גליקלעכע מענטשן, נעמען זיי זיך נאָך טיפער וויגן און לאָזן הערן נאָך זיסער זייערע אַלטע פאַרוויגטע שטימען.

אָפּגערוקט פון זיי, אויף אַנטקעגנאיבער, זיצט אין יחידות שמחה לייבעש יאַרידניק. ער איז אַ מאַרק־פאַרער. שמחה לייבעש, פאָרט אין אַלע טעג פון דער וואָך אויף יאַרידים מיט שניטוואַרג, מיט צעלניק. יעדן טאָג אין אַן אַנדער שטאָט און שטעטל, איז זיך פון דעם מפרנס. אינגאַנצן איז ער אַ שפּיציקער, אַ שאַרפער, ווי אַ קאַנט פון אַ דרייעקיקער פייל. אַלץ ביי אים, די נאָז, די גאָמבע, די קינבאַקן, די אויגן, די קליינע קלינישע באָרד, איז אויסגעצויגן שפּיציק שאַרף — הונגעריק נאָך עפּעס. זיין אויסזען האָט אין זיך עפּעס פון אַ נזיר. אויך אין זיין לעבן איז דאָ עפּעס נזירישס, פאַרבאָרגנס, טרויעריקס — ווייניק עולם הזה. דאָס לערנען ווי די תפילות אין סדור, שלינגט ער, כאַפּט ווי עפּעס זידיקס, ווי ער וואָלט זיך שטאַרק געאיילט, מורא געהאַט מען זאָל אים נישט צונעמען אין דערמיט, אָפּרייסן אים פון דעם, וואָס עס איז אים אַזוי טייער און אַזוי געוואַלטיק אַ שאָד. ביים דאַוונען שטייט ער נישט איין רויק אויפן אָרט. עס טרייבט אים, הייבט אים, יאָגט אים. ער וואַרפט זיך אינגאַנצן אויף דעם קליינעם שטיקל שטח, ווו ער שטייט, ווי אונטער אים וואָלט זיך די ערד געהויבן, גע־פּאָרעט מיט הייסן דאַמף — געטריבן אים אַרויס אינגאַנצן פון גוף... אין דעם קאַרג שטיקל אָונט, וואָס ער קומט אַריין פון אַ נאָך צוריקגעקומענעם יאַריד, קומט ער אַריינצופליען ווי אַן אויסגעהונגערטער היישעריק. ער וואַרפט זיך אַוועק אויף דער באַנק מיט פּלי, און הייבט שוין אָן צו זאָגן, ווי ער וואָלט דאָס ממשיך געווען נאָך פון וועג, פון דער פור... און מיט

אַזאַ שנעלקייט, מיט אַזאַ ברען, ווי ער וואָלט געוואָלט אַלץ מיטאַמאָל איינ־שלינגען, צוריק דעריאָגן, וואָס דער טאָג האָט צוגענומען ביי אים. און די טעג נעמען אַ סך ביי אים צו — און די מלאכה איז נאָך אַזוי גרויס און דער טאָג אַזוי קורץ!... און ער פאַרלירט אַזויפיל אין די אומצייליקע שעהן... און ווי נעמט מען דאָס אַלץ צוריק?!...

שמחה לייבעש רייסט שוין שטיקער ביי זיין לערנען. מיט גליענ־דיקע פונקען, ווי דער שמיד, ווען ער קלאַפּט אויס דאָס גליאיקע אייזן אויף דער קאָוואַדלע. אויך ער שמידט איצט ביי זיין אינערלעכן פייער, וואָס ברענט אין זיין אינגעווייד, ערגעץ אין די טיפע טיפענישן און ער קאָן עס נישט איינשטילן. ער ווייסט, ער וועט דאַרפן באַלד זיך צוריק אַהיימ־קערן און אין שטוב וועט ער צוריק אָנטרעפן דעם גאַנצן האַרמידער: דאָס ווייב, די קינדער, געשרייען, געליאַרמען, געשפּאַרענישן. מען וועט ווידער פּאַקן, צונויפלייגן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג די סחורות, בינדן די דרענגער, פּאַרקלאַפּן די קאַסטנס, ער וועט ווערן אויסגעליידיקט פון גאַטס וואָרט: ווידער וועט זיין די זאָרג, דער עול, דאָס רייסן זיך מיט די קונים, מיט די פויערים, מיט די בויד־שכנים, דאָס ציטערן פאַרן ביסל לייזונג — און ער וועט ווערן צוריק פאַרשפּינען אין טומל, אין דעם הבל הבלים... וואָלט ער געוואָלט דערפאַר די שעהן זאָלן זיך ציען, ער זאָל זיך אָנטרינקען וואָס מער, אָנזאַמלען אין זיך וואָס פולער, ווי דער קעמל דאָס וואַסער, ווען ער לאָזט זיך אין וויטן מדבר...

שמחה לייבעש איז שוין סאַמע גלי, אַ פאַרגעסענער אין דער גאַנצער וועלט, איין שטיק אומרו. ער זיצט שוין נישט, נאָר הייבט זיך, פליט, ברענט, שאָקלט זיך, ווי אַ צעוויגטער בוים אין שטורעם, רייסט מיט מיט זיך, און אַלץ שאָקלט זיך שוין מיט אים מיט: די באַנק, דער טיש, די לאָמפּ, די ספרים און דאָס קול, וואָס קומט פון אים אַרויס, איז אַ שטיקנדיקס, פון טיפיקן טאָל, אַ קול, וואָס איז פול מיט לעכצונג, מיט בענקשאַפט, וואָס שרייט צו אימיצן, צו אַ ווייט פאַרבאָרגענעם, מיט גרויסן געשריי, מיט דורשטיקער, אויסטערלישער תשוקה —

— געוואַלד, ממעקים קראתיך ד״!! — — — —

העכער פון אַלעמען, אויבנאָן, זיצט ר׳ הענעך זענדל, אָדער ווי מען רופט אים: ר׳ הענעך יודע משהס. זיין געשטאַלט איז גלייך ווי אַ שלאַנ־קער סאָסנע־בוים. זיין פּנים איידל געפלעגט. די מלבושים ביי אים זענען זויבערע, שפּיגלדיקע. ער האָט די בראָנפן־שענק אין מיטן מאַרק און איז פון די אָנגעזעענסטע חסידים אין שטיבל. די שענק אין דער היים פירט דאָס ווייב פייגע דאָבריש, אַ יידענע אַן אשת־חיל און ר׳ הענעך גיט זיך אָפּ מיט וואַלד־מסחר, מיט זיין שותף ר׳ זעליק קאָזשמין, וואָס פירט אויך ווי ער, אויסער דעם וואַלד־האַנדל, נאָך אַ תבואה־געשעפט, וואָס און דערמיט גיט זיך אָפּ דאָס ווייב מיט די קינדער. ר׳ הענעך זיצט געלאַסן, אַריסטאָקראַטיש, מיט איידעלע באַוועגונגען. דעם שטערן אונטער־געהאַלטן פון זיינע ווייסע לאַנגע פינגער און קוקט דורך די גרויסע שפּאַקולן אין דער גרויסער מיט לעדער געבונדענע גמרא. ער זינגט נישט ער ברומט נישט, שרייט נישט, ער זיצט שטיל פאַרטיפט אין זיך, לערנט מיט רויקייט, מיט מתיקות, ווי בכלל ס׳איז זיין התנהגות אין לעבן. דאָך אַמאָל טוט ער זיך אַ צערודער, וועקט זיך אויף, טוט זיך אַ צעשאָקל ווי דאָס געבלעטער אופן שפּיץ בוים, ווען דאָס ווינטל באַרירט זיין קאָפּ. ברומט אויפן קול, ווי ער וואָלט דאָס מיט זיך אַליין געפירט דעם שמועס און באַרויקט זיך. דאָס איז ביי אים אָבער נאָך נישט דאָס ריכטיקע לערנען, ער וואַרט אויפן שותף, וואָס באַדאַרף אויך באַלד קומען, ער וועט זיך צו אים צוזעצן און זיי וועלן ערשט אָנהייבן צוזאַמען אויף אַ רעכט לערנען.

און אָט באַווייזט זיך ר׳ זעליק קאָזשמין. אַנדערש ווי ר׳ הענעך איז ער אין גוף מאָגער, איינגעפאַלן, זיין פלייצע געבויגן, זיין מראה אַ געלבלעכע, אַ נישט געזונטע, זיין באָרד אַ שמאָלע, שיטערלעכע. נאָר די אויגן זענען ביי אים אָפענע, קלוגע, זעעוודיקע, עפּעס אויסגעליטענע. ער שפּאַנט צו צו ר׳ הענעכס אָרט, זעצט זיך צו. זיי רעדן גאָרנישט, פרעגן זיך נישט אויס, זענען נישט מפסיק. ער דערזעט ר׳ הענעכס ווייז־פינגער אָנגעשטעלט אויף דער שורה, הייבט ער גלייך מיט אים אָן, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס געווען אַוועקגעגאַנגען פון אים און איצט קערט ער זיך צוריק. זיי הייבן אָן באַזאַכט, זענען זיך צום ערשט מעין און דערנאָך

הייבט זיך דאָס קול ביי זיי העכער, אָבער אַלץ נישט אַרויס פון די ברעגעס. זיי פירן צווישן זיך אַזאַ געלאַסענעם היימישלעכן שמועס, ווי זיי וואָלטן דאָס גערעדט וועגן אַנדערע וויכטיקע זאַכן, וועגן מסחר־ענינים (זיי לערנען טאַקע אָפּטערס איינע פון די „בבא׳ס״...), וועגן ברייט־פאַרטיפטע געשעפטן. ר׳ זעליקן קומט טאַקע אינמיטן דרינען עפּעס אויפן זכרון: ער דערמאָנט זיך, אַז דער פריץ האָט אים געשיקט אָנזאָגן, וועגן שניידן דעם וואַלד; ער וויל, דער שררה, אַז מאָרגן אינדערפרי זאָל מען קומען שניידן, אויב נישט, זאָגט ער זיך אָפּ אָפּ פון דעם פאַרקויף, איז אויס קנין... יאָ, ער באַדאַרף עס טאַקע ר׳ הענעכן אָנזאָגן, ס׳איז וויכטיק... ער שפּרייט אויס די האַנט ווי אַן עירוב איבערן בלאַט, הייבט אויף דעם קאָפּ, וויל נעמען דערוועגן רעדן. ער טרעפט זיך אָן מיט ר׳ הענעכס אויגן. זיי זענען נישט וויליק איצט צו עפּעס אַנדערש, פרעמדס. זיי זענען פאַרפלייצט מיט אַנדערע מחשבות, וועגן העכערע וועלטן, העכערע ענינים. ר׳ זעליק באַמערקט עס, ווערט אים אַליין אויך אַ שאָד דאָס איבעררייסן, דאָס מפסיק זיין די קלוגע ממרא, טוט ער אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף שפּעטער — שפּעטער וועט ער דערציילן. נעמט צוריק אַראָפּ די האַנט און בײדע לאָזן צוריק אַריין די קעפּ און נעמען זיך אונטער־טינקען, טיפער, טיפער אין יענע אייביקייטן.

לאַנג וועלן זיי אַזוי נישט זיצן. זיי וועלן אָפּלערנען זייער געזעצטן שעור, אָפּדאַוונען מעריב און אַהיימגיין. אין דער היים וועלן זיי זיך ערשט אַוועקזעצן ביי פּאַפּירן, קוויטעס, אַדורכפירן חשבונות, אַרומרעדן אַלע וויכטיקע ענינים. דערנאָך וועט יעדער ביי זיך אין שטוב, אַרומגענומען מיטן בני־בית, מיט דער גוטער היימישער וואַרעמקייט אָפּעסן דאָס גוטע נאַכטמאָל, אָפּגעבן גאָט דעם דאַנק און שבח און גיין שלאָפן מיטן בטחון אויף אַ הצלחהדיקן שניידן דעם וואַלד און אויף אַ גוטן ריווח...

אָפּגערוקט וויטלעך, שוין ביים סאַמע עק טיש, זיצט חיים בינעם. מיט אים — זיין תלמיד שיע באַרסקי. די באָרד אַ צוזאַמענגעקוועטשטע איז אַריינגעלאָזט אין חיים בינעמס פאַרמאַכטער פויסט ווי אַן אתרוג. ער פּרעסט זי ווי ער וואָלט פון איר געקוועטשט זאַפט. דער שטערן איז אָנגע־

שטרענגט, גלאַט אָפּגעצויגן פון אַלע קנייטשן ווי אַ לעדער, און די אויגן דורכגעדרינגענע, פאַראַנקערט צווישן די אותיות. זיי שפּיזן, ווי זיי וואָלטן אַדורכגעקוקט ביז אויף דער אַנדערער זייט... ער איז אַ טויכער איצט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גרונט, טויכט אין דער טיפעניש, זוכט צו געפינען די פּערל... שיע באַרסקי, ווי אַ תלמיד ביים רבין, וואַרט ביז ער, חיים בינעם וועט אויפוואַכן, צוריק אָנהייבן לערנען אויפן קול און דעמלט וועט ער מיט אים ווייטער גיין איבערן שווערן געדרייטן וועג, וואָס איז פול מיט בערג און טאָלן, מיט גליטשיקע אַראָפּהאַנגען, אָבער מיט ווייטע פינקלדיקע וואַסערלעך, מיט אָאַזיסן — אין זייער גאַנג. ער אַליין איז נאָך אַלץ אומבאַהאָלפן, פאַרבלאָנדזשעט אין דעם לאַבירינט פון דעם קליינעם עקיקן כתב, פון דער אַזוי ווייט אַלט־פרעמדער שפּראַך, וואָס איז אויסגעגאָסן ווי אַ גלייכע באַרג־פּליטע, אָן וועג־צייכנס, אָן ווייז־סימנים און מען דאַרף זיין גוט געניט, ווי אַן אַלטער באַרג־קלע־טערער, צו וויסן ווו זיך אָפּצושטעלן, ווו זיך אָנצוהאַלטן און ער מוז זיך טאַקע נאָך שטאַרק אָנהאַלטן אין זיין רבין, דעם וועג־ווייזער.

אָבער אויך דעם רבין, באַמערקט ער, איז אָפּטמאָל שווער. דער וועגווייזער אַליין פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל און זוכט אָנגעשטרענגט צוריק דעם וועג. אינמיטן גיין אויפן גלאַטיקן וועג גיט ער זיך מיטאַמאָל אַ שטעל אָפּ — אַ מכשול האָט זיך פּלוצעם אַוועקגעלייגט פאַר זיינע פיס... אויפן שטערן קומט אַרויס אַן אָנגעלאָפענער בלאָער אָדער און די אויגן ווערן אָנגעגאָסן מיט ווילדלעכן פלאַם. ער ווייסט, דער רבי מאַטערט זיך דעמלט און זיין הייבן זיך אַרויף, ווו ער וועט סוף כל סוף דערגרייכן...

אַצינד אָבער איז גאָר עפּעס אַנדערש. עפּעס גוטס, ליכטיקס איז אין חיים בינעמס פּנים, ווי דאָס אַריינקוקן דאָרט וואָלט אים פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן. ער האַלט ביים זעלבן פּרק, וואָס איז היינט פאַר אים אַזוי שווער און סודותדיק געווען, אים אָנגעטאָן יסורים, לאַנגע שעהן אים געמאַטערט און ר׳ משהלע האָט אים אויפגעקנופּט. איצט איז עס פאַר אים שוין גאָר קלאָר, קוקט אַדורך ווי דורך אַ ליכטיקע שויב... ווי אַ רויך איז עס זיך צעגאַנגען אונטער ר׳ משהלעס כשופדיקע פינגער און אַלץ איז אַזוי פּשוט, ווי עס וואָלט דאָ גאָרנישט געווען וואָס שווער צו זיין.

ער וואַכט אויף, בייגט זיך אָן אין שיעס זייט, לאָזט אַרויס די באָרד פון האַנט. זי רירט אָן שיעס אַקסל און זאָגט מיט אַן איינגעהאַלטענע התפעלות, ווי ער וואָלט דאָס נאָך געדעדט פון דער מחשבה:

— כ׳האָב אייביק געטראַכט, די תורה איז דאָך מים חיים, קוואַל־וואַסער און פאַרוואָס זאָל זי זיך נישט ווי יענץ קוועליק וואַסער אַריינגיכן זיך לייכט, גרינג אינעם מענטשן? פאַרוואָס זאָל דאָס אָנקומען מיט אַזוי־פיל שווערקייט און יסורים? און איך האָב דאָך ביים רבונו של עולם קיינמאָל נישט מער געבעטן: ווי גיב מיר אַ ריינעם געדאַנק, מאַך, אַז דיין תורה זאָל זיך אין מיר אַריינזאַפּן ווי זומער־רעגן אין לעכצנדיקער ערד... נאָר אַצינדערט, אין דער רגע, איז מיר קלאָר געוואָרן: אַזאַ גרויסע הייליקייט קאָן נישט אָנקומען גרינג, אָן מי... עס איז געגליכן צו אַ טויכער, וואָס מוז זיך אַראָפּלאָזן נאָך די פּערל טיף אין ים אַריין...

שיע קוקט זיך איין אין אים און פילט אָפּ דאָס אינערלעכע גליק פון אָט דעם אויסערלעך האַרטן אָבער אינערלעך אויפגערודערטן ייד. ער אַליין האָט אויך אַמאָל אַזאַ געפיל, אָבער נאָך פאַרנעפּלט, נישט ריין. אין אים מאָנטשעט נאָך פון יענעם אַמאָליקן לעבן... צו פיל יאָרן האָט ער אַוועקגעגעבן אויף הפקר... געמיינט, אַז דאָס זיסע צוקערל, וואָס מען רופט: עולם הזה — דאָס איז אַלץ. דאָס איז טאַקע דאָס לעבן! היינט איז ער שוין אַ יונגערמאַן, האָט אַ ווייב, ער ווייסט מער... ער גייט צוריק, אָבער ס׳איז שוין נישט לייכט. ער האָט פאַרשפּעטיקט, זיך פאַרנאַכלעסיקט, טאַקע ווי די דורשטיקע ערד, וואָס דער רעגן איז געקומען צו שפּעט — ווי חיים בינעם האָט דאָ דערמאָנט. אים איז שווער, ער איז נישט גאַנץ. עס טרייבט אין אים נאָך עפּעס אַן אומרו. ער ווייסט נישט וואָס — צום אַמאָ־ליקן וויל ער מער נישט צוריקקערן. אָבער דאָס נייע לעבן קומט אים אויך נישט אָן גרינג. ס׳אומרויקט מיט נסיונות, מיט שווערקייטן, וואָס פאַרשאַפן אים אָפטמאָל פיל צער. אויך היינט האָט עס אים געבראַכט שברות הלב, אויפגעברענט ביז בייז בלוט: אַ יידענע, אַ בלעכערקע, וואָס דער מאַן האָט זיך ביי אים געענוג אָנגעבאָרגט, שעמט זיך אַליין צוקומען, האָט ער זי געשיקט נעמען ווידער אויף באָרג. ער האָט איר אָפּגעזאָגט (ער קאָן דאָך נישט צעטיילן דאָס געוועלב). זי האָט זיך פון כעס געקרימט,

געטענהט און צום סוף ווי אַרויס פון די כלים, אַ געשריי געטאָן: „געמאַכטער חסיד!... ס'האָט גאָרנישט קאַ רחמנות!...” דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין די שלייפן, אין פנים, נישט געוווּסט וואָס איר אָפּצוענטפערן. ווען זי איז אַוועק האָט זיך אין אים געוווּנען אַלץ הייבן: וואָס וויל מען פון אים? קאָן ער דען אַלץ צעטיילן? און אַז ער איז פרום געוואָרן, איז וועמענס עסק? דאַרף ער זיך מאַכן פאַר אַן אָרעמאַן? דאַרף מען אים דאָס בלוט צאַפּן? אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער זיך פון דעם גאָרנישט געמאַכט, אַזאַ יידענע אַרויסגעוואָרפן, און זי, די יידענעטשינע וואָלט באַלד נישט געהאַט קיין העזה אים עפּעס זאָגן. היינט איז עס אויף אים אַ בייטש, ער פילט די שמיץ, ס'טוט אים וויי...

איצט, אַפילו דאָ ביים טיש זיצט ער נאָך מיט דעם געדריקטן געמיט.

— יאָ, אַז מען איז זוכה... אַז מען איז זוכה... — טוט שיע פּלוצלינג אַזאַ זאָג, ווי ס'וואָלט זיך אים אַרויסגעריסן פון זיין טיפעניש, און די גאָלד־רויטלעכע ברעמען לאָזן זיך אַראָפּ ברוגזלעך איבער די אויגן.

חיים בינעם קוקט זיך אין אים איין. לויט דער שטים און געענדערטער פאַרב פון זיין פּנים דערקאָנט ער, אַז עפּעס טוט זיך ביי אים אינעווייניק.

— וואָס איז מיט דיר? וואָס ביסטו היינט עפּעס נישט אַזוי אַהין און נישט אַהער?...

שיע הייבט אויף צו אים די אויגן־אַפּלען. די שפּיצן באַקן פלעמלען ביי אים, ווי ביי אַ יינגל, ווען ער באַדאַרף דערציילן עפּעס שעמעוודיקס, דערזעענדיק אָבער חיים בינעמס וואַרעמען מיטפילנדיקן בליק, ווערט ער דרייסטער און נעמט דערציילן. דערציילט אַראָפּ אַלץ, וואָס ליגט אים אויפן האַרצן.

— וואָס ווונדערסטו זיך — רייסט אים איבער חיים בינעם נאָכן אויסהערן אַביסל פון דערציילטן און אין זיין שטים איז דאָ עפּעס טרייסטנדיקס — שטייט דאָך: לפום צערא אגרא... וועדליג דעם צער איז דער שכר... אויך ביי דיר איז אַזוי... דער צער רייניקט דיך...

— אָבער ווי לאַנג?... ווי לאַנג?...

— ס׳וועט קומען די צייט, וועסטו אַליין נישט וויסן דורכוויאַזוי...
און אַלץ וועט זיך פֿאַרציען מיט אַ נייער הויט...

— דער נסיון איז אָבער אַזוי גרויס און שווער!...

שיע דערציילט אים שוין נאָך פֿון אַנדערע זאַכן, פֿון דמיונות, מאַטערנישן, פּלאָנטערנישן, וואָס וועקן אין אים אויף אומרו, רופֿן אַרויס אַמאָל אין אים אויך שרעק, יאוש — ס׳איז שווערע מינוטן... קאָן זיך נישט קיין עצה געבן...

חיים בינעם שווייגט, איז פֿאַרטראַכט, ווי ער וואָלט דאָס אַלץ דער־ציילטע, איבערגעזען. ער ווייסט, אַז דער יינגערמאַן מיטן געלן בערדל, גייט אויף אַ נייעם וועג, אַ גרויסן וועג, אַ גרעסערן אפשר פֿון אים — דער וועג פֿון תשובה!... ער וואָלט נאָך געוואָלט אים עפּעס זאָגן, דער־ציילן אים דערויף אַ חסידיש מעשהלע, מחזק זיין, ער וויל אָבער נישט איצט צופֿיל מבטל זיין פֿון לערנען. ער לייגט עס אָפּ אויף אַן אַנדערש מאָל. ער שאָקלט זיך אויף, טוט אַ שטאָרך שיען מיטן אַקסל:

— די בעסטע עצה צו דעם, שיע, איז נאָר לערנען... דאָס לערנען פֿאַרטרייבט אַלע בייזע מחשבות... רייניקט אויס, גיט אַריין אינעם מענטשן כוח און שטאַרקייט... נו, לאָמיר לערנען, נישט מבטל זיין. אַ שאָד די צייט... תניא — האָבן מיר געלערנט...

ביידע בייגן זיך ווידער אָן. צוריק פֿאַרטרינקען זיי זייערע געזיכ־טער אין די פֿאַרגעלבטע בלעטער און אויפּסניי גיסן זיי אַריין זייערע הונגעריקע ברומענדיקע קולות אין אַלגעמיינעם כאָר, וואָס הייבט זיך מיט פֿלאַטערדיק געזאַנג צו די שאַטנדיקע באַלקן־ווינקלען, רייסט זיך צו הויכע, הויכע הייכן.

רבקהס בענקשאַפט צום געבערן

רבקה איז געווען אַרומגענומען מיט אַן אויסטערלישער תשוקה צו געבירן קינדער. קינדער — דאָס איז געווען איר לעבן, איר טרייסט. זי האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס אין איר לייב, שפּאַרט אַזוי די בענקשאַפט צו געבן פון זיך פרוכט. און דוקא אַ סך. אפשר איז דאָס געווען, די לאַנג־אויסגעשטאַנענע, אויסגעבענקטע מיידלשע צייט, ווען זי האָט געמיינט, זי וועט שוין פאַרזוימען? און אפשר דאָס צוקוקן זיך צו דער געפאַלנקייט פון דער שיינער רייזל, איר קוזינקע, — איר כאַווערטע פון די יונגע יאָרן — געווען אַ כוואַטישע ליכטיקע מויד, אַ פריילעכע, און היינט נאָך דער חתונה גייט זי אַרום מיטן קאָפּ אַראָפּ, אַ דערשלאָגענע, פאַר דעם וואָס די טראַכט איז ביי איר פאַרשלאָסן און דער מאַן קוקט דערפאַר אויף איר ברוגזלעך, קרום; און אפשר האָט דאָס גאָר אין איר געשפּאַרט די קרעפטיקע געזונטקייט אירער, איר זיך רייסנדיקער, פרוכטפערדיקער גוף צום געווינען?

סייווי, רבקה איז אַרומגעגאַנגען מיט אַן אייביקן הונגער צו געבירן. ווען דער בויך איז ביי איר געווען, אין אַביסל צייט ליידיק, אַן אויפגעגאַנגענער שפּראָץ, איז איר געווען ווי אומעטיק, זיך געפילט נישט מיט זיך... זי איז געווען שרייאיק, ראַציק, געברומט אויף די מענטשן, געקריגט זיך מיט די קונים, געטריבן פון זיך די היימישע. ווען זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, איז זי געוואָרן גאָר אַן אַנדערע, אַ רויקע, אַ ווייכע, אַן איינגעשטילטע, אַרומגעגאַנגען מיט אַ ליבע גליקזעליקייט אונטערן האַרצן, וואָס עס האָט אויך געמאַכט אַראָפּשיינען פון איר פּנים, פון אירע אויגן. אַלץ

אין איר איז געוואָרן אָנגעגאָסן מיט גוטסקייט, מיט רחמנות, אַלץ אין איר — שענער, איידעלער.

זי האָט אין דער צייט אויך באַקומען אַ באַזונדער גוט געפיל צום מאַן. געוואָרן צו אים צוגעבונדענער, ליבלעך, געטריי. געזוכט זיין נאָענט־קייט, זיין אָנוועזנהייט. זי האָט אים גאָר אַנדערש פאַרשטאַנען: אַ מענטש איז פאַרבענקט צום לערנען — זאָל ער! זי האָט דאָך דאָס געוווּסט און אויף זיך גענומען. מוז זי מקיים זיין, אים אויסהאַלטן.

און זי האָט אים טאָקע אויסגעהאַלטן. געשפּייזט, מיט גוטע נאַר־האַפטיקע שפּייזן. וואָרעם זי האָט געוווּסט: די געזונטקייט און קרעפטיקייט פון מאַנצביל — דאָס איז זיין שיינקייט.

צוזעצנדיק זיך צו אים, צו דער אָונט־וועטשערע, שוין נאָכן פאַרמאַכן די קראָם, דערלאַנגענדיק אים זיין באַליבט מאכל: אַ הייס אָנגעווירצטע שוואָמענזופּ, פאַרבראָקט מיט אַ סך ציבעלע, קנאָבל, אַ טונקל קאָפּערדיק ברויט אין זייט, האָט זי זיך געגרייט אים אָנזאָגן איר וויבע־רישע נייעס. זי האָט זיך צוגערוקט דאָסמאָל צו אים נענטער. אָוועקגעלייגט די הענט אויפן קאַנט פון טיש און פּלוצעם זיך פאַרגאַנגען אין עפּעס אַ באַ־זונדער קרעכצל. אָפּגעקרעכצט איינמאָל, אַ צווייט מאָל, פאַרקרימט זיך אין אַ העויה, און שטיל ווי צו זיך געמורמלט:

— כ׳ווייס אַליין נישט... כ׳בין עפּעס נישט אַזוי ווי מען באַדאַרף...

דער מאַן האָט אויפגעהויבן די אויגן, זי אָנגעקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק:

— וואָס, דו פילסט זיך עפּעס נישט גוט, רבקה?

— כ׳מיין ס׳איז עפּעס אַנדערש... כ׳האָב אַ סימן: ס׳איבלט מיר אונטערן האַרצן...

חיים בינעם האָט פאַרשטאַנען איר ווייבערישע אָנצוגעהערעניש. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זיינע בולטע קינבאַקן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט געפּלעמלטע אָדערלעך. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן זי זאָגט עס שטרענג, מיט פאָרוווּרף, ווי זי וואָלט דערמיט זאָגן: נו יאָ, איצט וועט זיך דאָס לעבן פאַר איר נאָך שווערער אַוועקשטעלן, נאָך מערער מוזן אַרבעטן, נאָך מער

די כוחות פון זיך אַרויסיאָגן... ער האָט ווי שטענדיק אין אַזוינע מינוטן, געשוויגן. זיך געפילט עפּעס ווי שולדיק.

רבקה האָט אויפגעכאַפּט זיין פאַרלעגנהייט, געשמייכלט אין זיך. ס׳האָט זיך איר מאָדנע געגלוסט איבער אים שפּאַסן. זי האָט געוווּסט, זי באַדאַרף נאָר אָנציען אויף זיך אַן ערנסטע מינע, דאָס קול שאַרפער מאַכן און זי וועט אים אַריינברענגען אין גרויסער פאַרווירונג: דאָס מעסער, דער לעפל וועט פאַלן פון זיין האַנט. זי האָט רחמנות געהאַט. אָבער ס׳זאָל אַדורכגיין אינגאַנצן „גלאַטיק״, האָט זי אויך נישט געוואָלט.

— אַז ס׳איז מיר אַזוי אויך טאַקע נישט לייכט... איצט וועל איך זיין ווי אַ געבונדענע...

דער מאַן האָט נישט באַלד אָפּגעענטפערט. געזעסן מיט אַן אַראָפּגעקוקטן בליק צום טיש. געקייעט לאַנגזאַם אַ ברוין שטיקל רינדל. דערנאָך מיט אַ שטיל מפייסדיקער שטים, קוים צו הערן, ווי ער וואָלט זי דערמיט איבערגעבעטן, געזאָגט:

— מילא... ס׳איז באַשערט... וואָס ווייסט אַ מענטש... און קינדער האָבן, איז אַ זכיה... די אבות אַליין האָבן אויך געמוזט דערויף בעטן... אַזאַ צדיק, ווי אברהם אבינו אפילו...

— אַוודאי אַ זכיה... — האָט זי נישט נאָכגעגעבן — ער האָט דאָך געבעטן — זי זאָל האָבן און נישט — ער... וואָסט אָרט ענק מאַנצלייט, אַז ס׳ווייב מוטשעט זיך, שלעפּט זיך אַרום מיטן בויך, פּלאָגט זיך אָן און גייט דערנאָך אויס אין ווייען... דער בעל־ברית איז דאָך דער מאַן. ער איז — באַלעבאָס! אים קומט דאָך דער מזל טוב!... אים קומט — דער אויבנאָן!...

— איי, איי, ווי דו רעדסט... ווי דו רעדסט, רבקה!... ס׳פּאַסט גאָר־נישט!...

— אוודאי פּאַסט נישט... אוודאי נישט... ס׳איז נישט דער אמת אַזוי? ס׳פאַדריסט אים נאָך, כ׳רעד!...

אָבער דוקא איצט, אין דעם הייטערן קלאַנג פון איר שטים, האָט ער דערהערט דאָס פריילעכע, גוטע. דערקאַנט, אַז דאָס שפּאַסט זי מיט אים גוטמוטיק. ער האָט זיך אויפגעבויגן, זי אָנגעקוקט. געזען ווי פון אירע אויגן, שפּאַרט אַזאַ לוסטיק ווייבערישע צעשפּילטקייט, אַזאַ זעלטענער

מונטערער גלאַנץ און צוגלייך אויך אַזאַ ליבע־ליבלעכקייט. און ס׳איז אים אַליין געוואָרן פריילעך אויפן האַרצן.

— מ׳דאַרף דאַנקען דעם באַשעפער, דאַנקען אים, הערסט וואָס כ׳זאָג דיר, רבקה! — האָט ער געווישט די האַנטפלאַכן איינער אין דער אַנדערער מיט חדוהדיקייט, פאַרצויגן שטיף די קנייטשן פון שטערן, ווי שטענדיק ווען ער וויל אויף איר עפּעס משפיע זיין צום גוטן — ווען דו זאָלסט וויסן, וואָס אונזערע הייליקע ספרים זאָגן וועגן דער גרויסקייט פון ברענגען קינדער אויף דער וועלט, ממשיך זיין דורות מזרע אברהם, וואָלסט אַליין פאַרשטאַנען ווי גרויס די מצוה איז דערפון...

ער האָט אָפּגערוט, זיך אָפּגעגלעט מיט ביידע הענט די באָרד, און אָנבויגנדיק זיך צוריק, ווי ער וואָלט געוואָלט איר נאָך געבן עפּעס צו פאַרשטיין, האָט ער מוסיף געווען:

— דו זאָלסט געבן צדקה מער, הערסט, רבקה! זיי נישט חס, באַהאַנדל גוט די אָרעמע ווייבער. זיי האָבן גרויסע זכותים אין הימל... גאָט ברוך הוא וועט דיר פאַר אַלעם אָפּגעבן.

— כ׳טו געננג.

— כ׳וויס. טו מער!

— מ׳זאָל זיין געזונט. כ׳וועל שוין זען.

ביידע זענען זיי אין דער דאָזיקער באַזונדערער שעה, געזעסן ווי צוויי יינגע גליקלעכע מענטשן, אין זייער ערשטער מאַן־און־ווייבשאַפט, ווען ס׳איז זיי צום ערשטן מאָל אָנגעזאָגט געוואָרן די פריילעכע בשורה פון ברענגען פרוכט אויף דער וועלט... זי איז געווען אַרומגענומען מיטן זעלבן גליקלעכן געפיל ווי אין יענעם ערשטן מאָל נאָך דער חתונה, ווען זי האָט דערשפירט דעם ערשטן צאַפּל אונטערן האַרץ, פון דעם צום לעבן אויפגעקומענעם וועזן. ער, אָפּפילנדיק איר גליקלעכקייט, האָט זיך אַליין אויך געפילט באַ׳שמחה׳ט. זיי האָבן ווי נאָך קיינמאָל אין קיין אַנדערער צייט, ליבלעך, ממש פאַרבענקט געקוקט זיך אין די אויגן.

חיים בינעם האָט דאָס איבעריקע עסן שוין אָפּגעגעסן באַטעמטער, געשמאַקער, געוויגט זיך מיט נעימות, ווי ביי אַ יומטובדיקע סעודה, צוגעברומט זיך עפּעס אַ היימישן נגון און ביים בענטשן האָט ער דאָסמאָל נאָך

פרומער, האַרציקער געזאָגט די ברכות, אויסגעצויגן דעם: „את ביתי, את אשתי, ואת זרעי"... — לאַנג און מיט שטאַרקער כוונה. געבעטן אין דער מחשבה צום באַשעפער, פאַר דער ווייב, פאַר די קינדער, פאַר דער גאַנצער שטוב.

*

אין די הויכע חדשים, ווען דאָס נייע לעבן אין איר איינגעווייד, האָט זיך אַלץ מער געריפּט, געצייטיקט, געגעבן זיך שטאַרק צו פילן, האָט רבקה זיך געשטופּט מיט דעם הויך אויפגעגאַנגענעם בויך פאַר אַלעמענס אויגן ווי מיט אַ צירונג, ווי זי וואָלט זיך דאָס געגרויסט מיט דעם שיינעם פּרעזענט וואָס זי האָט באַקומען און וויל זיך דערמיט באַווייזן פאַר דער גאַנצער וועלט.

רבקה איז דעמלט אַריין אין אַן אַנדערע געפילן־וועלט — אַ ליכ־טיקע, אַ דערהויבענע. גוט צו אַלץ און אַלעמען. זי האָט פאַר איר שטיל גליק אָפּגעצאָלט מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט: צוגעוואויגן אַן אָרעמען קונה צו דער וואָג, געגעבן אויף באָרג די אַזוי אויך פאַרשולדיקטע ווייבער, אויף וויפל ס'איז נאָר געווען אין איר מעגלעכקייט, אַוועקגעטראָגן אַן עלנטן קראַנקן אַ האַרץ־דערקוויקונג, אַ ביסל לובינג, אַ שפּרינג אַריינגעטאָן צו אַ קימפּעטאָרן אויף באַזוך און מיט אַ באַזונדערן רחמנות און ליבשאַפט געגעבן אַן אָרעמאַן, אַ מדינה־גייער אַ לעפל געקעכץ.

אָנגיסנדיק אין קיכל דעם טעלער עסן, דערלאַנגנדיק אים, האָט זי אין איר אייביקער איילעניש, צוריקיאָגנדיק זיך צו איר אַרבעט אין געוועלב, דעם פרעמדן אונטערגעטריבן:

— שנעלער, שנעלער!... מאַכט נישט קיין שהיות... כאַפּט אַרייַן און אַנטלויפט... איך האָב נישט קיין צייט...

דער אורח וואָס האָט דערווייל באַוויזן אַ כאַפּ טאָן אַ בליק אויף איר הויכער אויסגערונדיקייט, האָט מיט כיטרע געניטע רייד געזוכט זי מפייס צו זיין, זי איינגענומען מיט זיסע געשיקטע ווערטער:

— פאַר דעם וועט אייך גאָט העלפן, איר וועט זיך איילן אויף שמחות!... איר וועט זוכה זיין צו אַ בן־זכר, אַ בן־תורה און אים דערציען בתוך הרחבה, צו חופּה, תורה און מעשים טובים!...

רבקה האָט זיך צוגעהערט צו דעם אָרעמאַנס ברכה, ווי צו אַ הייליקע הבטחה: וואָס ווייסט זי? ס'קאָן דאָך זיין ער איז אַ פאַרבאָרגענער צדיק... מען זאָגט דאָך, אַז צווישן זיי, זענען דאָ פאַרבאָרגענע למד"וניקעס, וואָס זייער ברכה ווערט ביי גאָט ווויל אָנגענומען... פון אַן אינערלעכע געזירטקייט האָבן זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן. זי האָט פאַרגעסן די איילעניש, צוגעגאָסן אין טעלער נאָך אַ שעפּלעפל און דערנאָך ביים אָוועקגיין אַריינגעשטופּט אין האַנט אַ שענערע נדבה. דער אָרעמאַן האָט זיך געבוקט, געבויגן, געדאַנקט:

— ס'זאָל איך געשיקט ווערן פון הימל כל טוב! געזונט און עשירות! און גוטע קינדער!

— אמן! אייערע ווערטער זאָלן ווערן וואָר! — האָט זי פרום ציטערדיק נאָכגערופן, ווי ביי קדושה.

*

רבקה האָט אַרויסגעוויזן גרויס בריהשאַפט ביי די קימפּעטן. תמיד גלייך נאָך די ערשטע ווייען, נאָך די ערשטע קרייסעניש, די הייבאָם האָט נאָך נישט באַוויזן זיך רעכט צורירן, און דאָס באַשעפעניש'ל איז שוין געווען אויף דער וועלט: „ס'קינד רייסט זיך פון איר מיט אַ רייסעניש, ווי אַ אַרעסטאַנט פון תפיסה... זי ברויכט גאָרנישט קיין באַבע!"... — האָט די אַלטע פאַלעקטע די „הייוון" (הייבאָם) געשריגן איבער די גאַנצע שטוב, מיט איר הייזעריקלעך, באַסאָווער שטימע, צו דער הנאה פון אַלע הויזיקע.

רבקה איז געלעגן אין בעט, אַ גרויסע, אַ ריזיקע, אַ צעשיינטע, געקוקט אויף אַלעמען, מיט גוטע ליבע אויגן, מיט אַ זיסע פאַרוואונדערונג, מיט אַ ליבע פאַרגעבנגג. אָפּגעפילט איר אייגענע חשיבות, געפילט זיך גליקלעך.

חיים בינעם דער מאַן, האָט אין די טעג פאַרזוימט אין דער היים לענגער, כמעט דעם גאַנצן טאָג. ער האָט זיך געפּאָרעט אין געוועלבֿ, צוגעהאָלפן אין שטוב. דאָ אַריינגעברענגט אַן עמער וואַסער פון פּלומפּ, פון שכנישן הויף, דאָ געשפּאָלטן אַ שייטל האָלץ פאַר דער קיך, ווו ס'האָבן זיך געוואָרעמט טעפּ מיט וואַסער, יאַכלעך, גריצן, דאָ אַרויסגעגאָסן דאָס פאַ־

מעשאָף און נאָך אַנדערע זאַכן צו וועלכע ער איז נישט געוווינט געווען און זיך נישט צוגערירט אין אַ פּראָסטן אינדערוואָכנס... חיים בינעם האָט די אַלע זאַכן געטאָן מיט ערנסט, מיט כוונה, ווי אַ שטייגער ער טוט אַלע אַנדערע מצוה־זאַכן. ער האָט געטאָן מיט דער זעלבער אָפּגעהיטנקייט און געהאַט די זעלבע גרויסע, אינערלעכע, זעלטענע הנאה.

ווען אין שטוב איז געוואָרן אַביסל ליידיקלעך פון די פרעמדע ווייבער, פון די שכנהטעס, האָט ער זיך געשאַרט טיפער אַרויף צום פענצטער, ווו אין ווינקל איז געשטאַנען דאָס קימפּעטאָרן־בעט. זיך אַוועקגעשטעלט אין אָפּגערוקטער ווייט, אַריבערגעקוקט צו איר און מיט אַזאַ נישט דרייסטן אויסדרוק אויפן פּנים, ווי ער וואָלט זיך דאָס צוגעשאַרט אונטער אַ פרעמ־דער טיר. זי האָט אים אָפּגעפּילט אונטער דער פוירהאַנג. אָפּגעבויגן אַ ברעג פון פאַרהאָנגענעם ליילעך, וואָס האָט זי פאַרשטעלט ווי אַ ווענטל, אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ, אַהינגעקוקט צו אים. זי האָט איבער עפּעס, נישט געקאָנט איינהאַלטן אין זיך דאָס געלעכטער. ס׳איז איר געווען מאָדנע: סיי פון זיין אומדרייסטן שטיין פונדערווייטנס און סיי פון זיין נעבעכדיק בעטנ־דיקער מינע. צוויי שורות גרויסע געזונטע ציין האָבן זיך ביי איר אָפּגע־שאַרצט, דורך וועלכע ס׳האָט זיך אַדורכגעזייעט אַ וואַרעם פריידיקער שמייכל. ביי חיים בינעמען האָבן זיך אויפגעהויבן די געדיכטע ברעמען, אָפּגעדעקט גרויסע אָפּלען און אַ ברייטער, וואַרעמער ענטפער־שמייכל האָט אַרויסגעשטראָמט פון זיין גאַנץ פּנים, זיך צוגעצויגן ביז די אויערן, אַראָפּ־געלאָזט זיך אין דער באָרד.

— וואָס מאַכסטו, רבקה? — איז זיין קול, נישט ווי זיין שטייגער געווען אויסערגעוויינלעך צערטלעך ליב.

— אַ דאַנק גאָט, אַלדאָס גוטס!

— ברוך השם! און ס׳קינד?

— אויך גוט. אַ דאַנק דעם באַשעפער! הלוואי ווייטער!

— געלויבט השם יתברך!

ער האָט די ברעמען פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט, דעם שטערן אויסגע־גלייכט פון די קנייטשן און מיטן בליק געגומען זוכן אין יענעם ווינקל ווו דאָס עופּהלע איז געלעגן. זי האָט עס אַ הויב געטאָן מיט אירע הענט, פון

זיך, העכער — אים ווייזן. ער האָט געשטרעקט די טאַטישע אויגן, זיך איינגעקוקט און ס׳געזיכט האָט זיך אויפסנײַ צעלאַכט מיט אַ ברייטן געלעכטער. עפּעס גוט־געטרייעס און גוט־ווּנטשנדיקס איז אין דעם אַלעם געלעגן:

— מיט געזונט!... מיט לעבן! — האָט ער שטיל געמורמלט מיט די ליפּן צו דער שטוב און צו נאָך עמיצן וואָס מען זעט אים נישט...

— נו, בעל־ברית, ביסטו כאָטש צופרידן?

— ש־ש־ש... רעד נישט... ברוך השם!...

— זאָלסט בעטן אַ שיינעם עולם צו דער סעודה!

— אם ירצה השם!... אם ירצה השם!...

ס׳האָט זיך געהערט אַ גראַבלען ביים טיר און ער האָט זיך גענומען שנעל צוריק אַוועקשאַרן.

פון זיין, דעם מאַנס „וויזיט״, האָט זיך אין רבקהן, נאָך מער געוועקט די הייטערקייט. אַ ליבע קוויקעניש איז אין איר אויפגעגאַנגען, סיי צום לעבן, סיי צום מאַן און סיי צום ברעקעלע, וואָס האָט געברענגט שמחה אין איר שטוב. דער ניי געבוירענער, געוויקלט אין לאַנגן וויקלקישן, איז געלעגן ביי איר זייט, האָט זיך געראַנגלט, געביילט די פויסטלעך, געמאַכט העויות — נאָך געגליט אין זיין רויטקייט, ווי אַ זאַך וואָס איז ערשט אַרויס פון גליענדיקן שמעלצאויוון און האַלט זיך אין פּאַמעלעכן אָפּלעשן... רבקה האָט געקוקט דערויף מיט געטרייען מאַמישן רחמנות. דאָס מיטלייד האָט זי צענומען: „זי האָט עס דאָך אָפּגעטיילט פון איר לייב — פון איר פלייש; ס׳איז דאָך ערשט געווען מיט איר — איינס: געקניפּט און געבינדן מיט איר אינגעווייד, באַהאַלטן אין איר אינערלעכן שויס...״ אַ רגע האָט איר באַ־הערשט אַ פאַרלאַנג, עס צוריק צו באַהעפטן צו איר גוף, צוריק אָנקניפּן. זי האָט עס אַרויפגענומען אויף זיך, צוגעדריקט צו איר קרעפּטיקן קערפּער און ווי די מוטער־קו, וואָס באַלעקט מיט איר צונג, אין אירע ווייטיקן נאָך, דאָס ערשט געבוירענע ולד און רייסט זיך עס צו נערן, עס זאָל נעמען פון איר די אָנגעקומענע מילך — אַזוי האָט רבקה געלעקט עס מיט די בליקן, געשטופּט די, ווי אַ לאָגל אָנגעגאָסענע ברוסט, אין קינדס מיילעכל, צוגעשעפּטשעט: „זויג, זויג, אוצרל מיינס!...״ דאָס שוועלבל, ווי ס׳וואָלט געקו־

מען אויף אונדזער וועלט, מסוכן אויסגעהונגערט, האָט אויך אַזוי מסוכן זיך צוגעכאַפּט צו מאַמעס־וואָרצל, גיריק געזויגן, מיט הנאה אין זיך אַריינגענו־מען, די זיסע, קרעפּטיקע וואַרעמע מאַמישע זאַפט.

דער מאַמען האָט עס געפרייט, געוויילט. געפילט ווי מיט יעדן קינדס נאָג — פליסט אָן אין אירע אָדערן אַ זעלטזאַמער, זיס־שפּרודלדיקער סאָק, וואָס טרינקט זי אַליין אָן, ווי מיט אַ טייערן היילנדיקן תענוגפולן געטראַנק.

*

לאַנג האָט רבקה נישט געקאָנט איינליגן אין קימפּעט־בעט. נאָכן דריטן, פערטן טאָג, האָט זי זיך שוין געריסן פון געלעגער, געוואָלט אויפשטיין, זיך אָנטאָן, כאָטש אַריין אין געוועלב צו דער אַרבעט. די היי־מיש־שטוביקע האָבן זי מיט כוח איינגעהאַלטן, נישט געלאָזט. געהאַלטן ס׳איז נישט שיין, ס׳איז נישט יידישלעך, און אויך מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע.

— וואָס רייסטו זיך אַזוי פון בעט? רו אויס אַביסל דיינע ביינער...

דאָס איז דאָך די איינציקע צייט, ווען דו קאָנסט זיך אַ קאַפּ אויסרוען — האָט פּראַדל די מוטער, אויך אַן אשת־חיל פון אַ יידענע אויף איר מאַמעדיק געטריי אָנגעשריגן.

— מאַמע, זעסט דאָך, אַלץ גייט איין אָן מיר...

— ס׳גייט איין, ס׳גייט אויס... ס׳וועט חלילה גאָרנישט איינגיין... ס׳וועט נישט מינער ווערן. האָב נישט קאָ מורא.

מען האָט זי קוים איינגעהאַלטן ביז איבערן ברית.

אין טאָג פון ברית האָט זיך רבקה אויפגעהויבן. אָנגעטאָן זיך אין שבתדיקן קלייד מיט די פליטערלעך, אָנגעצירט זיך אין שבתדיקן צירונג און אויפן קאָפּ אַ נייע הויב. עטוואָס אָן אָפּגעמאָגערטע, אַ בלאַסלעכע, האָט זי אויסגעזען נאָך העכער, געשטאַלטנער און איידעלער. זי האָט זיך אַרומ־געקוקט ווי ס׳שטופּן זיך אַריין יידן — חסידים, אַלטע פריינט, אָנגעטאָענע אין ריינע טוכענע קאַפּאָטעס, טייל אין זיידענע ייפּעצעס, מיט צעשמייכלטע בערד, פריילעכע אויגן, מיט הייטערן גערידער. זעצן זיך אַרומען טיש

הײמישלעך, מיט הרחבהדיקײט, װי בײ אַן אײגענעם קרוב. אַרום זײ שפּאַנט איר מאַן װי אַ קאָמאַנדיר. איז אָנגעטאָן אין דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע. די באָרד אַ צעפּאָכעטע, די גאַרטל אַ צעװינטיקטע, איז אַ פּאַר׳טרוד׳טער, אַ צעװאַרעמטער, גיט באַפעלן, זאָגט אָן, װײזט אָן יעדן זײן אָרט.

טאָפּלט חשוב איז בײ רבקהן דעמלט דאָס געפיל געװאַקסן. ס׳איז דאָך אַלץ — איבער איר! זעסטו — אָט זי, די אױסגעהאָרעװעטע, אַ גאַנץ יאָר נישט אָנגעזעענע רבקה איז איצט דאָס אױבערשטע פון שטײסל, דאָס קרײנדל... אומרויק האָט זי נאָר געמאַכט, װען זי האָט זיך דערמאָנט אין די באַלדיקע װײטיקן פון קינד.

און אָט האָט מען זיך שױן געגרײט טאַקע, דאָס קינד צו ײדישן. רבקה איז געזעסן צװישן קרענצל װײבער און מיט אַ פלאַטער אין די אױגן געבענישטערט אַהין דאָרט צו די מענער. זי האָט געזען װי מען לײגט אַװעק דאָס קינד אױף די קני פונעם סנדק. ר׳ שלום מוהל, הײבט אױף דאָס מוהל־מעסער, ס׳טוט אַ בלאַנק װי אַ בליץ װאָלט אַדורך. ער זאָגט הויך די ברכה און פון דער אױסגעהאָרעװעטער, אױסגעפּרוּװטער רבקה האָט גע־נומען רינען טרערן פון די אױגן.

— װאָס װײנסטו? — איז די מאַמע פּראַדל צו איר צוגעשטאַנען — ס׳איז נאָך חלילה קײן ײדיש קינד דערפון גאָרנישט געשען... אונזערע ײדישע צרות זאָלן אַזױ לאַנג אָנהאַלטן װי די װײטיקן בײם קינד װעלן אָנהאַלטן.

רבקה האָט שטיל געװײנט און אױסגעװאַרט שױן די מינוט מען זאָל איר צוריקברענגען דאָס קינד. װען מען האָט איר דערלאַנגט צוריק דאָס שװעלבעלע, אַ זיך נאָך רײסנדיק אױפן קול, האָט זי עס אַ כאַפּ געטאָן, צו זיך צוגעדריקט, געװיגט עס אױף אירע אָרעמס, אַרונטער אונטער דער פּוירהאַנג עס אָנזײגן און לאַנג נישט געװאָלט עס פון זיך אַװעקגעבן.

עס האָט זיך אָנגעהױבן די סעודה. ס׳געזעמל ײדן איז געזעסן צעעפנט, צעגאַרטלטע, געגעסן, געטרינקען, געזונגען, געזאָגט תורות, דער־צײלט מעשהס פון גוטע ײדן. רבקה און די מאַמע פּראַדל האָבן פון פריער געזאָרגט, ס׳זאָל אױף דער שמחה גאָרנישט פעלן, ס׳זאָל זײן אָנגעגרײט פון אַלעם גוטן. דאָס איז בײ רבקהן און אױך בײ דער מוטער געװען װי

אַ געבאָט. נאָכן מאַכן די ערשטע לחיימס, האָט מען זיך געוואָשן צו די ברוינע בילקעס, וואָס פראַדל האָט ספּעציעל אין איר בעקערײ פאַרגרייט. מען האָט אַרײנגעברענגט, אויך די הייס אויסגעפּרייעטע קאַשע, פאַר־שמאַלצן מיט בראָט־יויך, וואָס מען האָט עס אַרויסגערוקט פון הייסן בעקער־אויוון. די חסידים — דערזעענדיק די נאָווינע, דאָס הייסע שמעקנדיקע טשאָלנט, אין אַ מיטנוואָכנסטאָג, האָבן זיי זיך נאָך מער צעלאָזט. זיך פאַרגאַנגען אין פריילעכע אויסגעשרייען: איי... איי... אַהער!... אַהער!... און מיט פלייס זיך צוגעכאַפּט, געטונקען, געשלינגען. פון וויל־שמעקעוו־דיקייט, פון תענוג, האָט מען געקרעכצט, זיך באַלעקט, ווידער געזונגען, דאָסמאָל נאָך נחתדיקער, האַרציקער: אוי, אוי, בדמיך חיי!... אוי, אוי, בדמיך חיי!...

משה וועלוול, דער שטיבל בעל־מנגן האָט גענומען מיט זיין הויך דין קולכל, אויף דער הויכער אָקטאַווע. דין זיס געצויגן: ש־י־ר־ה ח־ד־ש־ה... ש־ב־ח־ו ג־א־ו־ל־י־ם... געטרילירט די ווערטער, ווי פלייט־לעך — אַ זיסקייט איז צעגאַנגען אין די ביינער.

די איבריקע יידן אין זייער דערהויבן געמיט, פאַרטראָגן אין אַנדע־רע לויטערע הייכן, האָבן אונטערגעהאַלטן, צוגעבאַמקעט, צוגע־פויקט מיט די שפּיצפינגער אין טיש: בים... באָם... ותביא גאולה לבני בניהם... בים־באָם... מזל טוב!... מזל טוב!...

פאַר רבקהן האָט דאָס אויסגעזען ווי זי וואָלט זיך געפינען אין אַן אַנדערער וועלט, גאָרנישט אויף דער ערד: די פאַרפלאַמטע יידן! די צע־שיינטע פּנימער! דאָס געזאַנג! — דאָס האָט זי אַרײנגעבראַכט ווי אין טרוים. און כאָטש זי האָט די ווערטער פון די זינגענדיקע תפילות, נישט פאַרשטאַנען, האָט זי גוט אָפּגעפילט די זיסקייט און הייליקייט פון זיי... דאָס איז דאָך אַן אָפּצאָלונג — פאַר איר!... נישט בחינם גיט זי אַוועק די יאָרן אין איר אויסגעריסענער אַרבעט, אין דער שווערער מי און האָרע־וואַניע ווו זי האָט נישט קיין טאָג, נישט קיין נאַכט... אָט איז איר שכר! און זעטס נאָר ווי אַלע פרייען זיך, סיי פרעמדע, סיי אייגענע: די ברידער, די שוועסטער, טאַטע־מאַמע, אפילו שכנים — ניין, ס׳איז מיט גאָרנישט דאָ צו באַצאָלן פאַר די דאָזיקע טייערע מינוטן.

זי האָט אין דעם מאָמענט גינציקער געקריגן דאָס גאַנצע הויז־געזונט. געקוקט זיך אַרום, צאַרט, פאַרליבט. אומגעזען פאַר אַלע אַנדערע — זיי אַרומגענומען: נאָר אויף לאַנגע יאָרן!

נאָך לאַנג, לאַנג דערנאָך האָט רבקה זיך געהילט אין יענע פריידיקע רגעס. אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרבאָרגן גליקלעך געפיל טיף אין איר נשמה.

ה

ווען דער ליבער שבת-קודש קומט אָן

פאַראַן, גייט אַ מענטש אַ לאַנגן ווייטן וועג, פילט זיך מיד, פילט די כוחות גייען אים אויס, ער בענקט נאָך אָפּרו, נאָך מנוחה. און אָט דערזעט ער מיטאַמאָל די ערשטע טורעם־שפּיצן פונעם ישוב שפּאַרן זיך אַרויס פון ווייטן — אַן אָנזאָג פון זיין היים. דאָס האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט האָפענונג און פרייד, עס גיט אים די לעצטע קראַפט־שטויסן צו דערגיין דעם איבעריקן וועג —

אַזוי איז אויך געווען מיט רבקהן ווען עס האָט גענענט דער טאָג פון שבת.

די גאַנצע וואָך — איז פאַר איר געווען דער ווייטער וועג, דער באַרג אַרויף און אַראָפּ, די שטיינערנע פעלדזן, ווו זי האָט זיך געשלעפּט מיט מי, זיך צעביילט די פיס, צעקלאַפּט די קריזשעס, אַרויסגעשלאָגן פון זיך דאָס חיות, און דער אָנקומענדיקער שבת — דער סוף וועג, די טורעם־שפּיצן, וואָס זאָגן אָן די אויסגעבענקטע געבענטשטע רו, די אָנקומענדיקע מנוחה.

שבת איז פאַר רבקהן געווען דער איינציקער גוטער טאָג, וואָס האָט איר אָפּגעצאָלט פאַר אַלע קוועלענישן און נויטן, פאַר די לאַנגע, שווערע ווי בליי זיך ציענדיקע מעת־לעתן פון דער וואָך. אין דעם דאָזיקן הייליקן טאָג איז זי געוואָרן אויסגעלייזט פון אַלע גזרות און פורעניותן, פון אַלע צרות און יסורים, נישט באַדאַרפט זאָרגן, נישט באָרגן, נישט קלאָפּאָטשען זיך מיט קיין קונים, נישט ציטערן פאַר די גוים, נישט שרעקן

זיך פּאָר יעדן מינדעסטן מונדיר... נישט ברעכן זיך אויף דעם וואָגן צו גאַנצע נעכט, כדי צוברענגען דאָס ביסל סחורה אין דער קראָם.

שוין מיט גאָר אַן אַנדערן קוראַזש, האָט זיך רבקה אויפגעכאַפּט אין פרייטיק פאַרטאָג. ווי נאָר דאָס ערשטע גרויע ליכט איז צוגעקומען צום פענצטער, האָט רבקה, ווי ס'וואָלט איר עמיצער אַ שטויס געטאָן, זיך גלייך איבערגעוועקט. זי איז אויפגעשפּרונגען מיט אַזאַ וואַכקייט, ווי זי וואָלט שוין געווען אָפּגעשלאָפן אַ גרויסע לאַנגע נאַכט. הגם אינדעראמתן איז זי געשלאָפן קוים אַ קליינע פּאָר שעה, ווייל אין די דאָנערשטיקע נעכט לייגט זי זיך שפּעט. דאָס איז געווען אַן אַנדער מין אויפשטייען, גאָרנישט ווי אין אַלע איבעריקע טעג פון דערוואָך. מיט דער געפלינקייט פון אַ הירשן איז זי אַראָפּ פון בעט און אויך מיט אַזאַ גיכקייט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די קליידער, אָפּגעוואַשן זיך הענט און פּנים און שוין גענומען זיך צום טאָן.

די שטוב איז נאָך פאַרוועבט מיט פאַרטאָג־שאָטנס, מיט געשמאַקן מענטשלעכן דרימל. זי שוועבט אין דער טונקלקייט, ווי אַ גרויסער לופט־טיקער וואָלקן.

דאָס ערשטע צו וואָס זי נעמט זיך, איז דאָס געבעקס; זי דעקט אָפּ דאָס קישן פון מולטערל, וווּ זי האָט נעכטן אויפדערנאַכט פאַריוירן דאָס חלה־טייג. זי טוט אַ קוועטש מיטן פינגער אין אויפגעגאַנגענעם ווייכן טייג־לייב, זעט ס'איז פּוכקע, ס'שפּרינגט אָפּ, קנייפּט זי אָפּ אַ שטיק, די גרויס פון אַן איי, מאַכט אַ ברכה, וואַרפט עס אַריין אין פּליטע און נעמט דאָס איבעריקע אויסקנעטן, אויספּאַרטיקן. באַלד נעמען פליען פון אונטער אירע פינגער, גרויסע און קליינע חלות, בייכיקע קוילטשן, פּלעכטלעך, צעפּלעך, קיכלעך, פּלעצלעך, קריינדלעך, חנדלעך; אַלץ מיט אַזאַ ספּריט און גע־שיקטקייט ווי אַ קונצנמאַכער, וואָס ברענגט אַרויס פאַרבאָרגענע פאָקוסן...

אָפּגעפּלאַכטן, סדרט זי דאָס אַריין אין פאַנען, פענדלעך, אין בעקנ־דלעך. שמירט אונטער מיט אויסגעקלאָרטן אייל אויפן דנאָ, די חלה־פּנימער מיט אייער־געלבל, באַשיט מיט מאָן, מיט צוקער, מיט קרישקעס — פאַרטיק אין אויוון אַריין.

אָפּגעטאָן דאָס אַלץ און אויך צוגעגרייט די פיש און פלייש, מייערן־

צימעס, אַרומגעבעט מיט ביינער, ראָזינקעס, צימרינג, מאַנדלען. אַלץ אַוועק־געשטעלט אויפן קיכל אין די רינגען, ווו מען וועט שפּעטער אונטערהייצן. אָפּגעטאָן די לכבוד־שבת־מלאכה, נעמט זי וועקן דעם איבעריקן עולם און אַליין לאָזט זי זיך אַרויס אין דער קראָם.

דער פרייטיקדיקער טאָג איז אמת דער שווערסטער און פאַרמו־טשנדיקסטער פון דער גאַנצער וואָך. ער שטעלט זיך באַלד אין דער פרי מיט גערידער און געפּילדער. פריער פון אַלעמאָל קומען היינט די ווייבער און מיט אַזאַ געזשומעריי און טומל, ווי דאָס וואָלטן אַנגעפלויגן מחנות צערייצטע קאָמאַרעס פאַר אַ רעגן... זיי רעדן נישט, נאָר שרייען, פּילדערן, געוואַלדעווען. וואָס איינע וויל עפּעס אַנדערש. איינע וויל צוקער, די צווייטע — זאַלץ, אַ דריטע — פעפער, צימרינג, אַ ליכטל, אַ פּעקל שווע־בעלעך, אַ שאַכטל שוואַקס, אַ קוואַרטירל נאַפט, אַ קנויטל, אַ גלעזל צו אַ לאָמפּ, אַ בייטל סאָדע — און אַלע מיט אַזאַ געאייל, מיט אַזאַ געפּלאַטער, ווי ביי יעדערן אין דער היים וואָלט זיך געריסן דאָס קינד, אָדער געלאָפן די יויך... אין אַ געוויינלעכן טאָג, אַז די ווייבער פּילדערן צופּיל, ווערט רבקה בייז און שרייט אויף זיי אָן. היינט איז זי צו זיי געדולדיק, שווייגט. זי פאַרשטייט זיי: באַלעבאָסטעס, איילן זיך, ווילן זיך אָפּפּאַרטיקן מיטן שבת מאַכן, וואָס איז ס׳וואונדער? טוט זי זיך נאָך מער אָנשטרענגען. קריכט ווי אַן אומדערמידלעכער זשוק, אָן אויפהער אַרויף אויפן לייטערל, אַראָפּ פון לייטערל, אַרויף אויפן קעסטל, אַראָפּ פון קעסטל. זי דערלאַנגט, זי מעסט, זי וועגט, אַרבעט מיט אַלע חושים, מיט אַלע אברים און די הענט באַוועגן זיך מיט אַזאַ פלינקייט און גיכקייט, ווי דאָס וואָלטן זיך באַוועגט פליגל פון אַ ווינטמיל, וואָס ווערן געטריבן פון גוטן ווינט... זי געדענקט נישט, זי איז אָנגעהאַרעוועט נאָך פון נעכטיקן מאַרק־טאָג, פון אויפזיין נעכטן ביז האַלבער נאַכט, און שוין אויך פון דער פאַרטאָגיקער שטוב־אַרבעט.

פון פיל רעדן, ענטפערן און איבערפרעגן, טריקנט ביי רבקהן אין קעל, די זייטן טוען ווי פון שטאַרקן אָנשטרענגען זיך און אונטער די ריפּן שטעכט אויך עפּעס אַביסל... אָבער גאָרנישט! זי איז ווי יענער גייער ביים אָנקומען פוו וועג — עס זעען זיך שוין פון ווייטן די טורעם־שפּיצן

פונעם ישוב, פון נאָענטן אַפּרו: פון שבת־קודש! און דערפון אַליין ווערט איר גרינגער און לייכטער.

און אָט רוקט זיך אָפּ דער טאָג צום אָפּגאַנג. די זון שפּאַצירט זיך אַרויס פון גאַס, אויפן וואַליער־וועג אַרויף — אַהיימצוגיין... רבקה שפּירט איר נאָך ווי מען שפּירט נאָך אין אַ תענית־טאָג, ווען דאָס האַרץ איז פאַרחלשט און מען וויל דער טאָג זאָל זיך שוין וואָס גיכער אָפּרוקן.

רבקה ווייסט, ס׳וועט שוין לאַנג נישט דויערן. זי האָט אירע סמנים: אין דער צייט קומט אַרויס פאַר דער טיר אַנטקעגנאיבער, די בכבודיקע אסתר, ר׳ איציק סאָבעלס ווייב. זי איז אָנגעטאָן שוין אין דער שבתדיקער הויב, אין די שענסטע קליידער, לויכט מיט איר יינג־באָבישער שיינקייט. זי קוקט אַראָפּ טיף גאַס, זי קוקט אויס איר מוזינקעלע מרימלען, זי זאָל אַהיימקומען פון שניט־געוועלב זייערס אין מאַרק. און אַז זי זעט פון ווייטן ווי מרימל קומט אָן אויך שוין מיט איילעוודיקע טריט, האַלט אָנגעהאָנגען אויפן אָרעם די אָנגעבייכטע שאַטקע־טאָרבע מיטן שבת־אויבסט, לאָזט זי זיך צוריק אַריין אַ נחתדיקע, אַ צופרידענע; אין דער צייט קומען אויך אַרויס פון באָד־געסל די לעצטע פאַרשפּעטיקטע גאַרבער־יידן. זייערע קאַרקן פּייערן מיט רויטקייט, זיי איילן שנעל אַהיים; און אין דער צייט קערט זיך אויך צוריק פון די ארכעוועער וויעטראַקן — מנחם.

דורך דער צעפּראַלטער טיר, זעט טאַקע רבקה ווי פון וואַליער וועג קומט אָן ער, מנחם, דער ליכטיק־שיינער יינג. ער קומט פון דער מיל, אין די איינגעמעלטע קליידער. דער פריילעך בלאָנדער שויבער רייסט זיך ביי אים אָפּויער פון אונטער דער „ליצעפּעדקע״ און די אויגן טיף־בלאָע, שקאָצישע, אייביק שמייכלענדיקע לאָכן אַריין צו איר אין געוועלב. ער וויל, דער יינג, זי זאָל אים צוהעלפן צום שדוך מיט איר שוועסטער חנקהן, וואָס ער גייט אויס פאַר איר. אינדערהיים לאָזט מען נישט צו... ער זאָגט איר צו אַ גוט שדכנות־געלט. זי, רבקה, האָט נישט דאַקעגן. זי האָט אים אפילו גינציק, כאָטש ער איז אַ לייכטער אין יידישקייט... ער איז אַ גוט־האַרציקער יינג, די נשמה וועט ער אַוועקגעבן... זי וועט טאַקע היינטיקן שבת רעדן מיט דער מוטער, איר אויפוויזן, זי זאָל מסכים זיין צום שדוך.

ער וועט זיכער, דער יינג, נאָך דער חתונה פּרומער ווערן און זאָל נעמען אַ סוף...

זי פֿאַרשטייט, אַז מיט זיין איצטיק אַריינלאָכן צו איר, וויל ער זי דערמאָנען. זי שיקט אים צוריק אַ באַהאַלטענעם, קוים אָנזעעוודיקן שמייכל, וואָס זאָגט: כ׳וועל דיר העלפֿן... כאָטש דו ביסט אַ פּושע־ישראל... כ׳וועל דיר העלפֿן... זי קוקט מיט זייטיקן בליק אים נאָך, ביז ער פֿאַרשווינדט צום מאַרק.

און אָט איז שוין אויך דער מאַן אַהיימגעקומען, אַן אָפּגעוואַשענער, אַן אויסגעבריטער, מיט צערויטלטע באַקן און פֿאַרנעצטער באָרד. ער דרייט זיך איבער דער שטוב, מאַכט די לעצטע הכנות לכבוד שבת, שניידט אָן פּאַפּיר, שניצט אונטער די דיקע ליכט, פֿאַרזעצט זיי אין די שפּאַרערס פֿון די לייכטערס, ציט אָן דעם וואַנט־זייגער שאַרפֿט אָן דאָס מעסער און נאָך אַזעלכע אַרבעטן, וואָס זענען ספּעציעל ערב־שבתדיקע און האָבן ביי אים אַ באַזונדערן טעם, ווייל זיי ווערן געטאָן פֿון מצווה־וועגן...

און שוין טראָגט זיך אָן פֿון דרויסן אַ באַקאַנט ווייך זינגעוודיק קול. וואָס קלינגט ווי אַ דין גלעקל: „ליכט־צינדן!... ליכט־צינדן!...״ דאָס רופֿט דער אַלטיטשקער בערעלע, דעם רבס שמש, אַ קליינינקער טיפּער זקן, וואָס קיינער ווייסט שוין נישט זיינע יאָרן, לעבט מיט אַ ברכה פֿון אַ גוטן ייד... ער יאָגט זיך נאָך מיט זיינע קליינע פֿלינקע פֿיס איבער דער גאַס ווי אַ יינגל... ווי נאָר מען דערהערט זיין קול, נעמען זיך פֿאַרקלאַפּן די ערשטע געוועלב־טירן.

רבקה איז שוין דעמלט מער נישט אין קראָם. זי איז נאָך פֿריער אַוועק, איבערגעלאָזט אַלץ אויף די אומדערפֿאַרענע הענט פֿון מאַן און קינדער. זי איז אין שטוב, וואַשט זיך דאָרט אויף דערגיך מיט אַ שיסל הייסע וואַסער, ווישט זיך אַרום מיט אַ פֿריש אַרויסגענומען האַנטעך פֿון שאַנק, וואַרפֿט אויף זיך אַרויף דאָס שבתדיקע קלייד, לאָזט אַראָפּ אין ר׳ מאיר־בעל־הנס־פּושקע די פּאָר צדקה־גראָשן און לאָזט זיך צו מיט אַ וויכן טריט צום טיש ליכט־בענטשן.

לאַנג שטייט זי אַזוי פֿאַר די בענטש־ליכט, באַהאַלטן דאָס פּנים אין אירע גרויסע ביינערדיקע הענט, וויינט אויס פֿאַר דער שבת מלכה:

זי זאָל איר מוחל זיין איר פאַרזוימען זיך... דערציילט פּאַר איר אויס, פון איר שווער פאַרהאָרעוועט לעבן, ווו זי האָט נישט קיין צייט דעם אָטעם אָפּצוציען... און ווי גליקלעך זי איז איצט, וואָס עס קומט אָן די מנוחה —

זי רעדט זיך אָפּ פון איר האַרץ און דערפילט אַ דערלייכטערונג, אַ פאַרגרינגערונג, ווי דעמלט, ווען מען רעדט זיך אויס פאַר אַ גוטער מאַמע...

ווען זי נעמט אַראָפּ די הענט פון איר פּנים, הענגט אַ פינקלדיקע טרער, ריין ווי אַ דימענט אויף אירע אויגן־וויעס און אויפן געמיט איז איר אַזוי גוט און לייכט, ווי אַ שטילער טוי וואָלט דאָרט געפאַלן...

II

ביי דער פּרייטיק־צונאַכטס־סעודה, האָט רבקה זיך אָפּגערוט. זי האָט געהאַט דאָס געפיל ווי מען וואָלט זי אַרויסגענומען פון אַ שטויביקן יאַרידישן מאַרק, וואָס איז פול מיט המימה און רויש און אַוועקגעזעצט אונטער אַ שטיל שאָטנדיקן בוים, וואָס ווייעט מיט קילקייט, מיט קוויקעניש.אַ ריינע, אַ פריש אָנגעטוענע, אַ געמיטלעכע, איז זי געזעסן ביי דער רעכטער זייט פון מאַן, געגעסן די שבתדיקע שפייזן, געהערט זיינע זמירותן, און אויך אַליין מיטגעברומט. ווען די טעלערלעך זענען געשטאַנען שוין ליידיקע, האָט זי זיך אויפגעהויבן, צוגעלאָזט זיך צום קיכן־ווינקל און פון דאָרט צוגעברענגט צום טיש אַ ניי געריכט. אונטערגערוקט די שענערע פּאָרציע דעם מאַן און מיט אַ באַזונדערער ווייכקייט אין דער שטים געמינטערט אַלע אַרומען טיש:

— עסט, אַ שאָד ס׳זאָל קאַלט ווערן, ס׳איז מעדני־מלך!...

דער מאַן אויך אַן אַנדערער, אַ זויבערער, מיט אַ פוכיק־צעקעמטער באָרד, אין דער גלאַנציק־אַטלאַסענער זשיפּעצע, אינגאַנצן אַ באַנייטער, איז געזעסן אויבנאָן און געפּראַוועט מיט פרייטיק־צונאַכטיקער הרחבה־דיקייט דעם טיש. אפילו דאָס זאָגן איז ביי אים געווען אַנדערש, רויקער, נחתדיקער, נישט אַזוי כאַפּנדיק, זשעדנע ווי אין דערוואָכנס, ווען ער

האָט קיינמאָל קיין צייט נישט, איילט זיך. רבקה האָט ליב געהאַט ס׳חיות דאָס זיצן ביים טיש; די ליכטיקייט פון די גראָבע ליכט, וואָס האָבן זיך געשמעלצט מט ברייט־קנויטיקן פייער, דאָס זינגען, די ווייכע אויסגערוטע ווערטער, די שטילע ליבלעכע פּנימער פון די קינדער די רו און תענוג אין אַלע ווינקלען — האָט אין איר אַריינגעגעבן אַ נייע נשמה, אַרויסגע־רופן אין איר עפּעס אַ גאָר באַזונדערע חשיבות. אַלץ איז אַזוי הימל־ווייט געווען פון יענע טריבע טעג, ווען זי שטייט אין דער קראָם אין די איינגעמעלטע קליידער, אָנגעהודזשעט, צאָרניק, ס׳האַרץ פול מיט גע־בייזער און שרעק. איצט איז אַלדאָס ביז אָפּגערינען, אָפּגעשווימען, טאַקע ווי אַ צעהושעטער טייך, ווען די פאַרפּלייצונג האָט אים פאַרלאָזט און ער ריזלט זיך ווייטער זיין שטיל רויקן גאַנג.

אָ, אַלץ וואָלט גוט געווען ווען נישט די מידקייט, וואָס זעצט זיך אין איר לייב, שווערט ווי בליי, מאַכט איר שווער אין די פיס־קנעכלעך, ציט אַזוי צום שלאָף, צום געלעגער. לאָזט זי אפילו נישט אויפשטעלן זיך. ווען נישט אָט דאָס, וואָלט שוין גאָר אַלץ נחתדיק געווען. אָבער נאַריש־קייטן! זי וועט זיך נישט אונטערגעבן. זי וויל נישט פאַרלירן די פרייד פון די איינציקע פאַר איר אַזוי טייערע שבת־שעהן, וועלכע זי וואַרט מיט אומגעדולד אויס און וועלכע גיבן איר אַזאַ פאַרגעניגן. זי וועט זיך מיט אַלע כוחות שטאַרקן און אין זיך אויפהאַלטן די וואַכקייט.

אָבער דאָך, זי ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי, אינמיטן בעסטן פון איר צוברומען צום מאַנס געזאַנג, נעמען די אויגנהייטלעך פון זיך אַליין זיך פאַרציען איבער די אַפּלען. דער קאָפּ נעמט זיך וויגן, אַביסל אויף רעכטס, אַביסל אויף לינקס, ווי ביי אַ בגלופנדיקן, און אינעווייניק אין איר ברומט עפּעס אַ שטים, רעדט איר צו: ס׳וואָלט אַזוי גוט געווען זיך אויסלייגן אַ קאָפּ אויפן אָנלען פון שטול... אַביסעלע נאָר אַזוי... טאַקע נאָר אויף אַ ווײַלינקע ביז דער מאַן וועט ענדיקן דעם „יה־רבון״... זי בייגט זיך אויס, לייגט אַוועק דעם קאָפּ אויפן ווענטל: אַ, אַ, ווי גוט! ווי לייכט! ריכטיק ווי מען וואָלט איר אַ פּאָדפּאָרע אונטערגעשפּאַרט אונטער דעם רוקן... אַ קאַפּעטשקע וועט זי נאָר אַזוי ליגן און זיך גלייך אויפשטעלן. אָבער די לעדלעך ווי זיי וואָלטן נאָר אויף דעם אויסגעוואַרט,

שליסן זיך פעסטער. אין מוח פּלאָנטערט זיך עפּעס ווי ביי אַ שכור. ס׳לעשט זיך פּאַמעלעך אויס און שוין געדענקט זי גאָרנישט.

חיים בינעם, דער מאַן, וואָס דערהערט מיטאַמאָל אַרום זיך אַ שטילקייט, הייבט אויף דעם קאָפּ. ער זעט, זי האָט איינגעדרימלט אַזוי זיצנדיק אויפן בענקל: זי איז נעבעך מיד, אָנגעהאָרעוועט — טראַכט ער זיך — זאָל זי אַביסל דרימלען, ער וועט זי נישט וועקן. אין איר שבתדיקן קלייד, מיט די שבתדיקע אויערינגען, זעט זי אויס שענער, אַ סך שענער ווי אין די וואָכנדיקע טעג. איר גרויסער גוף זעט אויס געשטאַלטנער, איידעלער און איר פּנים ליבלעכער. ער דערמאָנט זיך, ווען ער האָט זי אַלס כלה, נאָך דער חופּה געזען אַזאַ גרויסע, פעסט־געבויטע, אָן אויסגע־צייטיקטע, האָט אים אַרומגענומען אַזאַ בלוט־צעשפּילטע וואַרעמקייט, אַזאַ פריילעכע פאַרווונדערונג, ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ פרויען־געשטאַלט אויף דער וועלט... אויך איצט, קוקנדיק אויף איר, וועקט זיך אין אים יענץ זעלבע גוטע געפיל: ווי דעמלט, האָט זי איצט אין זיך די תמימות, עפּעס צאַרטס און כלה־חן... אַלץ דער שבת־קודש, דער הייליקער שבת!

ער דערמאָנט זיך, וואָס ר׳ יעקב עמדין זאָגט אין זיין הייליקן סדור: די ליבשאַפט צום ווייב, זאָל מען צוטראָגן אין דער הייליקער שבתנאַכט, וואָרעם זי איז דער מקור פון גאָרער גוטס און אַלץ, וואָס קומט פון דער דאָזיקער נאַכט, האָט אין זיך דעם נצוץ פון גוטס...

אַ געלייטערטע וואַרעמקייט גייט אויף אין זיין לייב. זיין געזונטער, האַרטער קערפּער, וואָס אַ גאַנצע וואָך איז ער שטרענג, טרוקן, האַרט, זעט כמעט דאָס ווייב נישט אָן, פאַרטאָן אין זיין שווערן וועג פון לערנען, ווערט איצט ווייכער, נאָכגעלאָזענער, מילדער. ער האָט זי דאָך אין אמתן ליב. זי איז דאָך זיין ווייב, זיין עזר־כנגדו!... אָן איבערגעגעבענע ערלעכע צו אים. אַ געטרייע מאַמע און ערלעך אָפּגעהיטענע יידישע טאָכטער. מיט ציטער־דיקע פריינטשאַפט, נעמט ער זי יאָ וועקן:

— רבקה, וועסט זיך איבערוועקן, אָפּבענטשן און זיך לייגן שלאָפן... ביזט מיד...

רבקה מאַכט אויף די פאַרשלאָסענע אויגנדעקלעך, קוקט זיך אַרום

פאַרלוירן, זי ווייסט נישט ווו זי געפינט זיך: זי איז דאָך ערשט געזעסן אויף איטשע ביקס פּראַכטוואָגן, געוויגט זיך אין נאַכטיקער פינצטער־ניש אויפן לאַדזשער וועג, געבעטן זיך ביי אים, ער זאָל זי וואָס גיכער אַהיימברענגען, זי וויל זיך אויסרוען... און דאָ גאָר אַזאַ צעשטראַלטע ליכטיקייט! זי שטרעקט די אויגן אַרום זיך, דערזעט די ליכט, דעם באַ־שטעלטן טיש, די צו איר אויסגעשטעלטע לאַכנדיקע, גלאַנציקע אויגעלעך פון די קינדערלעך און זי זיפצט אָפּ מיט פאַרלייכטערונג און לויב:

— אַ דאַנק דיר, גאָט אין הימל, פאַר דיין הייליקן שבת! פאַר דייך טייערן ליכטיקן שבת!

— ביסט מיד — זאָגט דער מאַן מיט רחמנות — וועסט זיך אפשר גיין לייגן...

— מילא, איך וועל מיך נאָך אויסשלאָפן... ס׳וועט מיר נישט אַנטלויפן... ס׳איז מיר אַ נחת דאָ צו זיצן...

פון איר רויקן, געמיטלעך־וואַרעמען טאָן, ווערט חיים בינעם נאָך מער אויפגעהייטערט, אויפגעמינטערט, נעמט נאָך העכער פאַרציען זיין זמירות. זיין קול איז אַ שווערס, אַ ברומענדיקס. אָבער, אַז ביי אַ מענטש זינגט די נשמה, מוז דאָך דאָס שווערסטע ברומען, זיך פאַרוואַנדלען אין אַ געזאַנג. און פאַר רבקהס אויערן איז עס טאַקע שיין געזאַנג. זי איז צוגעוווינט דערצו פון לאַנג. זי קאָן עס ווי ער, און צוזאַמען מיט די קינדער־נעמט זי מיטזינגען: יה רבון עלם ועלמיא... אנת הוא מלכא מלך מלכיא... גאָט, האַר פון אַלע וועלטן דו ביסט דער מלך פון אַלע מלכים! — — —

און אין חלל פון דער קליינער יידישער שטוב הייבט זיך אויף אַ המנון צו גאָט דעם באַשעפער, דעם גרויסן מלך, צו זיינע גרויסע מעשים, צו זיין גרויסע שאַפונג, וואָס ער פאַרלאָזט נישט די אָרעמע, די שוואַכע, גיט זיי פרייד און טרייסט אין זייער צייט... — —

זיי זינגען אָפּ ביזן לעצטן פּסוק און נעמען בענטשן. חיים בינעם פאַטשט מיט די הענט ביי די הויכע ווערטער: הרחמן הוא יברך... ווען ער לאָזט אויס: „ד׳ יברך את עמו בשלום״, ווייסט מען, אַז די סעודה האָט זיך געענדיקט.

רבקה טוט זיך דערנאָך שוין לאַנג נישט אויפהאַלטן, זי רוימט

אַראָפּ פון טיש, שטעלט אַוועק דאָס געפּעס אויפן קיך־טישל, נעמט אַרויס פּרישע וועש פון שאַנק פאַר די קינדער און נעמט מאַכן די געלעגערס. דאָס קליינוואַרג צעלויפט זיך דערווייל אַוועק צו דער באָבען אין שכנות. רבקה אַליין וואָלט אויך חשק געהאַט אַ שפּרינג טאָן אַהיים. זי ווייסט, דאָרט איז איצט פריילעך. מען לאַכט, מען גאָדערט, מען קנאַקט קערלעך, מ׳דערציילט זיך מעשיות. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה, איז נישט געווען דער פרייטיק־צונאַכט, זי זאָל נישט אַהיימלויפן. זי האָט זיך אַריינ־געזעצט צווישן קרענצל שוועסטערן און אַנדערע מיידן אין דער בעקעריי־שטוב און צוזאַמען מיט זיי זיך געוויילט. מען האָט געזונגען, געלאַכט, געפּלאַטקעוועט. אָפּגעחוזקט פון אַנדערע מיידלעך — כאַוועטאַרינס און ווייבלעך. היינט איז זי מיד, זי קאָן נישט, ס׳ציט זי צום בעט און ס׳פּאַסט שוין עפּעס אויך נישט, וועט זי זיך טאַקע לייגן, אויסרוען די ביינער.

זי לייגט אַוועק פאַרן יעדערן זיין העמדל און יאַקעלע און לאָזט זיך צו צו איר בעט, מאַכט גלייך די קישנס, פּאַכעט אויף די דעק און איידער מען קוקט זיך אום, האָט זי שוין פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די זאַכן און פליט אַרונטער אונטער דעם איבערבעט.

דער מאַן זיצט שוין איבערן חומש, איז מעביר סדרה. ער טוט עס מיט יענעם שטיל־זינגענדיקן נגון, וואָס איז באַקאַנט אין יידישע שטיבער. זי האָט ליב צו הערן דעם נגון. נאָך ביי איר טאַטן אין דער היים, ווען זי איז געווען אַ קליין מיידעלע האָט זי זיך צוגעהאָרכט און תמיד האָט עס זי זיס איינגעוויגט. אויך איצט פילט זי ווי עס וויגט זי איין. זי קעמפט מיטן שלאָף, זי וויל זיך נאָך אַביסל אויפהאַלטן. מיט האַלב־שלעפעריקע אויגן באַטראַכט זי, זיין אין דער ברייט זיך שפּאַרנדיקע באָרד, זיינע אויסגערונדיקטע פאַרביקע באַקן, זיינע גרויסע בויגן־ברעמען: ער איז טאַקע אַ שיינער מאַנצביל. די ווייבער זענען איר דערמיט מקנא, זי ווייסט עס... זאָל קיין בייז אויג נישט אַריין אין איר שטוב!... זאָל זי זיך מיט אים עלטערן ביזן ענד! זי איז דאָך מיט אים איין פלייש און געביין. ער איז דער טאַטע פון אירע קינדער, דער כבוד פון איר הויז. און אַרומגענומען מיט דער אויפגעגאַנגענער ליבשאַפט, מיט אַ פריילעכער אַנונג, פאַלט זי אַריין לאַנגזאַם אין זיסן, טיפן דרימל.

אומעטקע פרייד

באלד אין פרימארגן

אין דערנענטערונג פון שקיעה

אזוי איז באשערט

דער רב און זיין הויז

אומעטיקע פרייד

אונטער דער הילצערנער וועב־שטול איז געזעסן חיים אהרן און פאַרענדיקט די „קעטע״־סחורה. די באַוול־שטויבעלעך, ווי דינינקע פוכיקע שנייעלעך, זענען געפלויגן אין אַלע זייטן, זיך געלייגט אויף די שטול־לייסטן, אויף דער סוטש, אויף אהרונס הענט, ברעמען און באָרד. אַזוי ווי אַ פידלער דעם סמיטשיק, האָט ער געצויגן דעם „צוג״ צום טאַקט און געקלאַפּט דעם „שוס״. דאָס שיפעלע מיטן שוס איז געשווומען ווי אַ פיש אַהין און צוריק, זיך אָנגעקלאַפּט אין די ווענטלעך פון בויגן, אַמאָל מיטן קאָפּ, אַמאָל מיטן עק און באַלד געלאָפן אויף צוריק. חיים אהרון האָט געקוקט דערויף מיט אומעטיק פאַרטראַכטע אויגן, ווי דאָס זינלאָזע לויפן וואָלט אים דערמאָנט אין דעם אייגענעם אומזיניקן לויפן פון די יאָרן... צומאָל נאָר האָט ער זיך אויפגעוועקט, פאַרשטילערט דעם קלאַפּ, אָנגעבויגן דאָס אויער און זיך איינגעהערט צום גערייד, וואָס האָט זיך געטראָגן דורך דעם געעפנטן שפּאַלט פון דער טיר, וואָס האָט געפירט אין קיך אַריין.

פון דאָרט האָט זיך דערטראָגן זיין טאָכטער מלכהס שטימע, וואָס האָט מיט הייסע געדעמפטע רייד איינגעטענהט מיט דער מוטער:

— הערסט, מאַמע, איך וועל מיר אַ מעשה אָנטאָן, הערסט? איך וועל מיך אומברענגען און אַלץ איבער דיר...

חיים אהרן האָט געוווסט וועגן וואָס דאָס גערייד איז דאָרט און אַ שווייס האָט אים באַגאָסן איבערן לייב. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי רייסט פון דער מאַמען פּאַסן, פאַרוואָס זי, די מאַמע, גייט איצט אַרום מיט אַ בויך... די מויד שעמט זיך, ס׳גייט איר אין לעבן...

און צו וואָס האָט עס אים טאַקע געטויגט? צו וואָס אין די יאָרן, ווען עלטערן טראַכטן חתונה צו מאַכן קינדער, וואַרטן אויף אייניקלעך, נעמט ער און טוט אָפּ אַזאַ נאַרישקייט... און ער איז דאָך גאָרנישט אויסן געוועזן... גיי ווייס... ריכט דיך אויף אַזאַ זאַך... וואָס דער רבונו־של־עולם קאָן אַלץ אָפּטאָן... ער האָט זיך נישט געריכט זיין מרים זאָל נאָך קינדלען... ס'איז דאָך אַכט יאָר אַוועק פון דעם לעצטן... געמיינט, שוין... זי, מרים אַליין, האָט אויך אַזוי געהאַלטן און איצט — נאַ דיר!...

אַנומלטן אין אַן אינדערפרי, ווען ער איז אַפּויער פון אונטערן שטול, אַריין אין קיך, האָט ער געזען ווי זי שטייט ביי דער קיך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט זי געפרעגט: „וואָס איז, מרים?" זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, אים אָנגעקוקט מיט אַ צעוויטיקטן בליק און געזאָגט:

— ס'איז מיר שוין ווידער גוט... צרות מיינע!...

— וואָס הייסט? — איז ער געבליבן שטיין געטראָפּן, ווי דעמלט, ווען מען ריכט זיך אויף נישט קיין גוטע נייעס.

— וואָס הייסט? כ'האָב ווידער אַ בויך... אויף די אַלטע יאָרן... און וואָס וועט איצט זיין?

פאַר אים איז עס געווען אַזוי אומגעריכט, ווי די זון זאָל זיך פּלוצים פאַרפינצטערן, עס זאָל זיך גרייטן אַ שטורעם. ער האָט גלייך אַליין אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זיי האָבן לאַנג אַריינגעקלערט, אַריינגעטראַכט. ס'איז געקומען אויפן געדאַנק: אַ „באַבע". נאָר ער האָט עס באַלד שטרענג אָפּגעוואָרפן און מיט אַ פעסטער שטים געזאָגט:

— מען וועט גאָרנישט טאָן... איז עס געקומען, זאָל עס זיין... איך האָב עס ביי קיינעם נישט געגנבעט...

— אָבער דערבאַרעם זיך, דערוואַקסענע קינדער, אַ כלה־מויד און אַן אָרעמקייט, קוים וואָס מען יאָגט דאָס מויל אָפּ...

— ס'וועט נישט פאַרהונגערט בלייבן, ס'וועט מיטעסן מיט אַלעמען... איי, די קינדער... ווייס איך... — און האָט אַ מאַך־אַוועק געטאָן מיט דער האַנט.

אַז דער בויך האָט זיך ביי מרימען גענומען הויבן און די גרויסע

מויד האָט עס דערזען, האָט זי אויסגעשטעלט אַ פּאָר ווילדע אויגן און גענומען די מאַמען אויפן פאַרהער:

— וואָס איז דאָס? גייסט האָבן אַ קינד? — און דאָס פּנים איז ביי דער מויד משונה צורה געוואָרן.

— איך ווייס וואָס דאָס איז? איך זאָל אַזוי וויסן פון מיינע צרות... צי דער בויך איז מיר אָנגעלאָפן, צי וועלכע גוטע יאָר — האָט די מוטער געפּרוווט אָפּשטופן דאָס בייז.

מלכה האָט זי פאַרדעכטיקט אָנגעקוקט און אָפּגעלאָזט.

אַז דער בויך האָט אָבער גענומען זיך הייבן מיט יעדן טאָג העכער, איז די זאַך אָפן אויסגעבראָכן. די שטוב האָט זיך גענומען שושקען. דער אויסגעגעבענער זון, דער פריילעכער הירש גדליה, דער וויצלער, האָט עס אויך באַמערקט, ער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט. אַריינגעקומען אין שטוב, אַ בליק געוואָרפן אויף דער מאַמען און לייכט גוטמוטיק זיך צע־שמייכלט. אָבער די מויד האָט נישט אָפּגעלאָזט. צוגעשטאַנען צו דער מאַמען ווי אַ פּיאַווקע:

— מאמע, כ׳וועל מיר ס׳לעבן נעמען... ס׳איז מיר אַ בושה פאַר די „קאָלעזשאַנקעס" און פאַר א י ם...

די מוטער האָט געוווסט, אַז דאָס מיינט זי איר צוקונפטיקן חתן, וואָס זי גייט מיט אים שוין לאַנג און האָט נישט קיין נדן מיט אים חתונה צו האָבן. און אין האַרץ האָט זי איר גערעכט געגעבן:

— די נקבה איז נעבעך תמיד אַן אומגליקלעך באַשעפעניש. ווייסט גאָרנישט, ריכט זיך גאָרנישט... און דאָ אינדערמיטן נאַדיר...

— דו זאָלסט מיר נישט דערציילן קיין מעשיות, נקבה, שמייווע, דו זאָלסט זען עס זאָל ווערן אויס! — האָט די מויד זיך געצונדן — נאָך וויניק אָנגעפּלאָדזשעט... ווי דאָס שעמט זיך נישט אויף די עלטערע יאָרן!...

דער מאַמען האָט עס פאַרדראָסן. ס׳האָט אַ ברי געטאָן אין איר די באַליידיקטע מוטער. זי האָט אַ שווים געטאָן צו איר מיט אַן אויפגעהויי־בענער האַנט, ווי זי וואָלט זי געוואָלט אויספּאַטשן און מיט טרערן פון כעס אויסגעשריען:

— און אַז נישט, וואָס וועסטו מיר טאָן? כ'וועל דיך באַלד פרעגן...
עס איז נישט חלילה קיין ממזר... מיט דיר וועסטו טאָן ווי דיר געפעלט...

די מויד האָט עפּעס אַ געשריי געטאָן און איז אַרויס צוקלאַפּנדיק די טיר. מרים האָט זיך פאַרטראַכט און זיך געקלאָגט:

— זי איז דען גישט גערעכט? אַלץ די צרהדיקע מאַנסבילן... ס'וואָלט כאָטש אויסגעגאַנגען אויף זייערע קעפּ...

אין שטוב האָט זיך פון דעמלט אָן אַריינגעכאַפּט דאָס בייזע געמיט אַלע טאָג דאָס אייגענע.

איצט, זיצנדיק ביי דער אַרבעט, האָט חיים אהרון ווידעראַמאָל דערהערט דאָס בייזע דושן פון דער מוידס רייד, און ווי אַלעמאָל, איז אים הייס געוואָרן אויפן לייב: פאַרוואָס די שפיכת דמים? פאַרוואָס פייניקט זי? וואָס וויל זי? ס'איז דאָך אָפּגעטאָן?

ס'האָט גענומען אין אים קאָכן. ער וואָלט געוואָלט אַריין און זי שלאָגן. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין כוח זיך צו רירן פון געזעס און אויסער דעם איז זי דאָך אַ דערוואַקסן מיידל...

ער האָט טיף אָפּגעקרעכצט, אָפּגעשטעלט די האַנט פון קלאַפּן, אָפּגעווישט די טראָפּנס שוויס פון שטערן, אַראָגעלאָזט דעם קאָפּ אויף די אָנגעשפּאַנטע פּעדעם און געבליבן אַזוי ליגן. אָבער ווען דאָס זשומען האָט אין דרינען נישט אויפגעהערט, האָט ער זיך צום סוף אָנגעטאָן אַ כוח, זיך אויפגעהויבן און אַריינגעלאָזט זיך אין קיך.

מיט זיין אַריינקומען איז דאָס ברומען שטיל געוואָרן. די מאַמע און טאָכטער האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, זיך אָפּגערוקט איינע פון דער אַנדערער. דער פאָטער האָט זיך געמאַכט עפּעס זוכן אויפן שאַנק, געגרייט זיך צום אויסשיסן... אין שטוב האָט זיך איינגעשטעלט אַ געדריקט שווייגן. דער פאָטער האָט זיך צוגערוקט צום פענצטער, גענומען אַרויסקוקן. אָבער מיט איין אויג האָט ער בגנבה אַהינגעוואָרפן בליקן צו זיי. געזען, ווי די מויד האָט זיך אַ ברוגזע גענומען מיט עפּעס פאַרען און דאָס ווייב שטייט אַ פאַרקרימטע און שאָקלט מיטן קאָפּ, שעפּטשעט עפּעס אין טאָפּ אַריין.

ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. אָנהייבן, צי דאָסמאָל אַדורכ-

לאָזן, זיך נישט מאַכן קיין פאַרשטערטן טאָג און זיך אומקערן צוריק צו דער אַרבעט.

מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר. ס'איז אַריינגעקומען הירש גדליה, דער אויסגעגעבענער זון. אַ בלאָנדער, מיט בלאָע לאַכעדיקע אויגן. ער האָט באַמערקט די אָנגעדראָלטע שטילקייט און שוין אַלץ פאַרשטאַנען. געבליבן שטיין אין מיטן דער שטוב, אָנגעקוקט אַלעמען מיט זיינע שמייכל־דיקע אויגן און לסוף געזאָגט צו זיך אַליין און צו אַלעמען:

— וואָס איז שוין ווידער? מלכהלע גיט שוין ווידער אָן? וואָס, ס'געפעלט איר נישט? כאַפּט זי דער רוח!... מאַמע, קוק נישט אויף איר, מאַך אַ ברית און פאַרטיק!

און ווי ס'וואָלט אַ זון־שטראַל אַריין, אַזוי איז אין שטוב געוואָרן לייכטער, הייטערער און אַלע מיטאַמאָל האָבן זיך צעלאַכט.

באַלד אין פרימאָרגן...

— ניסן, וועסט זיך אויפהייבן און אַהינגיין צו דיין ברודער, ער זאָל אונדז מיט עפּעס אַרויסהעלפן, זעסט דאָך עס איז גאָרנישט דאָ אין שטוב...

אַזוי האָט שבע באַלד אינדערפרי, נאָך אויפן געלעגער, געמונטערט ניסענען, איר מאַן, ער זאָל זיך אָנטאָן און גיין צו זיין ברודער, שיע כייטשקעס, דעם רייכן שניט־קרעמער, ער זאָל מיט עפּעס אַרויסהעלפן אין די שווערע טעג, ווען זיי זענען צוליבן שטרייק אויפן טאַרטאַק־פּלאַץ געבליבן אָן פּרנסה.

ניסן האָט זיך געקראַצט אין דעם נאָך פאַרדרימלט, שיטער באַוואַקסן בערדל, געקרימט דאָס פּנים ווי אַ יינגל, וועמען מען צווינגט איינצונעמען אַ ביטערע פּיל... געבעטן זיך ביי שבען מיט רחמים, זי זאָל אים אָפּלאָזן, ער וויל ליבערשט הונגערן און נישט אַהינגיין צום ברודער.

— וואָס האָסטו אַזוי מורא? ער וועט דיך אָפּשמייסן?... — האָט שבע זיך אַרויסגעבויגן קריגעריש, פון איר אַנטקעגנאיבערדיקן בעט, אַנטבלויזנדיק אירע קרעפּטיקע שיינע שולטערן — זאַמלט דאָס געלט אין די קופּעס... גיב אים נאָר אַ יינגע נקבה, אַנדערש נישט... נאָר אַ בתולה זוכט ער זיך און אַרויסהעלפן אַן אָרעמען ברודער — דאָס נישט...

ניסן האָט זיך אויסגעליינט אויף אַ זייט, אויסגעגלייכט דאָס שלאָף־קאָפּל אויפן קאָפּ, אָנגעלענט דאָס שמאָלע, אייביק יינגלשע, פאַרזאָרגטע פּנים אויף דער האַנט־פלאַך, ווו דאָס בערדל האָט געשטאַרצט נאָך עפּעס אומבאַהאָלפענער, פאַרדאגהטער און געשוויגן. וועגן ברודער, האָט ער געוווסט, אַז זי זאָגט דעם אמת: ער איז אָנגעפּראָפּט מיט געלט,

דערצו קאָרג. און כאָטש ער איז געבליבן מיט דריי קינדער פון ערשטן אָפּגעשטאָרבענעם ווייב, זוכט ער זיך איצט פאַר אַ ניי ווייב, נאָר אַ יינג מיידל, אַ בתולה. דאָס אַלץ איז וואָר. אָבער דער אופן פון איר רעדן, וואָס איז פאַר אים תמיד דערקוטשנדיק, איז איצט אין ניכטערן פרימאָרגן געוועזן נאָך מער פאַר אים פריקרע, נישט אָנגענעם. ער האָט נישט ליב געהאַט איר „צעלאָזט" מויל, וואָס האָט געשאָטן מיט רייד ווי עפּעס אַ מוידטשינע פון אונטערגעסל... עס האָט אים אָנגערירט אין כבוד. אירע ווערטער האָבן עפּעס ווי באַליידיקט די גאַנצע משפחה זיינע. און וויפל ער האָט נישט געוואָלט זיך אויסהיטן, אויסמיידן דאָס איינרייסן זיך מיט איר, ווייסנדיק פאָרויס ער וועט קריגן ס'זייניקע, האָט ער זיך דאָך נישט געקאָנט גובר זיין און בייז אויסגעברומט:

— ווי אַ מויל דאָס האָט!... נאָר לאָזט לויפן די צונג!...

פאַר שבען איז עס געוועזן ווי דאָס, אויף דער זון אָנגעגליטע שטרוי, וואָס וואַרט נאָר אויס אויפן פונק, עס זאָל ווערן העלישער פלאַם:

— הע, וואָס זאָגסטו, יינגערמאַנטשיק?... איך זאָג אפשר ליגן?...

— האָט זי זיך נאָך מער אַרויסגעבויגן פון געלעגער, אָפּדעקנדיק נאָך מער די אַקסל־ביינער און דאָס העלע לייב איז ביי איר פון כעס געוואָרן ראָזיק־פלאַמיק — ער בעט זיך אוודאי נישט ביי זעליק גלאַזער, ער זאָל אים געבן די טאָכטער פאַר אַ ווייב. כאָטש זי שטעקט גאָרנישט אַזוי אין יחוס... אַבע זי איז אַ יינגע מויד מיט באָקעס...

— שווייג שוין, שווייג שוין! זאָלן דיינע שונאים רעדן!... — האָט ניסן פאַרלוירן די געדולד, מיט דער פרייער האַנט אַ שאַר געטאָן, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּשאַרן אירע רייד — אַ מענטש זאָל דאָס נישט קאָנען איינהאַלטן אַביסל די צונג, ווייי מיר נעבעך נישט...

— און דו, וואָס שעמסט זיך אַזוי, זיידענער יינגערמאַנטשיק מייי־נער? זע ליבערשט, עס זאָל זיין פרנסה, מען זאָל נישט דאַרפן הונגערן — די ביסט דאָך דער ברויטגעבער פון דער שטוב... דער פאַרזאָרגער... אַז אָך און וויי!...

— וואָס זאָל איך טאָן?

— וואָס דו זאָלסט טאָן? איך וועל דיר באַלד זאָגן — אַנדערע

שלעפּן פון ווו די וועלט אַן עק האָט... און ער, אַ קאַץ אַ ווײדל נישט צו פאַרבינדן... האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן „פּלאַץ" צווישן די חמורים און מיט דעם וועט מען אָפּקומען דאָס לעבן!...

זי האָט אַרויפגעצויגן די שלאָף־יאַקע העכער איבער די שולטערן, אַריבערגעוואָרפן איבער זיך די דעק, שטיל געוואָרן. זי האָט געוואָרט ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן. ניסן האָט געשוויגן, גאָרנישט גערעדט. ער האָט געוווּסט, אַז מער ווי צו בייזס וועט עס נישט ברענגען. אַז יעדעס וואָרט איז נאָר אַ שטרוי־פלאַקסל אויפצוברענען... און דאָס לעבן איז אים אַזוי אויך נישט צו זיס, ער זאָל זיך שוין מאַכן אַ ביטערן פרימאָרגן... ער האָט אויך געוווּסט, אַז עס רעדן פון איר די צרות, די דאגות פאַרן שטיקל ברויט, אין וועלכע די שטוב איז די לעצטע טעג אַריינגעפאַלן צוליבן שטרייק אויפן „פּלאַץ". אָבער וואָס קאָן ער טאָן? מיט וואָס קאָן ער זיך העלפן? איז עס דען אין אים געווענדט?

ער האָט ווי אַן ענטפער אויף דעם אַלעמען, טיף אָפּגעקרעכצט.

שבע, ווי זי וואָלט מיט עפּעס געוואָרן פאַרנומען, האָט אין אים פאַרגעסן. זי האָט צוגענומען פון אים די בליקן, זיך אויסגעגלייכט אויפן רוקן, פאַרטונקען דעם קאָפּ אין קישן און אַריין אין איר פאַרטראַכטונג: זי האָט זיך דערמאָנט ווי זי האָט נעכטן געזאָלט זיך טרעפן מיט יודע בערןביים קאַשטשאַל־סאַד אין שפּעטן אָוונט, וווהין ער האָט איר געזאָלט ברענגען דאָס גמילת־חסד און האָבן זיך נישט געטראָפן. זי איז לכתחילה יאָ געגאַנגען, זיך געהאַט אפילו אויסגעפּוצט אויך. נאָר ווען זי איז שוין געהאַט נאָענט צוגעקומען צו דער קליינער קלויסטער־אַליי, וואָס אָט, אָט נאָך אַ שפּרונג, איז זי שוין ביי אים, ווייסט זי נישט וואָס: צי די געוואָלטיקע אַרומיקע שטילקייט, צי די שטערן, וואָס האָבן דאָסמאָל מיט אַ באַזונדערער אויסגעשייערטקייט געגלאַנצט איבער איר קאָפּ, האָבן צו איר אַראָפּגעוווּנקן, געוואָרנט: אַזעלכעס טוט נישט קיין יידישע טאָכטער, אַ ווייב פון אַ מאַן, ניין... — אָבער אויף איר איז אָנגעפאַלן טאַקע אַזאַ בושה און פּאָרכט, אַז זי האָט נישט געקאָנט שטעלן ווייטער קיין טריט. זי האָט זיך אויסגעדרייט און זיך צוריק אַהיימגעלאָזט.

אַהיימגעקומען, האָט זי זיך געפילט לייכטער, גליקלעך, ווי זי

וואָלט עפּעס איבערגעקומען אַ סכנה. זי האָט געדענקט, זי האָט פאַרלוירן דאָס גמילת חסד אָבער עס האָט זי גאָרנישט געאַרט. אפילו צו אים, ניסענען, איז זי געוואָרן ליבלעכער, ווייכער און אַ צופרידענע מיט אַ גוט געמיט, ווי זי וואָלט עפּעס מיאוס, נישט שיינס פון זיך אָפּגעטאָן — האָט זי זיך געלייגט שלאָפן.

איצט טוט איר באַנג. זי האָט יאָ געברויכט צו גיין. ער וואָלט גאָר־נישט פון איר געווען אָפּגעביסן... עס איז איין טייוול... זי וואָלט נישט געדאַרפט איצט ליגן און שוואַכן זיך דעם קאָפּ: ווו נעמט מען אַריין אין שטוב אַביסל שפּייז... וואָס אַ מצוה האָט זי געטאָן? אין וועמען? אפשר אין ניסענען, דעם נאַרישן שלימזל? האָט געפּטרט די קראָם, זיך אַריי־געלאָזט אין דער אַרבעט און איצט איז ער ווי אַן אייזל אין שטאַל פון וואַנען מען האָט אַרויסגענומען אויך די אָרעמע קאַריטע...

זי האָט זיך מיטאַמאָל צוריק אויפגעוועקט, זיך אויסגעדרייט צו אים

— און אפשר וואָלסטו אַהינגעגאַנגען צו יודע בערן, ער זאָל דיר עפּעס אויסלייען? ער איז דאָך דיינס אַ פריינט.

— צו יודע בערן? — האָט ער גענומען ווידער פאַרלוירן שאַרן מיט די פינגער איבער דער שיטערער באַוואַקסנקייט פון פּנים, — צו יודע בערן? ער וועט מיך זיכער אָפּפטרן מיט גאָרנישט... מיט אַ תירוץ...

— נאָר וואָס דען? ליגן און הונגערן?

— כ׳ווייס אַליין נישט... כ׳ווייס אַליין נישט... גלויב מיר, כ׳ווייס נישט... — האָט ניסן געקרעכצט אין זיין ענגקייט, שיער נישט געוויינט אין זיין יאוש, פילנדיק, ווי ענג און שווער עס איז אַרום אים די וועלט... — כ׳ווייס נישט, נאָר כ׳מיין... אפשר... אפשר וואָלסטו אַהינגעגאַנגען מיט מיין אויסרייד, דו ווילסט עפּעס פאַרזעצן... ער וועט זיך מעגלעך כאַפּן און אַליין עפּעס אויסלייען... דיר וועט ער נישט זיין סמיאַלע אָפּצוזאָגן.

זי האָט געוווּסט, אַזוי וועט זיין, נאָר אים נישט געוואָלט נאָכגעבן:

— אוודאי, צום טייוול וועסטו מיך אויך שיקן... דערנאָך וועלן מענטשן נאָך קאָנען רעדן...

— מענטשן... שמענטשן... — איך ווייס נישט, וואָס איז דאָ צו

רעדן... וואָס קאָן מען דאָ אַ שטייגער רעדן? ס׳איז דאָך אַ פּשוטע זאַך!... כ׳פאַרשטיי נישט...

שבע האָט אַפּילו אין אירע צרות, געמוזט אין זיך שמייכלען: וואָס ווייסט ער פון דעם אַלעם? ער האָט זיך זיין שטילע וועלט און מיינט, אַז אַלץ איז אַזוי מיט ערלעכקייט, מיט אויפריכטיקן גוטן וועג... אים קאָן גאָרנישט איינפאַלן, אַז אָט דער יודע בער, זיין אייגענער יוגנט־פריינט, אַ זאַטער אָנגעביטשעוועטער יינג, יאָגט זיך נאָך איר נאָך, רייסט זיך צו איר, רעדט אַלע זיסע ריידעלעך, זאָגט צו אַלעס גוטעס פון דער וועלט — נאָר זי זאָל צו אים גיין. זי קאָן טאַקע מיט איין גוט וואָרט אַלץ ביי אים אויספועלן. אויך איצט, ווען זי וועט צו אים אַריינקומען, וועט ער צו איר צופאַלן, זי וועלן אַרומנעמען, זיך צו איר צוקלאַנטשן, זי וועלן קושן. אין איר האָט זיך וואָס אַן אמת אויפגעוועקט אַ בייזקייט: עס וואָלט איר גאָרנישט געאַרט. זי וואָלט זיך אפילו גאָרנישט אַנטקעגנגעשטעלט... — זאָל ער!... אַרומגיין מיט אַ ליידיקן מאָגן און מיט אַ שלומפּער וועט אויך קיינער אויף דיר נישט רחמנות האָבן... גלייכער עס זאָל די מענטשן קרענקן, ווי זיי זאָלן דיך באַדויערן!...

אָבער דאָך, ס׳זאָגט זיך נאָר אַזוי. איר איז עס נישט לייכט צו טאָן!...

נאָכן אָפּליגן אָבער נאָך אַביסל צייט, זעענדיק ווי די שעה רוקט זיך, עס ווערט שפּעט, דאָס קינד וועט אויפקומען בעטן עסן און דאָ איז גאָרנישטאָ, — האָט זי באַשלאָסן: זי וועט יאָ גיין! מילא, עס וועט חלילה גאָרנישט געשען. זי וועט זיך האַלטן שטרענג... בעטן ביי אים דעם גמילת חסד און אַוועקגיין.

זי האָט מער מיט אים דערוועגן נישט גערעדט. אויסגעשטרעקט די האַנט, צוגעצויגן צו זיך דאָס בענקל מיטן אָנטועכץ, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך מיט פלינקייט די קליידער, זיך אַרומגעוואַשן, אויפגעקעמט זיך אַ הויכע פריזורע און זיך אַרויסגעלאָזט.

אינדרויסן איז געשטאַנען שמעקנדיקער, יינג־פרילינגדיקער פרי־מאָרגן. דאָס קליינע מאַרקל איז געווען אָנגעשטעלט מיט פויערישע וועגעלען. פויערטעס זענען געזעסן אויסגעלייגט מיט זייער מילכיקס, געפליגל און ערשטע יינגע גרינסן. באַלעבאָסטעס האָבן שוין פון דאָרט געטראָגן זייער

איינקויף: פּוטער, קעז, אייער, סמעטענע, צוואָרעך — געטראָגן פולע קוישלעך, געבויגענע, פאַרויטלטע, געאײַלט זיך אַהיים מיט זייערע מציאות. שבע האָט זיך צו דעם צוגעקוקט מיט אַ זײַטיק אויג. זי איז געגאַנגען מיט אַ שטיל געמאָסטענעם, לייטישן טראָט. דאָס געפלאָכטענע האַנט־קויבערל אָנגעהאָנגען אויפן אָרעם, דאָס לײַכטע האַלב־וואָלענע טיכל, פאַרוואָרפן געשיקט־כוואַטיש איבער די אַקסלען, געשאָקלט שמייכלענדיק מיטן קאָפּ צו די אַנטקעגנקומענדיקע מענטשן: „גוט מאָרגן!“ — אַלץ אַזוי לײַטיש, באַלעבאָסטעמעסיק, ווי ס׳וואָלט איר גאָרנישט געפעלט אויף דער וועלט, געהאַט פון אַלעם גוטן און זי לאָזט זיך איצט אויפן מאַרקל, טאַקע מאַכן דעם גוטן איינקויף. אויף צו להכעיס די ווײַבער האָט זי זיך געוויגט נאָך מער ווײַבעריש־פאַרפירעריש אויף אירע אויסגערונדיקטע היפּטן, אַרויס־געשטעלט מיט שטאָלץ איר הויכן בוזעם, געחנדלט זיך מיט איר שיינער זיך פאַליענדיקער פריזור און דאָס גענגעלע געמאַכט אַלץ מער שפּילעוודי־קער, טענצלדיקער, ווי זי וואָלט ריכטיק געהאַט אַלע תענוגים פון לעבן. דאָס האָט זי געטאָן מיט בײַזן צו־להכעיס — די „יאַכנעס“, וואָס האָבן געטראָגן פולע קוישן מיט אַלעם גוטן.

— גוט מאָרגן, שבע! וווהין גייען זי?

— איך גיי איינקויפן — האָט זי געשנירלט די ליפּן — מען קריגט עפּעס פרישע פּוטער אויפן מאַרק? און סמעטענע אויך? אָט גיי איך טאַקע אַהין...

זי האָט זיך אַוועקגעשאַרט פון דער באַקאַנטער, געשפּירט ווי יענע שפּיזט איר נאָך מיט די אויגן, שפּיזט אַדורך איר נעטער טאַליע, מעסט אָפּ קנאהדיק איר שיינע שלאַנקע פיס און זי האָט זיך געקילט מיט בייזער פרייד: זאָל עס זיי קרענקן! גוט קרענקן!... זאָלן זיי פּלאַצן! דאָס איינע מיט וואָס זי קאָן זיי כאָטש מאַכן פאַרדריסן — איר שיינע פיגור. איר שיינער פּרויאישער גאַנג.

וואָס מער זי האָט זיך דערנענטערט צו יודע־בערס הויז, אַלץ מער האָט זי געפילט, ווי עס נעמט זי אַרום אַן אומרויקייט. דער פריערדיקער אָנשטעל איז פאַרשוווּנדן, אויסגערונען ווי אַ רויכל אין ווינט. אין אירע

אויגן האָט זיך אויסגעלייגט אַן ערנסטקייט און זאָרג. זי האָט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט, אין זיך איינהאַלטן די רו.

די שטוב איז געווען פאַרמאַכט אויפן שלאָס. זי איז אַראָפּ אין שפּייכלער. אַריינגעקומען איז זי מיט אַזאַ מינע ווי זי זוכט איר מאַן. יודע בער האָט אַ בליק געטאָן מיט די אויגן, אָפּגעשטויבט דאָס בלאָנדע צוגע־שוירן בערדל פון תבואה־שטויב און מיט אַ הייזעריקלעך געוואָרן קול, אָפּגעענטפערט דעם גוט מאָרגן:

— וואָס הערט זיך עפּעס גוטס? און וואָס איז מיטן שטרייק? — האָט יודע בער געפרעגט מיט אַ געשעפטלעך געמאַכטן טאָן — די שפּייכ־לער־אַרבעטער זאָלן הערן.

— איי, עס איז שוין נמאס פון גאַנצן עסק... איך האָב טאַקע געוואָלט זאָגן... יאָ, ניסן האָט געלאָזט בעטן, אפשר קאָנט איר אונז אויסבאָרגן, דאָס וואָס איר האָט צוגעזאָגט...

— וואָס כ׳האָב צוגעזאָגט? האַ?... נו, מילא... דאָ האָב איך נישט. קומט אַרויף אין שטוב — און אַן אויג האָט זיך ביי אים פאַרקוועטשט, וואָס מען האָט נישט געקאָנט וויסן צי צו איר, צי גלאַט אַזוי.

זיי זענען אַרויף.

אויפשליסנדיק די טיר, אַריינלאָזנדיק זי די ערשטע, האָט ער שוין מיט דער היימישקייט ווי אין די אָוונטן ביי זיי, ווען ער בלייבט מיט איר אַ רגע אויג אויף אויג, ברוגזלעך געפרעגט:

— נו, און נעכטן?

— איך האָב נישט געקאָנט. מענטשן זענען געווען ביי אונז ביז שפּעט...

— מיינסט איך בין נישט געווען אונטערן פענצטער? ס׳איז אין שטוב געווען פינצטער.... ס׳זענט געשלאָפן...

שבע האָט געוואָלט אַוועקפירן פון דעם שמועס, געוואָלט אים זאָגן וועגן דער הלוואה. ער האָט שוין נישט געהערט. ווי אַ פאַרליבטער בחור איז ער צו איר צוגעפאַלן:

— שבע, וואָס וועט ווערן? איך בין אויס מענטש. איך גיי אויס נאָך דיר. איך קאָן אפילו אין געשעפט גאָרנישט טאָן.

— הערט אויף. הערט אויף! — האָט זי געגומען זיך טומלען. אַרומ־געקוקט זיך, ווי זי וואָלט געוואָלט זען, צי עס איז נישט עמעצער דאָ, צי הערט זיך נישט ווער צו צו די דאָזיקע ווערטער.

— שבע, גיין, איך מיין ערנסט. פאַרוואָס ביסטו נישט מיין ווייב? פאַרוואָס מוז איך האָבן אַזאַ אייביק קראַנקע, וואָס האָט נאָר צו טאָן מיט דאָקטוירים, מיט בעדער, האָב זי קיינמאָל נישט אין דער היים? און נישט אַזאַ קוועליקע ווי דו? עד, איך וואָלט אַלץ אַוועקגעגעבן, נאָר זיין מיט דיר!...

עס זענען געווען די רייד, וואָס זי פלעגט פון אים תמיד הערן ביים טירל אין הויף ביי זיין אַוועקגיין און זיי פלעגן איר אפילו שמייכלען, ווילן. איצט אָבער האָט זי זיך באַאומרויקט, זיך געשראָקן. זי האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס, נאָר געפילט ווי זיי רופן אַרויס ביי איר אומהיימלעכקייט. פחד. זי האָט געזוכט מיט אַלע כוחות זיך צו שטאַרקן, זיך באַרויקן, אים פון זיך דערווייטערן:

— רוקט אייך אָפּ, שטייט נישט אַזוי נאָענט צו מיר... עס קאָן נאָך ווער אַריינקומען... עס איז נישט שיין... איך האָב אָבער נישט געוואָלט גיין אַהער...

— פאַרוואָס נישט אַהערגיין? פאַרוואָס נישט? וואָס טו איך דען אַזעלכעס? — האָט ער גערעדט מיט שטאַמלדיקע געפּאַלענע רייד, ווי ביי איינעם ווען דער קוראַזש הייבט אָן פאַלן, אָפּרוקנדיק זיך עטוואָס פון איר.

— ניין, אַזלעכע זאַכן... איר ווייסט נישט, יודע בער... און צווייטנס וואָס בין איך דען אַ מיידעלע? עס איז נישט קיין זאַך, וואָס מען קאָן עס בייטן... אַ פאַרפאַלענע זאַך!...

— אַ פאַרפאַלענע זאַך... אַ פאַרפאַלענע זאַך... — האָט ער געפּרעפּלט מיט די ליפּן, קלאָגנדיק זיך ווי אַ נאַריש יינגל — פאַרוואָס פאַרפאַלן? פאַרוואָס פאַרפאַלן?

ער איז צוריק צוגעקומען, געפּרוווט זי אַרומנעמען. זי האָט זיך געוועהרט, אים אָפּגעשטופּט.

— לאָזט אָפּ, איך וועל טאָן אַ געשריי... אַריינגעקומען אויף אַ רגע, וועגן אַן ענין און דאָ נאַדיר אַ טשעפּעניש...

ער איז באַזיניקטער געוואָרן. זיך אויסגעגלייכט און מיט אַן אויפ־געבונדענער שטים געפרעגט:

— נו וואָס דען? נו וואָס דען? וואָס זאָל איך טאָן? זאָג!

— איר ווילט מיר עפּעס אויסלייען איז גוט... אַז נישט, איז מילא; וועל איך אַזוי אַהיימגיין...

— איך וועל... איך וועל... פאַרוואָס עפּעס נישט? פאַרוואָס אַזוי אַהיימגיין?

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון בוזעם דעם טייסטער און פון דאָרט גענומען שלעפּן פּאַפּירענע אַסיגנאַציעס, שטופּן איר אין האַנט אַריין.

— נאַ! ס'האָט גענוג?

— גענוג, גענוג, איך דאַרף נישט אַזויפיל — האָט זי פאַרשטעלט מיט דער האַנט, ער זאָל נישט ציילן מער...

זי האָט איינגעוויקלט די פּאָר פּאַפּירלעך, זיי פאַרשטעקט אין האַנט און נישט געוווסט וואָס צו זאָגן. זי האָט אויפגעהויבן די וויעס און שטיל געזאָגט:

— אַ דאַנק!

— פאַרנוצט זיי געזונטערהייט — האָט ער געזאָגט מיט אַ ברייט אויפגעהויבענער שטים — אַז ס'וועט דאַרפן, זאָגטס, איך וועל נישט אָפּזאָגן, זעטס, אַז יודע בער איז אַן אויפריכטיקער פריינט.

זי האָט זיך אַוועקגעריסט פון אָרט, געריכטעט אירע טריט צו דער טיר. נאָר דאָ האָט יודע בער פּלוצלונג אַ שפּרינג געטאָן ווי אַ קאַץ, פאַר־לאָפן איר דעם וועג, זי פאַרהאַלטן.

— נו, שבע! — האָט עס פון אים אַ געשריי געטאָן. אַריינגעקוקט מיט געבעט איר אין די אויגן — גייסט אַוועק און גאָרנישט... אפילו קיין ליב וואָרט נישט?

זי איז געבליבן שטיין, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איצט האָט די גאַנצע אשת־חילדיקע זיכערקייט זיך פון איר אָפּגעטאָן. זי איז געוואָרן אומבאַהאָלפן ווי אַ מיידל ווען זי שטויסט זיך אָן מיטן ערשטן נסיון. די געלט־פּאַפּירלעך האָבן געבריט איר האַנט. עס האָט זי אַרומגענומען אַ בושה, סיי פאַרן נעמען דאָס געלט און סיי פאַר איר אַריינקומען. זי האָט

זיך געפילט געפאַלן און שוואַך אפילו צו פאַרטיידיקן זיך פון אים...
פאַרוואָס לאָזט זי זיך אָנרעדן פון אירע געפילן? — האָט זי גענומען זיך ביטער מוסרן — וואָס טרייבט איר אַזוי? און צו וואָס איז זי אַהערגעקומען?

— יודע בער, לאָזט מיך אַרויס, איך מוז אַהיים — האָט זי אַן אָנבּוחותדיקע זיך ביי אים געבעטן.

יודע בער, ווי נישט צו אים וואָלט מען גערעדט, האָט זיך אויף איר אַ וואָרף געטאָן, זי אַרומגענומען מיט זיינע פעסטע הענט. די אויגן האָבן ביי אים געגלאַנצט. די נאָזלעכער האָבן זיך געברייטערט, ווי ער וואָלט געזוכט לופט צו אָטעמען און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען ווי אַ צעווילדעוועטער ביק, וואָס גרייט זיך שטויסן. שבע איז אַריינגעפאַלן אין אַן אויסטערלישער שרעק, ווי מען וואָלט זי באַפאַלן אין אַ וואַלד, איינע אַליין. געפילט ווי זיינע פינגער קלעמען זי ווי מיט צוואַנגען און ער וועט באַלד מיט איר עפּעס נישט גוטס אָפּטאָן. זי האָט מיט אָפּגעהאַקטן אָטעם אַ רוף געטאָן:

— יודע בער, ניטע!...

יודע בער האָט מיטן גאַנצן מענערישן כוח, ווי ער וואָלט באַהערשט געוואָרן פון אַ בייזער קראַפט, זי אַ הויב געטאָן אין דער לופטן, זי פאַרוואָרפן אויף זיך, לייכט ווי אַ זעקל תבואה און זיך מיט איר אַ ריר געטאָן פון אָרט.

אַצינד ערשט, ווי עס וואָלט אין איר אָנגעשוווּמען נייע אַרויסגערופענע כוחות, נייע ענערגיע, האָט זי זיך געפילט געשטאַרקט. זי האָט אים מיט איר קרעפטיקער פויסט אַ קנאַק געטאָן איבערן נאַקן, אַז ס'האָט אַזש אָפּגעהילכט. יודע בער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, זי פון זיך אָפּגעלאָזט, אַליין אָפּגעפאַלן פון איר אויף אַ שטיקל ווייט, זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ דערשראָקענעם פאַרווּנדערטן בליק. און זי אַליין, אים, אויך אַזוי. זי איז גיך צו זיך געקומען, גלייכגעמאַכט אויף זיך דאָס טיכל און אָן אַ וואָרט צו זאָגן זיך אַרויסגעלאָזט.

אַ היים איז זי נישט געגאַנגען נאָר געלאָפן. אויף אירע באַקן האָט געברענט אַ פייערל — אי פון בושה, אי פון עפּעס אַ נצחון. די האַנט, ווו

זי האָט פריער געהאַלטן דאָס געלט איז געווען לײדיק, נישט מער ווי אײן קלײן פּאַפּירל, האָט זיך געהאַט פאַרשטעקט צווישן די פינגער, וואָס זי האָט אַלײן נישט געוווּסט דורך ווי אַזוי ס׳האָט זיך דערהאַלטן.

אין מוח האָט ווי אַ רעדעלע זיך געדרײט אַ פראַזע: „האָסט גוט געטאָן, שבע... גוט!... און פאַרן פּאַפּירל וועסטו קויפן עפּעס עסן פאַרן קינד..."

זי האָט זיך אַהײמגעלאָזט מיט פלינקע טריט.

אין דערנענטערונג פון שקיעה...

(פ ר אָ ג מ ע נ ט)

עס איז געווען פרימאָרגן. דורך די פענצטער האָט זיך געריסן פרילינג־דיקער טאָג. באַראָווסקי איז געזעסן אין זיין קאַבינעט, אַ פרימאָרגנדיקער, אַ פרישער. פונעם פריש אַרומגעראַזירטן פנים האָט דורך דער איידעלער געפלעגטער הויט, אַפערגעקוקט טונקעלער שפּראָץ, וואָס האָט אים צוגעגעבן מער מענערישן חן. ער איז איצט געווען אויסגערוט, רויק. עס איז געווען איינע פון זיינע שטילע רויקע זעלישע מינוטן, ווען ער לעבט מיט זיך, דערזעט דעם מענטש אין זיך. און כאָטש פאַר אים אויפן שרייב־טיש איז געלעגן אָנגעלייגט אַ שטויס מיט פּאַפּירן: חשבונות, בריוו, קאָנטראַקטן — האָט ער זיך דערוויל נישט געאיילט צו זיי. די הענט, אויסגעבויגן אין די געלענקן, זענען געלעגן רועגדיק אויסגעלייגט אויף די אָנלענס פון פאָטעל און די אויגן, אָנגעטרונקענע מיט עפעס זעעוודיקס, זענען געווען אויסגעשטרעקט אין דער ווייט. צומאָל האָבן די ווייסלען זיך גענומען פריילעכער באַוועגן, די אַפּלען שמייכלען, די הענט זיך הייבן און זיינע שיינע לאַנגע פינגער האָבן גענומען שפּאַצירן איבערן פנים, גלעטנדיק די קינבאַקן, די ברעמען, די אויגן־ווּיעס. דעמלט האָבן זיך אויך לייכט אויפגעעפנט זיינע שמאָל־געשניטענע ליפּן, אַפּדעקנדיק אין אַ שמייכל זיינע ווייסע שיינע געזונטע ציין.

דאָס האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די נעכטן ביינאַכטיקע אויפנאַמע ביי זיך אין שטוב.

ווי אַלעמאָל, איז אויך נעכטן געווען דער דאָקטאָר אייזנבערג, מיט

זיין יונגער שיינער פרוי עמילאַ און ווי אַלעמאַל איז פון איר געווען פריי־לעך. ער פאַרשטייט נישט: איז זי אין דער אמתן אין דער נשמה אַזוי קינדיש, אָדער איז דאָס נאָר אַזאַ ווייבערשיער אָנשטעל? אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, איז זי זייער פאַרווײַלנדיק. זי איז דאָס קינד אין דער געזעלשאַפט פון די גרויסע און דעריבער וואָס זי טוט, איז אַלץ גוט און חכמהדיק. און טאָן טוט זי זאַכן, וואָס אויף אַן אַנדערער וואָלט מען פאַריבל געהאַט, נישט מוחל געווען. אָט, למשל, צו אים אַליין: זי פאַלט צו אים צו אין קעגנוואַרט פון אַלעמען, נעמט אים אַרום, פּיעשטשעט זיך פאַר אים, שפּילט אין חנדלעך, הייסט זיך געבן אַ קוש. און אַז ער צעגערט, קומט אין פאַרלעגנ־הייט, טראַכט זי נישט לאַנג און לאָזט אַליין אים אַראָפּ אַ קוש. זי טוט דאָס שפּילעוודיק, תמימותדיק־קינדיש. אַלע קוועלן־אָן, פּאַטשן בראַוואָ.

אים אַליין איז אָבער נישט אָנגענעם. טוט בעת מעשה אַ קוק אויפן באַיאָרנטן דאָקטאָר. אויך ער שמייכלט. נאָר אים, באָראָווסקין, דאַכט זיך אַלץ אויס, ער זעט אין ווינקל־אויג ביי יענעם עפּעס צער׳דיקס, און דאָס שמייכעלע איז אויך אַ קרומס, אַ שטעכיקס. ער, באָראָווסקי, ווייסט אויך אַז פון איר זייט איז עס ווייט נישט אַזוי אומשולדיק, קינדעריש, אַז אונטער דעם שפּאַס שטעקט געגנוג ערנסט. ער פילט עס אין דעם ברי פון אירע הונגעריקע ליפּן, פון דעם שטילן שעפּטש, פון דעם ציטער פון אירע שפּיצן פינגער.

און וואָס וויל זי אייגנטלעך פון אים? ווייסט זי דען נישט, אַז ער איז אַן אָנשטענדיקער באַלעבאָס, אַ שטילער מענטש, אַ מאַן פון אַ ווייב, אַ פאָטער פון קינדער און ער וועט זיך נישט אַריינלאָזן אין ליבע־פּלאָנטערנישן? עס איז אים אויך נישט ניחא פאַר זיין אייגענער פרוי. ווען אַלע גייען אַוועק טוט זי צו אים אַ זאָג: „אַ שטיק אויסגעלאַסענע, איך לייד זי נישט!". ער פאַרשטייט זי און באַרויקט זי: אמת, וואָס קאָן מען טאָן, מען קאָן דאָך נישט טרייבן קיין מענטשן פון שטוב... און דו נעם דיך נישט איבער, עס איז גאָרנישט...

יאָ, ער ווייסט, זי איז רייצנד, אָבער וואָס האָט עס מיט אים צו טאָן? ער מאַכט זיך אַליין פאָרוורפן, נאָר ער זעט נישט, ער זאָל מיט עפּעס שולדיק זיין. טוט ער דען אַזוינס באַזונדערס, זי צו רייצן? דאַכט זיך מיט

גאָרנישט. זי קוקט אפילו נישט אויף זיין העפּלעכן ווידערשטאַנד. זי טוט זיך ס'איריקע. ער פאַרשטייט: עס איז איר הונגער — און דאָ קריגט ער אַביסל מיטלייד. און נאָך ערגער איז, וואָס תמיד, ווען זיי גייען אַוועק, בלייבט ביי אים עפּעס אומרויקס, פלאַטערנדיקס. שפּעטער, ווען אין שטוב איז שוין פאַרלאָשן דאָס ליכט, מען ליגט אויף די געלעגערס, קוקט נאָך אויף אים פון דער פינצטערניש אַרויס איר פינקלדיקער בליק. ער פילט דעם גלעט פון אירע צאַרטע פינגער און אינעווייניק אין אים רודערט זיך עפּעס אַן אומרויקע בענקשאַפט. ער שלאָפט איין מיט איר געשטאַלט און דערנאָך פלאָנטערט זי זיך אַ גאַנצע נאַכט אין זיין צעריסענעם שלאָף. ניין, עס איז נישט גוט אַזוי. פאַר אים איז עס נישט גוט. אַ געשעפטס־מאַן דאַרף האָבן אַ רויק קאָפּ. קאָנצענטרירן די געדאַנקען אויף אַנדערע וויכטיקע זאַכן. און חוץ דעם, איז אים אויך אַ שאָד זיין פרוי. וואָס, זי איז נישט אַ גענוג טייער ווען? שיין, עלעגאַנט — וואָס האָט ער צו איר? פאַרוואָס זאָל זי ליידן? ער זעט דאָך, עס קאָסט איר געזונט. ביי יענערס פאַרברענגען דאָ, ווערט דאָס פּנים ביי איר אָפּגעצויגן, בלייך און מיד, כאָטש זי שמייכלט. זי קוקט אָפּער פון איר באַהאַלטנקייט צו אים מיט טענהדיקע בליקן, ווי זי וואָלט אים עפּעס פאַרגעוואָרפן. ניין, ניין, עס טויג נישט אַזוי!...

דער דמיון האָט געזוכט אים נאָך צו פאַרוויילן, אַריינטרייבן אין זעאונגען, בילדער. ער האָט זיך מער נישט געלאָזט. אַ קוק געטאָן אויפן טיש, איז ער מיטאַמאָל וואַך געוואָרן. מיטן בליק אַרומגענומען דעם אָנגע־וואָרפענעם הויפן שריפטן און מיט אַ פלינקן טרייסל מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אַלץ פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, האָט ער אים מיט דער האַנט צוגעשאַרט צו זיך נענטער. איצט האָט ער ערשט באַמערקט, ווי אָפּגעזונדערט אין דער זייט, ליגט אַ צוזאַמענגעלייגטער פּראָסטער בויגן פּאַפּיר. ער האָט אים גענומען דעם ערשטן, דורכגעקוקט. דורכלייענענדיק די ערשטע פּאָר שורות, האָבן די אויגן זיך ביי אים בייזלעך האַלב פאַרקוועטשט אין אַ שפּאַלט, ווי ביי אַ קאַץ, ווען זי ווערט אין כעס. די פריערדיקע פאַרחלומטע רויקייט איז פאַרשוווּנדן און אויפן פּנים האָט זיך אַוועקגעלייגט עפּעס האַרטס, רויעס. אַ פאַרדראָסיקייט, וואָס איז מיטן ווייטערן לייענען געוואָרן אַלץ שאַרפער, האָט אָפּערגעשאָסן פון אונטער זיינע האַלב־פאַרצויגענע וויעס. ער האָט

נישט אויסגעהאַלטן, נישט דערלייענט ביזן סוף, עס אַוועקגעשמיסן, דורכ־זייענדיק מיט כעס צווישן די ציין: דראַניעס!

דאָס זענען געווען די פאָדערונגען, וואָס דער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט צוגעשיקט — קורץ און שאַרף: זיי פאָדערן פאַרבעסערן זייער לאַגע. אויב נישט, פאַרשטרייקן זיי!

קיין שום זאַך האָט אים, באַראַווסקין, נישט אַזוי אויפגעקאָכט, ווי דאָס וואָרט „שטרייק". דאָס דאָזיקע האָט אים אַרויסגעבראַכט פון די כלים: סטראַשען אים, אָנוואַרפן אַ ווילן, דאָס האָט האָט ער געהאַלטן פאַר אַ געמיינער חוצפה, וואָס ער האָט נישט געקאָנט מוחל זיין. עס האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַזאַ פוריע, אַז ער האָט נישט געקאָנט דעם אָטעם אָפכאַפּן.

ביים טאַטן האָבן זיי דאָס קיינמאָל נישט געטאָן. געגאַנגען ווי שטילע לעמעלעך, קיין הויך וואָרט נישט אַרויסגערעדט, און ביי אים ווי זיי האָבן דאָס פאַרריסן דעם קאָפּ. ער וואָלט נאָך פאַרשטאַנען: זשאַלעווען זיך, בעטן, אָבער נישט פאָדערן! געבן אַן התראה! ניין, דאָס וועט ער נישט צולאָזן. צו אַזאַ פאַרריסנקייט וועלן זיי ביי אים נישט דערגיין. ווילסט נישט אַרבעטן? גיי דיר געזונטערהייט, עס וועט דיך קיינער נישט באַכיאָגן! עס פעלן נישט קיין אַנדערע אויף דיין אָרט. אָבער פיר מיר נישט דאָס רעדל!... זיי נישט מיטבאַלעבאָס, סטראַשע נישט. אַ דעה זאָגן? ניין, דאָס נישט!

ער האָט געפילט, ווי דער אָטעם האַקט זיך אים אָפּ פון אויפרעגונג ער קאָן נישט צו זיך קומען. אַ באַפאַלענער פון רוגזה, איז ער גרייט געווען שוין אַריינרופן זיינע קאָנטאָר־מענטשן, געבן אָנווייזונגען, שרייען, הייסן פאַריאָגן. דאָס האָט געדויערט נאָר אַ סעקונדע. ער האָט זיך באַזינען, זיך גענומען אין די הענט אַריין: ניין, נישט דאָס איז דער וועג. מער ישוב־הדעת!

ער האָט נאָך אַמאָל צו זיך צוגערוקט דאָס פּאַפּיר, באַמיט זיך עס אַדורכצוקוקן מיט קאַלט בלוט; איבערהיפּנדיק די ערשטע אָפיציעלע שורות האָט ער דאָס איבעריקע גענומען לייענען הויך אויפן קול, באַטאָנענדיק פאַר זיך יעדעס וואָרט:

העכערן דעם אַרבעטס־לוין!; קאָלעקטיווער אָפּמאַך; אַכט־שעהדי־קער אַרבעטס־טאָג; קראַנקן־קאַסע; 50 פּראָצענט פאַר איבערשעהן! — ווען

אונדזערע פאָדערונגען וועלן נישט דערפילט ווערן וועלן מיר געצוווּנגען זיין... — — —

ער האָט אָפּגעהאַקט, אַוועקגעוואָרפן דאָס פּאַפּיר, געשפּירט ווי דער צאָרן הייבט זיך ווידער אין אים, ער פאַרלירט די גלייכגעוויכט: אַהאַ, זיי האָבן געקריגן פליי אין דער נאָז! געדענקען שוין נישט, ווי ער האָט זיי אָנגעלערנט... און ער וועט זיי אויך היינט אָנלערנען. זאָלן זיי וויסן ווי צו שאַנעוען זייער ברויט!...

ער האָט זיך אַריינגערוקט טיפער אין פאָטעל, צוגעשפּאַרט זיין רוקן צום ווענטל, די הענט געשטרעקט פאַר זיך און געבליבן אַזוי זיצן אין גליווער. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער פריערדיקער זאַנפטער שטימונג און עס איז אים אַ שאָד געוואָרן. ער האָט געוואָלט אין אַלעם צוריק פאַרגעסן, אַריין צוריק אין יענע רגעס... אָבער מער נישט געקאָנט. מיט אַ מידלעכער באַוועגונג האָט ער געפירט די פינגער איבערן שטערן, אָפּגעווישט דעם דראָבנעם שווייס, וואָס האָט זיך געזעצט פון זיין האַסטיקן טראַכטן און פילאָזאָפיש אַ קלער געטאָן: אַזוי איז מיטן מענטש!...

מיטאַמאָל האָט אין מוח ביי אים, ווי אַן אָנגעריבן שוועבעלע, עפּעס אויפגעפלאַמט. ער איז געוואָרן אויפגעלעבטער, וואַכיקער.

יאָ, ער האָט אַן אויפטו, אַן אמתדיקן איינפאַל: צעררייסן, צעטיילן זיי, צעברעכן זייער אייניקייט און מיט דעם אויך זייער שטרייק. עס איז נאָר געוועדעט ווי אַזוי דאָס אַדורכצופירן, מיט וועמען אָנצוהייבן.

אַן אָנגעצונדענער, ווי איינער וואָס געפינט אין דער לעצטער מינוט זיין רעטונגס־געווער, האָט ער גענומען זוכן אין געדאַנק, רופן נעמען: פּתחיה, כאַסקל, אייזיק... יאָ, פון זיי וועט ער קאָנען וועמען געווינען, גרויסע פאַמיליעס, אָרעמעלייט. ער וועט זיי געבן צו פאַרשטיין, עס איז נישט פאַר זיי קיין ענין דאָס שטרייקן, בפרט ער דערלייגט זיי יעדערן באַזונדער אַן הוספה. זיי וועלן אָנהייבן, דערנאָך וועלן זיך אַלע ברעכן, קומען צו לויפן, וויינען, בעטן.

אַ צופרידענער פון פּלאַן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, גענומען שפּאַצירן אַרויף און אַראָפּ איבערן צימער. ביים פענצטער איז ער געבליבן שטיין. אַרויסגעקוקט אויפן פּלאַץ, אַרומגענומען אים מיט זיין בליק אין זיין

גאַנצער גרייס. אַרום האָט געדרוישט, גערעשט; אַרבעטער פּאַרשמייעטע, פּאַרטאָגנענע, זענען געלאָפן אַהין און צוריק. מענטשלעכע הענט האָבן זיך געהויבן, צוריק אַראָפּגעלאָזט, דאָס געהילץ אין זייערע אָרעמס האָט געשפּיגלט, געמיניעט זיך אין זיין קלאָרער ווייסקייט: שפּאַלן, שוועלן, פּלאַטוויס, צעליקע ברעטער, האָבן געקלונגען, געגעבן עכאָס, זיך געלייגט אין שטאַבעס, אין שטויסן, געטורעמט זיך הויך, שטאָקיק, ווי סטויגן תבואה. ער האָט דאָס באַטראַכט מיט שטאָלץ, מיט אַ געהויבענעם רחבותדיקן בליק: אָט דאָס איז זיינס! זיין אַרבעט, זיי מי, געשאַפן פון זיין מוח און הענט! ער איז דאָס דער, וואָס מאַכט דאָס אַלץ באַוועגן און לעבן! ער איז געוואָרן ביי זיך געוואַקסענער, שטאָלצער, אַריין אין זיין קוראַזש און מיט נאָך מער לוסט גענומען אַרומטראַכטן דעם פּלאַן.

— יאָ, ער האָט שוין אַפילו מיט וועמען זיך צו באַהעלפן: אברהם הערש! פּאַר אים האָבן זיי דרך־ארץ. ער וועט זיי ברענגען...

אָבער אויך צו אים מוז ער צוגיין מיט פּאָרזיכט, פּאַרפירן אַ שמועס מן הצד, ער זאָל זיך נישט גלייך כאַפּן, — ער איז דאָך אַן אָפּגעהיטענער מענטש! — אַריינברענגען אים אין אינטערעס, אויפווייזן די טובה פון געשעפט און ער וועט פּאַרשטיין. און אויב ער וועט נישט וועלן, וועט ער אים צווינגען. ער עסט אויך זיין ברויט! אדרבא, זאָל ער פּרוּוון אַוועקגיין וועט ער זען, וואָס פּאַר אַן אויסזען ער וועט האָבן... יאָ, אים קען ער שוין לאָזן אַריינרופן, ער וועט דערוועגן גלייך מיט אים רעדן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט, געמאַכט אַ שפּרייז צום טיש, אַרויפגעלייגט דעם וויַז־פינגער אויפן קנעפּל פון גלעקל, אָנצוקלונגען. אָבער אין דער מינוט האָט זיך די טיר געעפנט און עס איז פון זיך אַליין אַריינגעקומען אברהם הערש.

אברהם הערש — אַ ייד מיט אַ רונדיק אָפן פּנים, קלוגע ליכטיקע אויגן און אַ ווייכע ברייטע באָרד, מיט אַן אָנבליק פון אַ היימישן זאַטן ווינקשענקער — האָט איצט געהאַט אַ מאָדנעם אומרואיק, צעטומלטן בליק. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּרימאָרגן־צייטונג און די אַנדערע אויפגעהויבן העכער איבער זיין באָרד, האָט אויף עפּעס אָנגעוויזן. דערביי

האָבן זיך די אויגן ביי אים מאָדנע געריסן עפּעס צו דערציילן. צוקומענדיק נענטער האָט ער גלייך אויסגעשאָסן:

— זעט, הער באַראָווסקי, וואָס די היינטיקע גאַזעטע ברענגט פאַר אַ נייעס, אדרבה לייענט: היטלער ימח שמו האָט אָנגעזאָגט אַ קריג די יידן! היינטיקס יאָר וועט ער אַרויסשיקן אַלע יידן פון דייטשלאַנד!

— האַ, וואָס?! — האָט באַראָווסקי אויסגעשריגן נישט מיט זיין קול, ווי ער וואָלט געוואָלט פון זיך פאַריאָגן די נאַר־וואָס פון אברהם־הערשן געהערטע ווערטער.

— יאָ, יאָ. אַזוי שטייט בפירוש — אַלע יידן, סיי די אָרעמע, סיי די רייכע. אויף די רייכע, שמועסט מען, האָט ער נאָך מער אַן אויג!...

אברהם הערשס רייד האָבן אָנגעיאָגט אַ נישט היימלעכן אומרויקן ווינט. אין באַראָווסקיס געמיט איז עפּעס מיטאַמאָל ערגער געוואָרן. דער פּלאַן האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. פאַר די אויגן האָבן זיך גענומען וויגן נעפּלען, ווי אַ רויך וואָלט אָנגעקומען. ער איז געבליבן שטיין מיט אַ האַלב געעפנט מויל. די אָנגעגרייטע רייד זענען פאַרגליווערט געוואָרן, אויסגערונען, פאַרפאַלן געוואָרן אין ערגעץ.

— וואָס זאָגט איר? איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט — ווייזט אַהער!

ער האָט אַרויסגענומען די צייטונג פון אברהם הערשס האַנט, זיך צוגעזעצט אויפן פריערדיקן אָרט און גענומען לייענען. אברהם הערש האָט אין געהיים נאָכגעפאָלגט, געזען ווי ס׳פּנים ווערט אומעטיקלעך, פאַרזאָרגט, דער קינבאַק טוט אַלעמאָל אַ צוק. „עס זאָל כאָטש אויף אים ווירקן, עפּעס אָננעמען״... איז אברהם הערשן אַדורך אַ געדאַנק. באַראָווסקי האָט אַוועקגעלייגט צוריק דאָס בלאַט, זיך אויסגעריבן מיט אַ פּלוצלונג באַפאַלענער מידקייט די אויגן און שטיל אָפּגעזיפצט:

— יאָ, זעט אויס, עס איז נישט קיין געלעכטער, מיט דעם פאַרשויך. ער שאַרפט זיך די ציין אויף אונדז יידן... אַ נייער המן...

אַ ווײַלע האָט זיך געזעצט איבער דער שטוב אַ שטילקייט. באַראָווסקי האָט געטראַכט, ער דאַרף מיט אים איצט נעמען רעדן, נישט וועגן דעם, וואָס ער האָט זיך פריער געגרייט, נאָר עפּעס אַנדערש — ער זאָל אָנהויבן אונטערהאַנדלען מיט די אַרבעטער, ער וועט נאָכגעבן און מיט

דעם וועט זיין געענדיקט. ס׳וואָרט איז אים געלעגן אויפן שפּיץ צונג. אַראָפּצושפּרינגען. נאָר אַן אינערלעכער כוח האָט עס אָפּגעהאַלטן, נישט אַראָפּגעלאָזט, ווי אַן אינערלעכער שטים וואָלט אים אונטערגעזאָגט: „וואַרט צו, אייל זיך נישט. האָב נאָך ישוב הדעת״... זיצנדיק געבויגן, די הענט צוגעדריקט אויף די קני, איז ער אַריין אין שווערן טראַכטן. דער קאָפּ האָט אַראָפּגעשוועבט צו דער ברוסט, די פּלייצע האָט זיך געהאָרבט שפּיציק. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין טיפן דרימל. דאָס האָט געדויערט נאָר אַ קליינע צייט. ער איז אויפגעקומען. אָנגעקוקט אברהם הירשן מיט אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן ווי ער וואָלט אים ערשט איצט דערזען. אָפּרוקנדיק זיך פון טיש, אויפשטייענדיק, האָט ער געזאָגט שוין מיט אַן אַנדער קול, אַן איבערגעטראַכטס, אַ העלערס:

— פונדעסטוועגן סטראַשעט ער נאָר בלויז... ער וועט נישט וואַגן... די וועלט וועט נישט לאָזן... וווּ איז ענגלאַנד? וווּ איז אַמעריקע?

— ווער וועט דאָס נישט לאָזן? ווער וועט זיך דאָס אָננעמען פאַר די יידן? — האָט אברהם הערש געזאָגט מיט אַן אומעטיקער שטים טראַכטנדיק דערביי: „ער ווייסט נישט — די וועלט, איז ווי ער!...״ — וועמען אַרט דאָס די יידנס עוולה? ענגלאַנד? אַמעריקע? ווייס איך, גוים — ווי ער!...

— נישט געדרונגען. דאָרט איז דאָ יידישער איינפלוס. און עס איז אַ מעשה מיט הלוואות. ער וועט דאַרפן די אַפּותיקא און מיט דעם וועלן זיי אים בינדן... קלאַפּן איבער די קעשענעס, אַהאַ, איז דאָס בעסטע מיטל...

באָראָווסקי איז צוריק אַפּויער פון אונטערן טיש. ער איז געוועזן שוין אין זיין פריערדיקער לוינע. ער האָט געגלויבט מיט פולן גלויבן, אַז ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם גאַנצן אמת, אַז עס איז זיך נישטאָ וואָס מיאש צו זיין. ווידער האָבן זיינע טריט געקלונגען מוטיק. ווידער האָבן זיי זיך געריכטעט צום פענצטער. דאָס מאָל האָט ער געקוקט מיט נייעם חשק, ווי די אַרבעט טוט זיך, ווי די קוביק מעטערס וואַקסן, די שטויסן ברעטער הייבן זיך, געשווילן. אויפן זינען איז אים געקומען די גרויסע באַשטע־לונגען, וואָס ער האָט באַקומען, וועגן נייעם אָפּגעקויפטן וואַלד, וואָס מען וועט דאַרפן האַקן, וועגן די וואַגאָנען ברעטער, וואָס ער וועט אָפּשיקן און

נאָך מער אין זיך אויפגעוועקט די זיכערקייט. צוריק האָט ער זיך דערמאָנט אין זיינע עניגים, זיך דערמאָנט, אַז דערווייל געפינט ער זיך נישט אין דייטשלאַנד. דערווייל לעבט ער אויף דער ערד, וואָס איז נאָך זיכער. דערווייל מוז ער נאָך אָפּהיטן זיינע געשעפטן, אָפּהיטן דעם סדר.

יאָ, מען וועט אים קלאַפּן איבער די קעשענעס...

— יאָ, אַז מען וועט אים אַ קלאַפּ טאָן איבער די קעשענעס, וועט ער זיך לאָזן בייגן ווי צעגליט אייזן... — האָט ער הויך ווי צו זיך גערעדט ווי נאָך אַמאָל באַשטעטיקנדיק דעם אמת פון זיינע רייד און זיין קול האָט שוין צוריק געקלונגען אינגאַנצן מונטער, פרייער.

א

אַז ס׳איז באַשערט...

קיווע רימער איז אין לעבן זיך געגאַנגען מיט זיין שטילן וועג. מיט קיינעם נישט געהאַט קיין יאָ, קיין ניין. קיין מענטש נישט באַליידיקט, קיינעמס כבוד נישט אָנגערירט. אַליין איז ער געווען, ווי מענטשן האָבן אויף אים געזאָגט: „שטילער פון וואַסער, נידעריקער פון גראָז״. דער ערשטער סכסוך וואָס איז אים צוהאַנדן געקומען, איז געווען מיט זיין נישט לאַנג חתונה געהאַטער ווייב, די שטילע דינה, וועלכער ער האָט אַריינגעבראַכט צו זיך אין שטוב. דער סכסוך איז געווען נישט צוליב איר שולד. ווייל זי, אָט די דינה, זאָל זיין געווען אַ שלעכטע, אַ פּייניקערין; ניין, אדרבה, זי איז געווען אַ גוטע, אַן אונטערטעניקע. ער האָט זיך אָבער איינגערעדט, ער האָט זי נישט ליב, ס׳איז געווען אַ טעות — און דאָס איז אַלץ!

אַלס בחור האָט זיך קיווע געדרייט ביי זיי. ביי דינהן אין שטוב. דאָרט זענען געווען צוויי שוועסטער. די שענערע איז געווען די ייִנגערע, רייטשקע, אַ שטיפערקע, אַ לעבעדיקע, וואָס האָט פול געמאַכט די שטוב מיט פריילעכן געטומל. אָפּגעטאָן די בחורים „קאַוואַלן״, זיי אינטריגירט, גענאַרט, דערנאָך געלאַכט זיי אין פּנים אַריין, אַרויסווייזנדיק דערביי אירע קליינע ווייסע נאַשערדיקע ציין. קיוועס האַרץ איז פּשוט אויסגעגאַנגען נאָך דער רייטשקען. געדרייט זיך אַרום איר, ווי די בין אַרום די רויזנבלומען. גערעדט האָט ער ווייניק. אַמאָל נאָר אַ שטילן קרעכץ געטאָן.

רייטשקע האָט דאָס אַלעס געזען. זי האָט אים נישט אָפּגעשטויסן. פאַרקערט, געוויזן אים אַ ליבלעך פּנימל, אַ סך צו אים געלאַכט מיט אירע שאַרפע ציינדלעך. געמאַכט חנדלעך, אַפילו אים אַ שנעל געטאָן שקאַציש אין נאָז — געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זי גרייט זיך כאַטש ווערן אַ כלה פאַר

אים. דאָס האָט אים נאָך מער גערייצט און נאָך מער געצויגן אין שטוב אַריין.

די שטוביקע האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי, די שטיפערקע מיינט. מען האָט געוווּסט, אַז זי שרייבט זיך איבער מיט אַ בחור פון אַ שכנותדיקע שטאָט. מיט גאָר אַ לייטישן, אַ וווילקענעוודיקן, וואָס גיט אין יעדן בריוו אָנ־צוגעהערן וועגן תכלית... און קיווע, כאָטש ער איז געווען אַן אָרנטלעכער יינג, אַ פלייסיקער צו דער אַרבעט, איז ער אָבער געווען אַ שטיק „פּראָסטאַק". פון דער שטאָט נאָך נישט געהאַט זיך אַרויסגערירט, זעלטן אויך פון דער אייגענער שטוב: „ס'איז אָבער געווענדט אַלץ אין מענטשנס מזל... קאָן זיין, אַז דער קיווע האָט נושא חן געווען ביי איר..." — אַזוי האָט מען אין דער שטיל גערעדט. און מ'האָט אויסגעוואַרט מיט נייגיר, וואָס דערפון וועט זיך אויסלאָזן.

און אויסגעלאָזט האָט זיך פאַר קיווען, נישט גוט. איינמאָל, ווען ער איז אַריינגעקומען אין אַן אָוונט, האָט ער די שטוב נישט דערקענט — אויסגעפוצט און באַלויכטן ווי אין אַ יומטוב. רייטשקע אַליין אַן אויסגע־סטרויעטע, אויסגעצירט אין אַ ניי טאַפטן קלייד, זיידענע זאָקן אויף די פיס, האָט אינגאַנצן געלויכטן — אַזוי שיין און קוועליק האָט ער זי נאָך קיינמאָל נישט געזען. קיווע האָט אויסגעשטעלט אַ פאָר אויגן פול מיט שטוינונג: וואָס איז דאָס?!

רייטשקע האָט אים דערזען, צוגעקומען, אויסגעשטרעקט די האַנט צו אים מיט אַ פריילעכן שמייכל, ווי זי וואָלט אויף אים אויסגעוואַרט, און אַ פריילעכע געזאָגט: „ביסט געקומען, קיווע, גוט. היינט איז מיין פאַרלאָ־בונג. איך ווער אַ כלה, וועסט זיין אונדזער גאַסט!..."

קיווע איז געוואָרן בלוי און גרין. ס'איז געווען פאַר אים, ווי מען וואָלט אים אָנגעזאָגט, ער גייט, חלילה, שטאַרבן. דאָס בלוט האָט זיך אים געזעצט און ווי ס'וואָלט אים אַרומגענומען אַ פּלוצלינגע קעלט, האָבן די ליפּן גענומען ציטערן. ער האָט געעפנט דאָס מויל, אָבער קיין קלאַנג איז נישט אַרויסגעקומען, ווי ס'לשון וואָלט אים געוואָרן אָפּגענומען. ער האָט קוים, קוים, מיט אַ קרעכץ אַרויסגעשטאַמלט:

— אַזוי?!...

דינה, די עלטערע שוועסטער איז דערביי געשטאַנען. זי האָט דאָס צוגעזען. זי איז געווען אַנדערש פון דער שוועסטער: אַ שווייגנדיקע, נישט קיין לויפּערקע, אַביסל אַ צוגעלייגטע. אויך נישט קיין שיינע. דערפאַר אָבער אַ ווייכהאַרציקע, מיט אָן אַ שיער גוטסקייט און רחמנות. זי האָט געוווסט די גאַנצע צייט, אַז קיווע'ס דרייען זיך אַרום רייטשקען — איז ווי אַ פלאַטערל אַרום אַ ליכט, וואָס וועט זיך אָפּברענען די פליגעלעך. איצט האָט זי געזען ווי קיווע'ס פּנים איז געוואָרן שוואַרץ. די אויגן האָבן זיך איבערגעדרייט, באַקומען אַזאַ משונהדיק נעפּלדיקן אויסזען, ווי ער וואָלט אין דער דאָזיקער מינוט עפּעס בלינד געוואָרן. ס'האָט זי אָנגענומען ביים האַרץ פאַר דער עוולה, וואָס מען האָט אים געטאָן. פאַר דער אָפּגעגאַרטקייט און איז גרייט געווען זיך צעוויינען.

קיווע האָט אומגעקערט דעם קאָפּ און זי ווי צום ערשטן מאָל דער־זען: אָט דאָס איז דאָך דינה!... יאָ, זי האָט אַ האַרץ פון אַ מענטש און יענע פון אַ טאָטער! ער האָט צוגעשפּאַנט צו איר און מיט אַ פאַרשטיקט קול, ווו ס'איז נאָך געלעגן די גאַנצע באַליידיקונג און פאַרשעמונג, צו איר געזאָגט:

— דיך וועל איך נעמען פאַר אַ ווייב... אויף צולהכעיס איר, וועל איך מיט דיר חתונה האָבן.

דינה האָט פון דער דאָזיקער אומגעריכטער בשורה, זיך שוין טאַקע צעוויינט. באַהאַלטן דאָס פּנים אין דער געבלימלטער פריש אויפגענייטער שירץ, וואָס זי האָט אָנגעטאָן לכבוד די שמחה און דאָרט אַריינגעווישט די טרערן.

ב

ס'זענען אַוועקגעגאַנגען טעג, און קיווע האָט פאַרגעסן אין זיין צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן דינהן. דינה איז נישט געווען דאָס מענטש וואָס זאָל מאָנען, פאָדערן עפּעס ביי עמיצן. זי האָט אָבער אין דער שטיל, אין איר האַרצן געבענקט נאָך אים. געבענקט, ער זאָל קומען מיט איר חתונה האָבן. זי האָט געבעטן צו גאָט, ער זאָל אַריינגעבן קיווען אַ גוטן געדאַנק, ער זאָל זיך דאָך דערמאָנען און קומען צו איר.

קיווע האָט זיך נישט דערמאָנט. ער האָט נאָך מער פאַרגעסן. ער איז

אַריין אין זיין אַרבעט מיט דער גאַנצער פּאַרע. די רימערײַ האָט זיך פאַר־שטאַרקט. פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן געבראַנגט זאָטלען, געשפאַנען, צו פאַריכטן און אויך באַשטעלט נייע אַרבעט. קיווע האָט באַקומען אַ שם. מען האָט גענומען רעדן וועגן אים, ווי וועגן אַן אויסטויגער, אַן איינרייסער. שדכנים האָבן דערשמעקט — קיווע קאָן מפרנס זיין אַ ווייב, אויפהאַלטן אַ הויז. זענען זיי געקומען, זיך גענומען דרייען אַרום אים. קיווע האָט זיך נישט איינגעהערט, נישט געאײַלט זיך.

רייטשקע איז אים נאָך אַלץ געלעגן אין האַרץ. זי איז נאָך געווען פריי, נישט חתונה געהאַט: מילא, וואָס עס מאַכט זיך. מען ווייסט דען ווו דאָס מזל גייט?... ביז איינמאָל אַ טאָג, איז רייטשקע אַוועק פון שטאָט, מיט אַ קדושין־רינגל אויפן פינגער. קיווע איז אַריין אין אַ שווער שווייגן. אָבער גראָד דעמלט, האָט ר׳ יחזקאל לאַנדער, דער געהויבענער שטאָט־שדכן, געבראַנגט אַ גאָר לייטישן שדוך, פון אַ שכנותדיק שטעטל, פאַר קיווען. אַ באַחנט באַלעבאַטיש מיידל, מיט מעלות — פון אַ פיינער שטוב, אַ האַלב־באַלמעלאָכישע און האַלב־סוחרישע און גאָר אָרנטלעכע מענטשן. קיווע האָט דאָסמאָל זיך איינגעהערט, אַ סך מאָל זיך איבערגעפרעגט און צום סוף אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— זאָל שוין זיין!

די תנאים האָט מען אָפּגעשטימט אויף מיטן חנוכה (קיווע האָט ליב געהאַט אָפּצוטאָן אַלע וויכטיקע זאַכן ווינטער־צייט...). קיווע איז געפאָרן אויסגעפוצט אין אַ נייעם שאָפּנפּעלצל, הויכע יוכטענע שטיוול, און אַ טיף פוטער־היטל פאַרזעצט ווױלעריש אויפן קאָפּ. ער האָט גאָר כוואַטיש אויס־געזען. דער כלה האָט ער געפירט אַ מתנה אַ בראָש, וואָס ער האָט געהאַט בירושה פון דער מאַמען. ער איז געזעסן אויפן פורל, אויף אַ הויך שטרוי־געזעס, מיט פאַרבענקטער הנאה זיך אַרומגעקוקט איבער גאָטס שטילער וועלט: אָט איז זיין צייט אויך געקומען!... ער האָט געפילט, אַז ביי אים אינערלעך, איז אַזוי פייערלעך און שטיל ווי אַרום דאָ! און לויט ווי ר׳ יחזקאל מאָלט זי אָפּ, איז זי גאָר שיין, אַ ווויל קינד, ענלעך עפּעס אַזוי ווי צו יענער רייטשקען!...

אָנגעקומען זענען זיי אויפן שפּעטן טאָג. ביי די מחותנים איז שוין

געווען פֿאַרגעברייט כיבוד: משקה און זיסע געבעקסן. צו־אָוונט איז קיווע געזעסן אין אַ פריילעך ליכטיקער שטוב, אויבנאָן, ביי אַ מיט ווייסער צוועל געדעקטן טיש, אַ פרישער, אַ געזונטער, מיט רויטע צעשפּראָצטע באַקן, גלאַנצנדיקע אויגן און זיך געפילט וואָזשנע חתנדיק. ער האָט בגנבה געכאַפּט אַלעמאָל אַ קוק אין דער זייט, וווּ ס'איז געזעסן די כלה, אַ יונג דערשראָקן מיידל, זיך געטוליעט ווי אַ הינדל, צווישן מומעס אין טוכענע טונקעלע קליידער, יאַקעס, סאַראַפאַנדן, פלאַטערנדיק פון דאָרט אַרויסגעקוקט.

ער האָט געזען, זי איז בלייך, צעטומלט. פינטלט מיט די אויגן ווי אַן אומבאַהאָלפענע שאָף, זוכט אויך ווּעמען מיטן בליק — מן הסתם אים! קיווען האָט אָנגענומען אַ רחמנות אויף איר: ע, זי איז נאָך אַ מאַמע־קינד... ביי אים וועט זי נישט פלאַטערן, נישט האָבן אַזאַ בלייכן אויסקוק. פאַרביקע באַקן וועט זי קריגן, אויפגעפּוכטע, וועלן זיך מיט בלוט אָנגיסן... אויך באַלייבט וועט זי ווערן, באַקומען אַ רונדיקייט... און דאָס וואָס זי ציטערט, וועט ער נאָך היינט צו איר צוגיין, איר זאָגן: זי זאָל זיך נישט שרעקן ער איז אַ גוטער מענטש, זי וועט ביי אים האָבן פון אַלעם גוטן: פון פויגל־מילך!...

ביים נעמען אויסשרייבן די „תנאים”, מיט וועלכער ס'האָט זיך געפּאָרעט אַ הויכער ייד אין אַ לאַנגער שוואַרצער קאַפּאָטע און מיט אויך אַזאַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, האָט באַלד ביים אָנהויב, פון דער העלער הויט, נישט־מיר, נישט־דיר, געפּלאַצט דאָס גלעזל פון דער גרויסער הענגל־לאָמפּ. קיווע האָט זיך געחידושט: זע נאָר דאָ — וואָס איז דאָס!

קיווע האָט גאָרנישט גערעדט, ער האָט געזען, ווי מען ברענגט אַריין אַ ניי גלעזל, אַ בייכיקס, מען זעצט עס אַרויף אויפן ברענער און דער ייד מיט דער שוואַרצער באָרד נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט. דער ייד האָט נאָך גיכער געפירט די פענע איבערן פאַפּיר, געשיקטער נאָך אַ סך, ווי ער, קיווע, פירט די פעכיקע דראַטווע איבערן זאָטל. ער האָט פּילמאָל זיך אויס־געפּרעגט ביי די מחותנים, ביי אים אַליין. ווידעראַמאָל זיך איבערגעפּרעגט, אָנגערופן שווערע ווערטער, וואָס ער, קיווע, האָט נישט געקאָנט צעקייען (איין וואָרט האָט כסדר אים געקלינגען, עפּעס ווי: דוניא!... דוניא!...). אויסגעפרעגט זיך דייטלעך די נעמען פון חתן, פון דער כלה, און ווען

יענער האָט גענומען אויפשרייבן זיין נאָמען, אָנגעצייכנט די ערשטע אותיות, האָט ווידער פּלוצים געפּלאַצט צום צווייטן מאָל דאָס גלעזל.

קיוועץ האָט אַ ציק געטאָן אין האַרץ־גריבל: וואָס איז דאָס? מיינט מען נישט אַמאָל אים? ער איז געוואָרן אומרויִק, צעטומלט. ס'איז אים מיטאַמאָל געוואָרן אומבאַקוועם דאָס זיצן אויפן בענקל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט צו די מענטשן: קוקן זיי נישט אויף אים? דער עולם האָט אָבער געלאַכט, געוואָרן עפּעס נאָך ווי הייטערער, געררופן: ס'וועט שוין גוט זיין! עס וועט שוין זיין מיט מזל! ער האָט זיך באַרויִקט. ער האָט געזען ווי מען ברענגט אַריין אויפסניי אַ גלעזל, מען לאָזט עס אַראָפּ אין קאַריטקעלע פון ברענער און דער ייִד מיט דער שוואַרצער באָרד נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט, אָבער איצט איז ער נאָך מער געלאָפן מיט דער פּענע, געשוויצט ווי ער וואָלט גערעדלט אַ מצה... ס'איז געוועזן קענטיק, ער וויל זיך שוין אָפּפּטרן, פּטור ווערן פון עסק—איידער חלילה, וואָס ווען, ס'קאָן זיך נאָך מאַכן!...

און אָט האָט דער ייִד געענדיקט, אָפּגעאָטעמט לייכטער, אָפּגעווישט זיך דעם שטערן, אָפּגעגלעט די באָרד, אונטערגערוקט דעם חתן דעם פּיל־באַשריבענעם „תנאים"־בויגן, ווו קיווע האָט זיך געקליבן אָוועקלייגן מיט גרויסע קאָטשערעס זיין חתימה. ער האָט גענומען די פּעדער, צוגעשפּאַרט זי צום פּאַפּיר, זיך גענומען צו דער אַרבעט. אָבער אויסטערליש: ווי נאָר ער האָט אָנגעצייכנט דאָס ערשטע אות — האָט געפּלאַצט צום דריטן מאָל דאָס גלעזל.

ביי קיוועץ האָט אַ ציטער געטאָן די האַנט־געלענק, די פּעדער איז אַרויסגעפאַלן פון די פינגער. איצט האָט ער שוין געוווּסט אויף זיכער. ס'איז נישט גוט: מען פירט מיט אים אַ חשבון!... און ווי ס'בענקל וואָלט אים אַ הויב געטאָן, איז ער אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג. מיט אַ פאַרענדערט פּנים, וואָס האָט געגליט און זיך געלאָשן, מיט דערשראָקן צעפּינטלטע אויגן. האָט ער געקוקט אויף די אַרומיקע. ס'מויל איז אים געוועזן ווי פאַרשלאָסן, נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט. ערשט ווען ער האָט באַמערקט אַלעמענס בליקן אויף זיך, האָט ער זיך אויפגעוועקט און מיט אַ כריפּענדיק געבראָכן קול דערקלערט פאַרן עולם:

„זייט מיר מוחל, פונעם שדוך קאָן גאָרנישט ווערן!...

ער האָט דערציילט, אַז דאָס טוען די גלעזלעך אַזוי פּלאַצן צוליב אים, צוליב זיין שולד, כדי אים צו דערמאָנען, אַז אין דער היים, האָט ער צוגעזאָגט אַ מיידל מיט איר חתונה האָבן, כאָטש אַ פּיל עלטערע און מיאוסערע פון דער כלה, אָבער פאַרפאַלן. מען לאָזט אים נישט. ער מוז האַלטן וואָרט.

וואָס דאָרט אין דער שטוב האָט זיך אָפּגעטאָן קאָן מען זיך פאַר־שטעלן! עס זאָל טאַקע נישט טרעפן אין קיין שום יידישער שטוב! די כלה האָט פּאַר בושה אַוועקגעחלשט. ס'איז געוואָרן אַ טומל. מען האָט זי קוים אָפּגעמונטערט, אָבער ס'איז געווען פאַרפאַלן.

*

קיווע איז נאָך אין דער זעלבער נאַכט צוריק אַהיימגעפאָרן. ער איז אַנטלאָפן ווי פון אַ שריפה. אויפצומאָרגנס איז ער אַריינגעקומען צו דינהן און איר אַצינד פּייערלעך דערקלערט: אַז נאָך אין זעלבן ווינטער, וועט ער מיט איר שטעלן אַ חופה. מעג מען אים ברענגען שוין די שענסטע כלה אין דער וועלט, וועט ער נישט וועלן זען און נישט הערן — זי איז זיין באַשערטע.

דינה האָט פאַר פרייד זיך צעכליפּעט. הייסע טרערן האָבן זיך ביי איר געגאָסן — שיר נישט אַרויפגעפאַלן אים אויפן האַלדז. זי האָט גאָר־נישט פאַרבאַהאַלטן, אַז זי האָט שטאַרק געבענקט נאָך אים. אַז זי האָט אָפּט דערמאָנט זיין נאָמען אין איר געבעט צו גאָט און האָט אים אַפילו געזען אין חלום. זי האָט מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט דאָס, וואָס ער האָט זי געהאַט פאַרגעסן, נישט געהאַט קיין טענה. אַדרבה — ער איז אין אירע אויגן אויסגעוואָקסן איצט נאָך גרעסער, שענער און איידעלער. זי האָט אין איין וועגס, אויך אים צוגעזאָגט צו זיין אַ גוט געטריי ווייב, ערלעך און איבערגעגעבן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יידישער טאָכטער.

ג

קיווע האָט דאָסמאָל געהאַלטן וואָרט. אין אַ שטאַרק שנייאיקן אָוונט (אַלץ אין ווינטער...), איז ער מיט דינהן געגאַנגען צו דער חופה און דווקא מיט קלעזמאָרים און מיט אַ בדחן, מיט שיינע געסט און טענץ. אָפּגעגעסן די וועטשערע, האָט ער זי אַהיימגעברענגט צו זיך

אין שטוב, איר אָנגעוויזן איר בעט. אַליין האָט ער זיך געלייגט אין זיין בחוריש בעט, דאָס זעלבע פון פריער, וואָס ער האָט עס נישט געביטן. מיד פון דער ענגעניש, פון דעם פאַרצויגענעם מאַלצייט און פון נאָך עפּעס נישט קיין גוט געפיל, וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט דערקלערן — איז ער באַלד איינגעשלאָפן און אָפּגעקאַמערט מיט אַ האַרטן פעסטן שלאָף די לאַנגע שווערע ווינטער־נאַכט.

צומאָרגנס האָט ער זיך אויפגעכאַפּט שפּעטלעך, זיך אויסגעריבן די אויגן און די גאַנצע מעשה מיט דער נעכטיקער חתונה האָט אים אויסגעזען ווי אַ נאַרישער חלום. ער האָט אַריבערגעקוקט צום צווייטן בעט, געזוכט מיט די אויגן און דערזען אויף אַן אמת דאָרט ליגן דינהן. ער האָט זיך געחידושט: ווי קומט זי/דאָ אַהער? איז זי טאַקע זיין ווייב?

פון דער מינוט אָן איז אין קיוועט אַריין אַ משוגעת. ער איז נאָך שטילער געוואָרן, נאָך מער פאַרהילטער אין זיך. קיין גרויסע ענדערונג איז אין שטוביקן לעבן נישט פאָרגעקומען. ער האָט זיך געפירט אויף זיין שטענדיקן שטייגער. נישט מער, וואָס צו זיין בחוריש בעט, איז צוגעקומען נאָך אַ בעט, ווו ס'איז געשלאָפן דינה.

קיווע האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין ליבשאַפט צו איר. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ טעות... בייזע רוחות האָבן זיך דאָ אַריינגעמישט... מען האָט אים פאַרשלייערט... און דעריבער — איז גאָרנישט!

דינה איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקע מיט אַן אינערלעכער צע־טומלטקייט: וואָס איז דאָס? פירן זיך דען אַזוי מאַן און ווייב נאָך אַ חתונה? און פאַרוואָס טוט ער איר אַזוינס? זי האָט אָבער נישט געוואָלט פרעגן אָפן, מורא געהאַט, זי וועט אים צעבייזערן: מן הסתם טוט ער דאָך דאָס נישט אומזיסט... זי האָט געטאָן איר חוב. געוועזן צו אים אויסערגעוויינלעך גוט און געטריי. אָפּגעהיטן אים ווי דאָס אָפּל פון אויג. געקוקט אויף אים מיט אַ בליק פול מיט הכנעה און געטריישאַפט, גרייט אויסצופירן יעדן באַפעל, יעדן פאַרלאַנג זיינעם, ווי להבדיל אַ געטרייער הונט, וואָס וואַרט נאָר אויס אויפן ווונק פון באַלעבאָס. קיווע האָט אָבער ביי דעם אַלעם זי נישט באַמערקט, נישט געשענקט קיין פריינטלעך וואָרט, נישט געוואָלט זיך צו איר צוגעוויינען.

קיווס אויפפירונג איז געוואָרן אויפפאַלנדיק אויך אין די אויגן פון די שכנים — עפּעס גאָרנישט פון אַ חתונה געהאַט: ניט מען האָט אים געזען אַמאָל אַרויסגיין מיטן ווייב צוזאַמען, ווי עס טוט אַ יונג פּאָרפאָלק אין די האָניק־חדשים, נישט זיי האָבן עמעצן פאַרבעטן צו זיך, נישט מען האָט אים געזען גיין מיטן טלית־זאַק צום דאַווענען, ווי עס טוט אַ יונגער־מאַן נאָך אַ חתונה, נישט מען האָט געהערט, ער זאָל דאָס ווייב אָנרופן ביים נאָמען, אָדער זאָל זאָגן: „מיין ווייב", נאָר אַ מורמל געטאָן: „זי". „זי" וועט שוין גיין. „זי" וועט שוין ברענגען און נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס מענטשן, איבערהויפּט ווייבער, דערשמעקן אין דעם נישט קיין גוטס...

אַריינגעמישט האָט זיך אָבער דערוויל קיינער נישט. דינה איז זיך נישט געקומען באַקלאָגן, נישט געבעטן זיך אָננעמען פאַר איר. האָט מען זיך צוגעקוקט, אויסגעוואַרט. דינה אַליין האָט אויך אויסגעוואַרט, אַרומגע־גאַנגען אַ טרויעריק־חדושדיקע, אַ פאַרשעמטע, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן צו דער ערד, געוואַרט אויף דער שעה, ער זאָל זי רופן, ער זאָל איר עפּעס זאָגן.

איינמאָל האָט ער זי טאַקע גערופן. ער איז געשטאַנען ביים וואַר־שטאַט, געגנייט אַ כאַמעט, געצויגן מיט דער גרויסער נאָדל דעם געוועקסטן פאָדעם און נישט פאַרגינענדיק זיך אויפצוהייבן אויף איר די אויגן, האָט ער מיט אַראָפּגעלאָזטע בליקן, מיט אַ שטיל קול, געזאָגט:

— דו זעסט, איך האָב דיך נישט ליב... איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט און ווייס אַליין נישט פאַרוואָס... און וואָס וועט דערפון ווערן?

זי האָט אָפּגעוואַרט מיטן ענטפער. געזוכט אין געדאַנק דאָס אמתע וואָרט. איצט האָט ער אויפגעהויבן די אויגן, זי אָנגעקוקט.

— נו, דו זאָגסט גאָרנישט?

— וואָס האָב איך צו זאָגן, קיוועשי? — האָט זי ערשט געפונען אירע רייד. — די זאַך איז דאָך שוין אָפּגעטאָן, וואָס קאָן מען זיך העלפן?

— וואָס הייסט, ס'איז אָפּגעטאָן? ס'איז דאָ אַן אַ עצה.

— וואָס איז די עצה?

— זיך גטן... דו וועסט צוריק אַהיימגיין צו דער מאַמען.

— מענטשן וועלן לאַכן... ס'איז נישט שיין פאַר גאָט און אויך נישט שיין פאַר לייט...

— אַזוי זאָגסטו?

— יאָ, קיוועשי.

— גיי, ביסט אַ נאַר, פאַרשטייסט נישט! — האָט ער זי פון זיך אָפּגעטריבן מיט אַ שאַר פון דער האַנט.

זי איז אַוועקגעגאַנגען.

ס'זענען פאַרגאַנגען טעג. דינה האָט ווידער געוואַרט ער זאָל זי רופן. איר זאָגן עפּעס אַנדערש, גוטע רייד.

ער האָט זי טאַקע אַמאָל ווידער צוגערופן. ער האָט געהאַלטן גראָד אַ געשפּאַן איינגעקלעמט אין קלעמער, געצויגן מיט צוויי נאָדלען פון ביידע זייטן מיטאַנאַנד. דאָס מאָל האָט ער אויסגעזען זייער פאַרקלערט. ער האָט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף זיין וואָרט. ענדלעך האָט ער זיך אויפגעבויגן און אַרויס מיט לשון:

— מען פרעגט דיך עפּעס אין דער היים?

— מען פרעגט מיך.

—וואָס פרעגט מען דיך?

— וואָס? כ'ווייס... צי דו פּירסט זיך אויף צו מיר ווי אַ מאַן...

— און דו וואָס ענטפערסט?

— איך זאָג גאָרנישט.

— טוסטו גוט. זאָלסט גאָרנישט דערציילן, הערסט? דו מוזסט אויסוואַרטן... און אויפדערנאַכט זאָלסטו זיך אויפהערן שאַרן אַרום מיר... דו זאָלסט זיך לייגן שלאָפן ווי אַלע מענטשן... איך וועל שוין אַליין אַלץ אַדורכטראַכטן און באַשליסן...

— קיוועשי, איך רעד דיר נישט אָקעגן... איך וועל אַזוי טאָן...

ד

די צייט איז געגאַנגען. קיווע האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט אַדורכגעטראַכט. ער איז געווען פאַרנומען מיט זיין אַרבעט. און חוץ אַלעמען, איז ער געווען אַ לאַנגזאַמער טראַכטער. אין די אויפדערנאַכטן איז ער אַוועקגעפאַלן אַ מידער אין זיין בחוריש בעט און באַלד איינגעשלאָפן. דינהן האָבן די אויגן נישט גענומען קיין שלאָף. זי איז געלעגן אויף, געקוקט אין פינצטערניש, געוואַכט אין איר בענקשאַפט, אין איר ווייבערישן צער, אין איר

גאַרונג. זי האָט קיינמאָל פריער דאָס נישט געוווּסט. נישט געוווּסט, אַז מען קאָן אַזוי געפּייניקט ווערן... און פאַרוואָס קומט עס איר? האָט זי דען אַזויפיל זינד אויף זיך? אין איר ענגשאַפט האָט זי זיך אויפגעזעצט, און אַ פאַרגעסענע, האָט זי אומגעריכט פאַר זיך אַליין, אַ רוף געטאָן: קיוועשי!... ס'איז געווען אַ טויבער אָפּקלאַנג, קיינער האָט אים נישט דערהערט און ס'איז נישט געקומען קיין ענטפער. זי האָט זיך אַליין דערשראָקן, זיך באַ־האַלטן אונטער דער איבערדעק. זי האָט אין איר געפּייניקטקייט, אויס־געגאָסן איר געמיט צו גאָט, געבעטן ער זאָל אויף איר רחמנות האָבן, מאַכן איר מאַנס האַרץ זיך צובינדן צו איר, דערוואַרעמען צו איר, ווי ס'באַדאַרף זיין פון אַ מאַן צו אַ ווייב. זי האָט נאָך לאַנג געפּרעפּלט, געשעפּטשעט מיט די ליפּן, מיט די רעיונות, ביז זי איז אין מידקייט איינגעשלאָפן.

איינמאָל האָט עפּעס געטראָפן, ס'איז געווען שוין שפּעט אין אָוונט. ער האָט שוין געהאַט אָוועקגעלייגט די אַרבעט, געהאַט אָפּגעגעסן און נישט ווי זיין טבע, איז ער נאָך געבליבן זיצן ביים טיש, נישט געגאַנגען שלאָפן. די פּלייצע געהויקערט, אַראָפּגעלאָזט די הענט אויף די קני, און שטום פאַרטראַכט.

ער איז אין דעם טאָג געווען אין גאַס איינקויפן לעדערוואַרג פאַר זיין אַרבעט, זיך לענגער פאַרזוימט. ווען ער איז אַהיימגעקומען איז ער געווען עפּעס זייער צעטראָגן, בלאַס, כמעט נישט געגעסן דאָס מאָלצייט, נישט אויסגערעדט דעם גאַנצן טאָג קיין וואָרט.

אַזינד זיצנדיק אַזוי פאַרקלערט, האָט ער זי צוגערופן, גערופן זי ביים נאָמען:

— הער, דינה, איך האָט היינט געזען זי, דאָס מיידל, דו ווייסט שוין וועלכע... פון יענעם שטעטל... איך האָב געמיינט, איך פאַל אָוועק אין גאַס... אך האָב געוואָלט צולויפן ווײנען, איבערבעטן זי... כ'האָב נישט געהאַט קיין כוח... כ'בין קוים אַהיימגעקומען... כ'האָב דעם גאַנצן טאָג אַלץ גוט אַדורכגעטראַכט און דו זאָלסט זיך נישט אַקעגנשטעלן: מיר מוזן זיך שיידן.... איך וויל נעמען צוריק יענע... הערסט, דאָס האָב איך אויף זיכער באַשלאָסן!

דינה איז נישט געוווינט געווען זיך אַנטקעגנשטעלן קיין מענטש.

און קיווען, וועלכן זי האָט ליב געהאַט פון גאַנצן האַרצן ווי אַ ריכטיקן מאַן — אַוודאי און אַוודאי נישט. זי האָט געגוג געבעטן צו גאָט, ער זאָל איר תפילה דערהערן, ער זאָל קיוועס האַרץ מאַכן ווענדן צו איר. האָט ער אָבער איר געבעט נישט אָנגענומען. וואָס קאָן זי זיך העלפן? זי האָט נאָר אַ שטילן ווייטיקדיקן זיפץ געטאָן, ווי זי וואָלט וויינענדיק אויף זיך גענומען דעם גזר־דין:

— מילא, אַז דו ווילסט דורכאויס, וואָס קאָן איך מיר העלפן... מן הסתם איז דאָך אַזוי מיין מזל!... כ'זע דאָך!...

און ס'איז געבליבן זיך צו צעשיידן.

ה

דעם טאָג פון גט האָט קיווע ווידער אָפּגעלייגט אויף אַ ווינטער־טאָג. ווינטער איז ביי אים געווען די בעסטע צייט: אַלץ אַרום איז פאַרמאַכט. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטש אין גאַס. קיינער שטעקט די נאָז נישט אַרויס, מ'קוקט דיך נישט נאָך און קאָנסט דיר אָפּטאָן וואָס דיין האַרץ גלוסט.

אַריינפאָרן האָט מען באַדאַרפט אין אַ צווייט שטעטל, וווּ ס'איז געווען אַ טייך. און קיווע האָט באַשלאָסן אין אַ טבת־טאָג אויפשטיין גאַנץ פרי, ווען מען דערקענט נישט פון אַ מענטש ביז אַ וואָלף, אָפּטאָן די לעצטע הכנות און גאַנץ פרי מיטן ווייב אַוועקפאָרן.

אין אַ אויפדערנאַכט צופריער, האָט קיווע אַלץ מיט איר אַדורכגערעדט, איר געלערנט, ווי זי זאָל זיך אויפפירן, וואָס זי זאָל זאָגן און וואָס זי זאָל פאַרשווייגן. ער האָט געהייסן פאַרגרייטן אַ גוטע וועטשערע — אַ געזעגענונגס־סעודה: אַ געקאָכטע גריץ, שטאַרק אָנגערייִשט, פאַרשניטן מיט געטריקנטע שוועמלעך, מיט גרינצייג און צום סוף קאַרטאָפל־לאַטקעס.

אין דער צעוואַרעמטער אויפגעהייטערטקייט, האָט קיווע געקריגן הומאָר, לשון. זיך געמאַכט אַפילו אַ געלעכטער, און אָן אַ שיר אין איר אַריינגערעדט. ער האָט זי געלויבט: זי איז אַ גוטע, אַ ווויל מענטש. ס'וועט איר זיכער נאָך אַמאָל גוט זיין און זי וועט אים זיכער אויך צוליב טאָן וואָס ער בעט ביי איר...

דינה האָט געהאָרכט, געזיפצט, געוויינט אין זיך. קיווע איז געגאַנגען

זיך לייגן אַ האָפּערדיקער, אַ צופרידענער, מיט דער האָפענונג, אַז מאָרגן וועט שוין אַלץ אַנדערש זיין... און ער וועט נאָך אפשר טאַקע צוריקקריגן יענס אַזוי זיס פלאַטערדיק מיידל, אויף וועלכער ער האָט אין יענער תנאים־נאַכט אַזוי רחמנות געהאַט...

ווי אַן אויסדרוק פון זיין גוטער שטימונג, האָט ער דאָס מאָל דינהן געלאָזט נענטער צו זיך, געלאָזט זי צוזעצן זיך ביי זיין בעט, ווו ער איז שוין געלעגן גרייט צום שלאָפן, געלאָזט זיך צערטלעכער פון איר באַדינען: אַרויפקלאַפּן די פעדערן פון דעק ביזן האַלדז, ס׳זאָל אים זיין וואַרעמער, אַוועקלייגן פאַר אים וואַרעמע וועש אויף מאָרגן אָנצוטאָן און אַפילו געלאָזט זי אויך אויסרעדן אַ פּאָר ליבלעכע ווערטער צו אים... ביז ער איז אַריינ־געפאַלן אין זיסן שלאָף.

ו

אויפצומאָרגנס האָט זיך קיווע טאַקע אויפגעכאַפּט גאַנץ באַגינען. ער איז אויפגעקומען נאָך פריער ווי ער האָט געמיינט — נאָך אין שטאַרקער פינצטערניש. אָבער שוין נישט מיט דער רויקייט און האָפּערדיקייט, ווי ער האָט זיך געלייגט אין נעכטיקן אָוונט. דער מוח איז אים געווען שווער און פאַרטומלט, עפּעס מיט אַ רעש, מיט אַ גערויש פון אַ וועגעלע, אויף וועלכן ער האָט זיך געשלעפּט אַ גאַנצע נאַכט, אויף אַ פרעמדן ווייטן וועג, וואָס האָט נישט אין ערגעץ געפירט... ער איז אויך געווען עפּעס צעטרייסלט פון אַ ווילד קלינגען פון צעבראָכן גלאָז, פון געפּלאַצטע גלעזלעך ,וואָס האָבן אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן.

ער איז געווען אַזוי צעמישט, אַז ער האָט נישט געקאָנט אין די ערשטע מינוטן די געדאַנקען צוזאַמען נעמען. נישט געוווּסט ווו ער געפינט זיך, צי איז ערב טאָג, צי ס׳איז ערב נאַכט. צי ער איז אַליין, צי מיט נאָך עמיצן... ער האָט זיך אויפגעזעצט, מיט אַ פאַרווירטן בליק זיך אַרומגעקוקט. אַרום איז געווען שטיל. דער דרויסן האָט געהאָנגען אַ פינצטערער פאַרן פענצטער, ווי אַ פלאַכטע פאַרשטעלט אַלץ פאַר די אויגן.

אין שטוב, אין קיכווינקל, האָט שוין געברענט אַ פלעמל. דינה איז דאָרט געשטאַנען, זיך געפּאָרעט ביי געשיר. אין פּליטע האָט געברענט אַ פייער, עס האָט זיך געקאָכט אַ געקעכץ, געשיקט אַ ריח פון געזויערטן „קאַ־

פושניאַק״ — זיין באַליבט מאכל, וואָס ער עסט אין אַלע פרימאָרגנס. פאַרן קופערטל איז געלעגן אָנגעלייגט אין אַ הויפן — דינהס זאַכן.

אַצינד האָט קיווע ערשט באַנומען: הייסט עס, עס טוט זיך יאָ עפּעס... זי גרייט זיך... איז וואָס דאָס דמיונען, טראַכטן וועגן נעכטיקע טעג! מען דאַרף זיך אויפהויבן און זיך נעמען צו דער זאַך!...

דאָס האָט אים אַזוי אָפּגעפרישט, דערמונטערט, אַז ער האָט אַ פאַר־געסענער אין אַלעם, גענומען אונטערשפּרינגען ווי אַ היימיש שטוב־חיהלע, ווען עס דערוועקט זיך אין איר די שטיפערישקייט און איז אויך מיט אַזאַ שפּרונג אַראָפּ פון געלעגער און אויך אַזוי איינס־צוויי אַריין אין די זאַכן.

עס האָט נישט לאַנג ביי אים גענומען. אָפּגעפליאָסקעט דאָס פנים, אָפּגעמורמלט ס׳ביסל דאַווענען און שוין איז ער געזעסן ביים טיש, גע־שלינגען די הייסע קרויט־זופּ, פאַרביסן מיט גרויסע, אויפן פייער אויס־געברוינטע פעניצן ברויט, פאַריבן מיט קנאָבל. אויפן טיש איז אויך געשטאַנען אַן אָנגעצונדענע די שטיי־לאָמפּ, וואָס האָט געשפּרייט אַרום זיך אַ העל רויטלעכן שיין. קיווע האָט געגעסן מיט גרויסן אַפּעטיט, געבלאָזן מיט צעפּאָכעטע נאָזלעכער ווי אַ הונגעריק פערד, געהאַט אַ געוואַלטיקע הנאה.

קאָן זיין, אַז פון דער געשמאַקער וואַרעמער באַטעמטקייט, וואָס דאָס עסן האָט אַריינגעגעבן אין גימען, אָדער גאָר אפשר אונטער דער ווירקונג פון דעם טריבן ווינטערדיקן פרימאָרגן, וואָס די אָנגעצונדענע נאַפט־לאָמפּ האָט צוגעגעבן, עפּעס אַ נאָך מער נאָגנדיקן אומעט און קאָן זיין, אויך די נאַכט־חלומות, וואָס האָבן נאָך אַלץ געגלימלט אין זיין מוח — אָבער סיווי, אין קיוועס מאַנסביליש האַרץ האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן, געוואָרן ווייכער, געוועקט זיך מיט וואַרעמע געפילן, מיט רחמנות.

אויף אַן אויגנבליק האָט אים אַפילו אַרומגענומען אַ מיטלייד אויף דינהן: אפשר טוט ער טאַקע נישט גלייך... זי איז דאָך אַ וואָיל מענטש... אַזאַ געטרייע... פאַרוואָס טוט ער אַזוינס?... איז עס שיין?...

צו זיין אייגענעם שטוינען, האָט די חרטה זיך גענומען אין אים בּרייטערן. עס האָט אים גענומען באַנג טאָן, סיי דאָס פאַרטרייבן זי פון זיך, סיי דאָס אַוועקפאָרן פון שטאָט, און סיי אויך דאָס אַרויסגיין פון דער

וואַרעמער שטוב... צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט, זייט ער איז מיט איר, האָט ער געשפּירט אַ באַדערפעניש מיט איר פריינטלעך צו רעדן, זאָגן איר אַ פּאָר גוטע ווערטער:

— זאָלסט נישט זיין געפאַלן... — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ מאָדנער פאַר אים אָפענער שטים. — עס וועט דיר נאָך גוט זיין, וועסט זען... וועסט קריגן אַן אַנדערן מאַן... דו ביסט באמת אַ גוט מענטש... גלויב מיר, עס איז מיר אַליין אויך איצט עפּעס אַ שאָד... נאָר איך וויל שוין נישט אַנדערש מאַכן... דו אָבער זיי נישט טרויעריק!...

דינה איז אָבער יאָ טרויעריק געווען. מען קאָן זאָגן, זייער טרויעריק. זיינע רייד האָבן גאָרנישט געקאָנט לייכטער מאַכן איר פאַרוווּנדעטע האַרץ. וואָרעם וואָס האָט זי דען געזוכט? וואָס האָט זי דען פאַרלאַנגט? — כמעט גאָרנישט! זי האָט נישט באַגערט קיין רייכקייט, קיין ווילטאָג. זי האָט נאָר באַגערט אים, קיווען, האָבן פאַר אַ מאַן. ליב געהאַט אים מיט איר נשמה. און זי האָט נישט געוואָלט פון אים אַוועקגיין. זי האָט אויך געוווּסט, אַז זי וועט נאָך אים בענקען, שטאַרק בענקען.

און פאַרוואָר: ווען עס זאָל זיין אין איר געוועלט, וואָלט זי באַדיי באַשטאַנען זיין ביי אים אַ דינסט, נאָך מער ליידן, אַבי ער זאָל זי נישט פאַרטרייבן, לאָזן דאָ זיין. זי האָט אים נעכטן אויף דער נאַכט דאָס געזאָגט, זיך ביי אים געבעטן, געגעבן צו פאַרשטיין, ער זאָל זיך נישט איילן, ער זאָל זיך נאָך איבערלייגן, איידער ער טוט אָפּ די זאַך. ווייל ביי אַ מענטש איז דער געדאַנק ווי אַ שיפל, אַמאָל שווימט עס אַהין און אַמאָל צוריק... איצט איז ביי דיר אַזוי דער געדאַנק און שפּעטער קאָן זיין אַנדערש... און אַז ווען מען צעברעכט דעם טאָפּ, קאָן מען אים שוין שפּעטער נישט גאַנץ מאַכן... זי האָט אים געזאָגט נאָך אַנדערע פאַרשטאַנדיקע רייד. ער האָט זיך אָבער איינגעעקשנט, זיך געהאַלטן ביי ס׳זייניקע און זיך צו איר נישט געוואָלט איינהערן. געזאָגט — ער האָט שוין אַלץ אָדורכגעטראַכט און באַשלאָסן. זי האָט זיך מער נישט אַנטקייגנגעשטעלט, אונטערגעוואָרפן זיך זיין ווילן און נאָך מער — איר ביטערן גורל!

איצט אָבער, אַז זי האָט געהערט אים רעדן אַזוי אָפן, און נאָך אַזוי ווייך, זענען איר אָנגעלאָפן טרערן אין די אויגן. זי איז צוגעגאַנגען נענטער

צום טיש, זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אים און אַרויסגעזאָגט ווידער אַמאָל אַלץ, וואָס ביי איר אויפן האַרצן:

— איך זוך נישט קיין אַנדערן מאַן, קיווע'שי. איך האָב אויסגעבעטן ביי גאָט — דיך!... און האָב דיך געקראָגן! איך האָב דיך ליב.... זייער ליב!...

— הייבט זיך אָן אַ מעשה! האָסטו ווייבער! זיי טוען אַלץ איבער־דרייען... דו דאַרפסט זיך נישט שפּאַרן... איך ווייס בעסער!...

דינה האָט אַצינדערט נישט לייכט נאָכגעגעבן. אַוועקגעשטעלט אויף נסיון אַלע אירע געפילן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט פאַר דער גאַנצער צייט פון איר שטומקייט. זי האָט זיי אַרויסגעבראַכט אין אירע טרערן.

קיווע האָט געזען, די צייט נעמט זיך צו לאַנג ציען, אַז אירע רייד און נאָך מער דאָס געוויין, נעמען אים אַדורכשפּיזלען, מאַכן אים אומזיכער, וואַקלדיקער, און ווער ווייס וואָס ס'קאָן זיך נאָך פון דעם אויסלאָזן... איז ער בייז געוואָרן, אָפּגעמרוקעט אונטער דער נאָז און גענומען זיך צוא־יילן מיטן עסן. דער לעפל איז געלאָפן גיכער פון טעלער צום מויל, געשלונגען מיט האַסטיקייט די לעצטע שלוקן. געיאָגט די פּאָרע פון מויל, ווי פון אַ קוימען, וואָס האָט געהילט סיי אים און סיי די נאַפט־לאָמפּ אויפן טיש ווי אין אַ נעפּל.

— נו, שוין... פּאַק איין די זאַכן! איך בין שוין פאַרטיק!...

קיווע האָט זיך אָפּגערוקט פון טיש, זיך אויפגעשטעלט. ער איז אַצינד געווען עפּעס מאָדנע הויך און קרעפטיק. ער האָט זיך געטאָן אַ ראַנגל אויס, אָפּגעבלאָזן זיך. מיט דער האַנטפלאַך געווישט דאָס פאַר־שוויצטע פּנים. אַ קוק געטאָן אין דינהס זייט. געזען ווי זי איז אויך שוין פאַרטיק מיטן בינטל זאַכן.

עס האָט זיך אין אים געוועקט אַ נייער קוראַזש, אַ נייע ענערגיע: „גיב דיך נישט אונטער... לאָז דיך נישט איינרעדן פון ווייבערישע רייד... נאָך אַ קליינע פּאָר מינוט, וועסט אַרויס פון שטוב — און שוין!... און ווי ער וואָלט זיך טאַקע צוגעהאָרכט צו זיין אינערלעכער צורעדנדיקער שטים, האָט ער כוואַטיש אַ שטרעק געטאָן די האַנט צום האָק אויף דער וואַנט ווו עס איז געהאָנגען דאָס שאָפּנפּעלצל. מיט איילעניש אַריין מיט איין האַנט

אין אַרבל, און מיט דער צווייטער געזוכט דעם צווייטן אַרבל און מיט אַמאָל —

— באַץ!

דאָס גלעזל פון נאַפט־לאָמפּ האָט אַ קנאַק געטאָן, צעפלויגן זיך אויף צוויי העלפטן, און דאָס אויבערשטע קוימענדל איז אַראָפּגעפאַלן מיט טראַסקנדיקן געקלאַנג. קיווע איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער, געוואָרן בלאַס, געפירט די האַנט מיטן אַנגעטועגעם אַרבל פון פּעלצל אַהין און צוריק ווי אַ באַנומענער, נישט געוווסט וואָס צו טאָן. געסטאַרטשעט די אויגן צו דינהן, וואָס איז שוין געשטאַנען אַ גרייטע אָנגעהאָנגען דאָס בינטל זאַכן אויפן אָרעם, געקוקט אויף דער לאָמפּ, וואָס האָט געררויכערט מיט קאָפּיטש און עס איז אויסגעקומען אין דער רגע, אַז ער איז ווידער אין חלום, ליגט אויפן וועגעלע, וואָס שלעפּט זיך אויפן שליאַך און געפינט נישט קיין ברעג... ער ווייסט אַפילו נישט צי עס איז טאָג, צי עס איז נאַכט... וואָס עס איז וואָר און וואָס נישט... און דאָס אַלץ איז איבער איר!... זי ווייגט אויס ביי גאָט!... און מען לאָזט אים נישט!...

אַ צעשמיעלעטער, אַן אייַנגעהויקערטער, האָט ער דאָס פּעלצל פון זיך צוריק אַראָפּגענומען, זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אונטערגעהאַקטער אויפן בענקל, לאַנג און שטים געקוקט אויף איר. צום סוף זי צוגערופן צו זיך און מיט אַ הייזעריק קול, מיט קרעכץ געזאָגט: פאַרפאַלן, איך מוז דיך שלעפּן אויף מיינע פּלייצעס!... מיין גאַנץ לעבן דיך שלעפּן!... מיין מזל!...

דינה האָט אירע אויערן נישט געגלויבט. זי איז צוגעפאַלן צו אים, מיט הייסן פריידיקן געוויין, אים אַרומגענומען און צום ערשטן מאָל זיך דערוועגט אָנרירן מיט אירע ליפּן זיין באַק, טאָן אַן ערלעכן, וואַרעמען קוש.

— דו וועסט זען, וועסט נישט קיין חרטה האָבן, קיוועשי... וועסט זיך נאָך פרייען מיט מיר אין נחת... גאָט וועט דיר דערפאַר באַצאָלן!

קיווע האָט זיך נישט געוועהרט, זי נישט מער אָפּגעטריבן פון זיך. אַליין איצט אַ נעבעכדיקער, אַ טרויעריקער, האָט ער געדאַרפט איר טרייסט, זי צו זיך צוגענומען, אַפילו אַ גלעט געטאָן איר קאָפּ: — זאָל שוין זיין... זאָל שוין זיין!... אַזוי איז באַשערט!...

מיין ליבן ברידער, דעם משורר —
מרדכי אַלעי —

דער רב און זיין הויז

דער רב ר׳ לוי רייניש, איז געווען אין די יאָרן ווען מען שפּרייזט אַריבער דעם מייל־שטיין, פון דעם ערשטן האַלב־אָפּגעגאַנגענעם לעבנס־וועג, מען קוקט אַריבער צו דער סודותדיקער צווייטער ווייט, וואָס מען ווייסט קיינמאָל נישט, ווי לאַנג איז זיין גאַנג, זיין דויער. מען ווייסט אָבער, אַזוי לאַנג ווי מען האָט אויף אים געשפּאַנט, וועט מען שוין אפשר מער נישט שפּאַנען.

ר׳ לוי אין זיין עלטער, איז געווען נאָך פריש און שיין. די באָרד, קופּער־בלאָנד, האָט זיך געקרויזט מיט ווייכע קרויזן, ווי ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגערמאַן. די באַקן, באַגאָסן מיט דער זעלבער איידעלער ראָז־קייט, ווי אין די יינגע יאָרן — אַ ראָזקייט וואָס האָט דערמאָנט אין פרי־מאָרגן־אויפגאַנג. און אויגן לויטערע, ריינע, פול מיט חלום און פאַרטיפטער מחשבה. דאָס איז געווען אַ געזיכט, פון וועלכן ס׳האָט אַרויסגעקוקט די ליכטיקייט פון אַ מענטש, וואָס לעבט אין אַ כסדרדיקער אינערלעכער גייסטיקער וועלט.

ר׳ לוי האָט געהאַט זיין וועלט. אַן אייגענע, אַ מיט מי אויסגעאַר־בעטע, מיט אָנשטרענגונג זיך פאַרשאַפטע. אויפגעוואַקסן אין אַ רבנישער שטרענג אָפּגעהיטענער, פּראַקטיקע שטוב, וווּ מען האָט נאָר געהערט דאָס קול פון תורה, געטראַכט פון מצוות, מעשים־טובים, וווּ מען האָט יידיש־קייט געמאָסטן, געוויגן אויפן קווינט, נישט אַראָפּגעגאַנגען, חלילה, כחוט־

השערה — איז ר׳ לוי אין די יונגע יאָרן שוין געווען אַן אויסגעאַרבעטע כלי, אַ בעל־מידות, אָנגעפּילט מיט יידישן תוכן, ווי דער ווײַנשטאָק מיט זײַן ווײַן. ר׳ לוי איז געווען אַרײַנגעטאָן אינגאַנצן אין דער יידישער וועלט, אין דער יידישער חכמה. פון דער גוישער, איז ער געווען ווײַט, אָפּגעפרעמדט, אָפּגעשראָקן. נישט געוווּסט זייער שפּראַך, זייערע מנהגים. אויסגעמיטן ווי נאָר ער האָט געקאָנט יעדער מגע־משא, יעדער באַרירונג מיט זיי.

מיט זײַן נאַטור איז ר׳ לוי געווען ווייניק צוגעפּאַסט צו דער נײַער האַרטער וואָר, צו דער נײַער צײַט. זײַן לעבן איז געווען דאָס ספר, צו וועלכן ער איז געווען צוגעבונדן מיט זײַן גוף און נשמה. דערמיט האָט ער געלעבט, געאָטעמט. געפונען דאָרט זײַן גליקזעליקייט, און מנוחה. דאָס טאָג־טעגלעכע: שאלות, דין תורות, גט׳ן, סכסוכים, שטאָטישע זאָרגן — איז געווען פאַר אים נאָר אַ לאַסט, וואָס האָט אָנגעפּילט זײַן זעל מיט אומרו, מיט זאָרג, האָט אים אָפּגעריסן פון זײַן תורה־וועלט.

אַנדערש ווי ביי זײַנע עלטערן, ביים זיידן און טאַטן, ווו אַלץ איז נאָך געווען פעלזן־פעסט, ווו גאָרנישט האָט זיך גערירט פון דער אַלטער אײַנגעפונדעוועטער יידישקייט, איז שוין אין ר׳ לויס צײַטן געווען אַלץ אַנדערש: בחורים האָבן אָפּגעקערט פון בית מדרש, קינדער האָבן נישט געוואָלט הערן פון קיין גערעדטע שדוכים, חתונה געהאַט קעגן עלטערנס ווילן; אין היימישע באַלעבאַטישע הייזער, האָט מען גערעדט וועגן „שקאָלעס", געגומען ביכער „טריף־פּסול׳ס" אין די ביבליאָטעקן; יינגוואַרג איז זיך צוזאַמענגעקומען אין פאַרײַנען, אויף פאַרזאַמלונגען, אויסגעמישט צוזאַמען יינגען מיט מיידן; געזעלן האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט די באַלעבאַטים, די ברויט־געבערס, געדראָט מיט וואַרפן די אַרבעט, מיט שטרייק און נאָך אַזעלכע זאַכן צו וועלכע מען איז נישט געוווינט געווען אין די אַמאָליקע צײַטן.

ר׳ לוין האָט דאָס ווײ געטאָן. שווער געווען אים דערמיט שלום צו מאַכן. ער האָט פאַר דער דאָזיקער ווירקלעכקייט מורא געהאַט. זיך געפאָרכטן, אַז דאָס וועט אָוועקפירן פון יידישן דרך, פון אַלטן דורך דורות

אָנגעצייכנטן יידישן וועג. אַריינברעכנגען אַ ברוך אין דער נצחדיקער יידי־שער מויער.

און נישט בלויז ביים יינגוואַרג. אויך אין אַלטן הימישן וועלטל, האָט ער געזען שפּאַלטן אין די ווענט פון יעקבס הויז — אַזוי פיל מחלוקתן, פאַר־ביטערטע קאָנקורענץ אינעם האַנדל, נישט פאַרגינערישקייט, קנאה און שנאה צווישן די סוחרים, קנאה אפילו צווישן אייגענע לייבלעכע קרובים, צווישן משפחה, צווישן שותפים. דאָס אָפטיקע רופן לדין, וועגן ירושות, השגת־גבול, אָפּנאַרעגישן און דערביי איז מען נישט תמיד געגאַנגען צום יידישן בית־דין, נאָר אין די גויאישע „סאָנדעס" — דאָס אַלעס האָט אויף ר' לוין אָנגעוואָרפן אַ גרויסע אומרויקייט און טרויער.

אָבער נאָך נישט גענוג דאָס אַליין. אויך צו ר' לוין אין אייגענער שטוב, האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער שטן.

די קינדער, די אויסגעגעבענע זין, וואָס האָבן נאָך ביז דער חתונה זיך געהאַלטן אונטערן טאַטנס הנהגה, האָבן, ווי נאָר זיי האָבן אָפּגעענדיקט די פריילעכע שבע־ברכותן, גענומען די יינגע ווייבער און פאַרלאָזט די היים. זענען אַוועק אין די פרעמדע, גרעסערע שטעט, פאַרלייגט זיך דאָרט געשעפטן, מסחרים, אָפּגעזאָגט זיך פון כסא־הרבנות, איבערגעלאָזט די איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, ירושה־שטול אויפן וואַסער... און הגם ער האָט פאַר דער יינגסטער טאָכטער, חנהלען, זיך איינגעשאַפּט אַן אַיידעם, אַן אבן־טוב, וואָס איז ראוי צו זיין, זיין ממלא מקומו, האָט ער זיך דאָך נישט געקאָנט באַרויקן, וואָס פון אים וועט זיך נישט נאָכקייטלען זיין אייגן בלוט און פלייש; פון זיין — געביין.

זיצנדיק אין דער אַלטער ירושהדיקער פאָטערשטול, ביי דער אָפּע־נער גמרא, אין שטילן בייטאָג, צווישן די פיר ווענט אין בית־דין־שטוב, איז דאָס אַלץ אים אויפגעגאַנגען אויפן זינען און ער איז אַריינגעפאַלן אין שטאַרקער עצבות. די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַ הייסע בריאונג. וואָס האָט ביי אים אָפּטערס געטראָפן אין דער לעצטער צייט ווען ער איז אַריינגע־קומען אין צער. און ווי פאַר זיין ראיה וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט אַ נעפּל, האָט ער מער נישט געזען די אותיות אין ספר. פון זיין אינגעווייד האָבן

זיך אַרויסגעריסן ביטערע, טרויעריקע קרעכצן און זיינע אַפּלען האָבן זיך געפּייכט מיט געזאַלצנקייט:

— ...אַל תעזבני ד׳, אל תרחק ממני! — האָבן זיינע ליפּן געשעפּ־טשעט, איבערחזרנדיק כסדר דאָס שטילע געבעט פון תהלים, ווי ער וואָלט געזוכט זיך דאָ אָנצוהאַלטן, געפינען זיין שטאַרקונג —

„אל תעזבני!...״ — דאָס איז געווען ביי אים דאָס גרעסטע געבעט אין די לעצטע שווערע יאָרן, ווען ס׳האָט זיך אים איבער עפּעס געדאַכט, אז די ווענט פון זיין הויז, האלטן חלילה ביים פאַנאַנדערפאַלן זיך און ער זוכט שוץ און הילף פון ערגעץ — — —

אַן ארויסהעלפערן אין זיין אינערלעכן עלנט, האָט ר׳ לוי געהאַט אין זיין ווייב, די רביצין פערל, די ווילע מלומדת און גרויסע קענערן! די רביצין, געבונדן מיט אים אין זיווג, נאָך פון די גאָר יינגע יאָרן, ווען זיי זענען נאָך ביידע כמעט קינדער געווען, אַדורכגע־גאַנגען מיט אים אַ שטיק לעבן אין ליידן און פריידן, האָט זי, ווי איין אבר פון גוף, וואָס איז פילבאַר אויף די ליידן פון צווייטן אבר — אים אָפּגעפילט, פאַרשטאַנען זיין ווייטיק, זיין פּיין. זי האָט געהערט זיינע זיפצן, ווען ער איז געזעסן ביחידות צווישן די פיר ווענט און זיינע פאַרגייענדיקע קרעכצן אין זיינע איינזאַמע מינוטן אין דער נאַכט.

אויפכאַפּנדיק זיך פון ערשטן דרימל און זעענדיק, אַז דער מאַן געפינט זיך נאָך נישט אויף זיין געלעגער, ער שלאָפט נאָך נישט, האָט זי געשטרעקט דעם קאָפּ, אים געזוכט. אין דער האַלב־טונקלקייט, באַלויכטן פון שוואַכן בוימאייל פלעמעלע, וואָס האָט זיך געטיקט אויפן שענקל, האָט זי געזען ווי ער זיצט אויסגעלענט אויף דער קליינער פלושענער סאָפקע, אין דער העלפט אויסגעטאָן, אָן אויבער־כאַלאַט; אויפן קאָפּ ווייסלט זיך דאָס ווייסע שלאָפקאַפּל, דאָס העמד ביים האַלז צעקנעפּלט, און דאָס גאָר גרויסע ארבע־כנפות הילט דעם גוף ביז איבער די קני, ווי אַ בגד. ער זיצט פאַר־גליווערט, די האַנט־פלאַכן אָנגעלענט אויפן פלוש־ווייכן געבעט, די אויגן־לעדלעך אַראָפּגעלאָזט ווי ער וואָלט אַריינגעקוקט אין ערגעץ אַ טיפעניש.

— וואָס לייגסטו זיך נישט שלאָפן, לוי?

אויף דער סאָפּקע האָט עפּעס ווי אַ שאָטן זיך אַ ריר געטאָן.

— די אויגן נעמט סיווי נישט קיין שלאָף — האָט זיך קוים געהערט זיין שטים.

זי האָט שלעפעריק אָפּגעצויגן דעם אָטעם, און מיט אַ פאַרחלשטער שטים, וואָס קומט פון איבערגעריסענעם שלאָף, גענומען אים אויסריידן:

— פאַרוואָס פייניקסטו זיך אַזוי? וואָס ווילסטו פון דיר האָבן?

— וואָס זאָל איך טאָן, דאגות הלב לאָזן מיך נישט צורו... איך קאָן נישט פאַרשטיין פאַרוואָס אַלעס געשעט אַזוי... פאַרוואָס די קינדער אַנטלויפן פון די היימען... וואָס ציט זיי אַזוי אין דער פרעמדער צעלאָזענער וועלט? איך קאָן נישט באַנעמען פאַרוואָס איז בכלל אין אונזער יידישן לעבן געוואָרן אַזוי לויז די באַנדן... פאַרוואָס אַזוי פיל מחלוקתן? פאַרוואָס איז מען אַזוי להוט, נישט פאַרגינעריש? יעדער וויל אַלץ פאַר זיך איינשלינגען, מען טראַכט אַזוי ווייניק פאַרן צווייטן... שווער, שווער, האָט זיך דאָס לעבן פאַר אונז אָוועקגעשטעלט...

אין דער נאַכטיקער געדיכטעניש, האָט זיין קול געקלינגען טרויעריק, שווער־געמיטיק. די רייד זענען געקומען ווי פון אַ הוילן ברונעם.

— איז דאָס שלעכטע בלויז פאַר אונדז? ס׳איז פאַר דער גאַנצער וועלט... אַזוי איז דאָס לעבן... דער מענטש זעט קודם זיך...

— עס איז נישט גוט אַזוי... דער ייד טאָר אַזוי נישט זיין... ביי אונזערע עלטערן איז אַנדערש געווען.

— ס׳איז שוין נישט די צייט פון אונזערע עלטערן.

— עס איז נישט גוט, עס איז נישט גוט, ווער ווייס ווהין דאָס וועט חלילה פירן!...

אין איר שמאַכנדיקער מידיקייט, ווי ס׳האָט זי געצויגן שטאַרק צום שלאָף, האָט די רביצין צוריק איינגעדרימלט, נישט געהערט מער זיינע רייד. נאָך אַ מינוט שווייגן האָט ער זי געוועקט:

— פערל, און מיינע קינדער זענען אויך פון מיר אַוועק... מיך איבערגעלאָזט אַליין...

— וואָס ווילסטו פון זיי האָבן? — האָט זי זיך צוריק איבערגעבאַפּט, געזאָגט שוין ווי מיט שטילע טענה אין קול — זאָלן זיי זיין געזונט

ווו זיי זענען... לאָז זיי צורו... ווילן זיי נישט זיין קיין רבנים, זיצן אויף שטאָטס קעסט, איז וואָס?

— אַ מענטש לעבט נישט אייביק, ווערט עלטער. און וואָס וועט זיין מיט דער ירושה־קייט? מיט אונזער דורותדיקע קייט, וואָס וועט זיין?

— דערפאַר האָט דער, וואָס כ׳בין נישט ווערט זיין נאָמען צו מעלדן, צוגעשיקט אונז אַן אײדעם, אַ טײערן אײדל־שטײן... ער איז אונז ווי אַן אײגן קינד...

— יאָ, משהלע איז אַ טרײסט פאַר מײנע עלטערע יאָרן. אַן אים וואָלט איך גאָרנישט איבערגעטראָגן... אָבער דאָך... אײגן פלײש... אײגן בלוט... עס איז עפּעס אַנדערש. די וועלט איז אַזוי געשטעלט.

— לוי, טראַכט שוין נישט אַזוי פיל אין דיר אַרײן. דו מאַכסט זיך שלאָף. און אויך מיך... אַ מענטש טאָר גאָרנישט אַזויפיל מתרעם זיין — טאָר גאָרנישט אַזויפיל אויף זיך נעמען... ווי שטײט געשריבן: „וואַרף אויף אים דײן לאַסט!...״ פאַרלאָז זיך אַביסל אויף אים!

זי האָט אים פריער שוין נישט אָפּגעלאָזט, ביז ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָפּגעלײענט קריאת־שמע, זיך אויסגעטאָן, געלײגט זיך שלאָפן.

די רביצין, אַ קלוגע פראַקטישע פרוי, מיט אַ געזונטן לעבנס־פאַרשטאַנד, האָט געהאַט אַן אַנדערע אײנזעעניש, אַן אַנדערן צוגאַנג צום לעבן. צוזאַמען מיט דער היימישער אָפּגעהיטענער יידישקייט, האָט זי אויך געזוכט דעם טעם, די לעבנס־הנאה. שטאַמענדיק פון אַ יחוסדיקער, נגידישער היים, ווו דאָס לעבן האָט זיך געפירט גביריש, אויפן גרויסן שטייגער, מיט הרחבהדיקע וווינונגען, טייערע מעבלען, מיט ברייטע מאָל־צייטן פון רייך געדעקטע טישן — האָט זי די אָרעמקייט פיזיש נישט פאַרליטן, מיט איר גאַנץ וועזן פיינט געהאַט. וואָלט זי געווען אַ פרוי פון אַ געניטן סוחר, וואָס פירט גרויסע עסקים, וואָלט זי אים מיטגעהאָלפן אין זיינע געשעפטן, אוועקגעשטעלט אַ רייכע שטוב, געשאַפן אַ שם, געמאַכט דעם מאַן — אַ נאָמען. איצט, אין רבנות, האָט זי דאָס אַלץ נישט געקאָנט באַווייזן. דאָס אויסקום איז געווען צוגעשניטן לויט אַ מאָס... און לויט איר איינזען, — אַ קנאַפּע מאָס. זי האָט אָבער דאָך נישט געוואָלט די

נויט. געזוכט די שטוב, אויף וויפל ס'איז געווען אין אירע כוחות — אַרויסהייבן: פירן זי מיט שטאַט, מיט שיינע מעבל, שיינע קליידער און זאַטער קיך. דער חשבון האָט אָבער נישט אַלעמאָל געשטימט און מען האָט געמוזט אַנקומען, אַמאָל צו די קינדער און אַמאָל אויך צו אַ גמילת חסד פון אַ רייכן באַלעבאָס — אַ גביר.

ר׳ לוי האָט פון דעם שטאַרק געליטן. ער האָט געוווסט, אַז אַ מענטשנס גאָב, איז נישט די גאָב פון גאָט, מען פאַרלאַנגט פאַר איר תמיד צוריק באַצאָלט און מורא געהאַט, ער זאָל נישט חלילה אַמאָל מיט עפּעס נכשל ווערן — באַדאַרפן מיט עפּעס נישט ערלעכס צוריק באַלוינען. ער האָט געהאַלטן פאַר הייליק דעם אַלטן קלוגן אָנזאָג: „לא תשא פני דל ולא תהדר פני גדול...” הייב נישט אַרויס דעם אָרעמאַן (אין זיין משפט) און שוין נישט דעם גביר... משפט, אַ משפט פון גערעכטיקייט! מילא, מיטן אָרעמאַן איז נישט שווער: ער פאַרלאַנגט נישט קיין סך... האָט נישט די דרייסטקייט צו וועלן... אָבער דער גביר ווי זיין טבע, האָט געהאַט חוצפּה, געפּרווט זיך אַנטקעגנשטעלן, איינשפּאַרן זיך, צווינגען מען זאָל אים נאָכ־געבן אין זיין זאַך... ר׳ לוי האָט זיך געראַנגלט, אָנגעגורט די לענדן, גענומען צו הילף זיין גרויסן טאַטן... אָבער נישט אַלעמאָל האָט געסטייעט כוח. דער גביר, וויסנדיק זיין מאַכט און דעם רבס מילדקייט, האָט גע־דריקט, אַרויפגעוואָרפן זיך מיט זיין גופישע משא, מיט תקיפות, מיט קראַפט, געזוכט אַרויסציען דעם נוצן פאַר זיך.

אַרויסגעהאָלפן האָט ווידער דאָ די רביצין.

וויסנדיק, אַז אין בית־דין־שטוב קומט פאַר אַ דין־תורה און דערצו אַ האַרבע, האָט זי זיך געשאַרט אַ שטילינקע פאַרביי די טיר, יעדעס מאָל מער פאַרלאַנגזאַמט די טריט, זיך איינגעהאָרכט. געהערט, אַז דאָס גערייד איז אַ שווערס, אַ שטרייטנדיקס, האָט איר געצויגן אַריינצוגיין. זי האָט שטיל אָפּגעלענט די טיר, געבליבן אַ ווײַלע אָפּוואַרטן ביים שוועל, געמאַכט אַן אויסרייד, איבערגעבעטן און אַריין. אַליין אַ הערלעכע, אַ גרויסאַרטיקע, אַ שיין־געוווקסיקע, אויסגעצירט אין דער גרויסער זיידענער הויב, פאַרשטאָכן מיט שפּילקעס, מיט שלייפן, אין לאַנגן ברוין סאַמעטן קלייד, מיט שניי־ווייסן גרייזל אַרומען האַלז. די שווערע אַראָפּהענגענדיקע

אויערינגען, וואָס האָבן כמעט געֿרוט אויף די אַקסלען — איז זי אַריינגעקומען ווי אַ קעניגין, אָנגעוואָרפן אַ שטילקייט. דאָס געֿרייד האָט זיך איבערגעהאַקט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן רבֿ, אויף די בעלי־דין, דערזען די צעפּלאָמטע פּנימער, אַלץ פֿאַרשטאַנען און זיך שטיל צעשמייכלט:

— אַ האַרבע דין־תּורה, וואָס? — האָט זי אַ זאָג געטאָן, אַזוי כּלאחר־יד, מיטן זעלבן גוטמוטיקן שמייכל, ווי זי מיינט גאָרנישט און מיט איר נאַטירלעכע דרייסטקייט באַלד איבערגעגאַנגען צו וועלכן גאַסט, אויסגעפֿרעגט זיך וועגן דער היים, וועגן ווייב און קינדער, וועגן געזונט.

מיט איר דערשיינען איז די לופֿט אין בית־דין־שטוב געוואָרן פֿרייער, גרינגער־אָטעמדיקער. דער רבֿ האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. זי, וואָס האָט תּמיד מיטגעבערענגט מיט זיך פֿאַר אים פֿאַרגרינגערונג, האָט מיט איר אָנוועזנהייט, אים איצט געמוטיקט, געוועקט די זיכערקייט. אויך די בעלי־דברים זענען עפּעס אַנדערש געוואָרן, פֿאַרלוירן דעם פֿריערדיקן קוראַזש, די שטייפֿקייט, געוואָרן נידעריקער, אַראָפּגעפֿאַלענער און גענומען רעדן שוין שטאַמלדיקער, פֿאַרלוירענער.

זי האָט פֿאַרשטאַנען, זי איז אַריינגעקומען צו דער ריכטיקער צייט און שנעל אין געדאַנק עפּעס אַ פּלאַנעווע געטאָן:

— נו, שטערט אייך נישט, רבותי, זייט ממשיך — האָט זי מונטער אַ זאָג געטאָן, מיט דער כּוונה צוריק אויפֿצוּוועקן די דין־תּורה אין איר קעגנוואָרט און אַליין געמאַכט זיך צוגיין צו דער גלאָז־שאַנק, פֿון דאָרט עפּעס אַרויסנעמען.

— פּערעלע, ר׳ וואָלף טענהט, יואלקע שניידער זאָל זיך פֿון אים אַרויסציִען, ער וויל דאָס הויז פֿאַרקויפֿן — האָט דער רבֿ אויפֿשטייענדיק, אַקעגנגעגאַנגען די רביצין, זי פֿאַרהאַלטן אין וועג, איר איבערגעגעבן ר׳ וואָלף קאָרמאַנס, דעם שטאָט־גבֿירס טענה, וואָס ער האָט זיך דווקא מיט עקשנות פֿאַרלייגט, אַז דער אָרעמער שניידער, וואָס האָט שוין פֿאַר אַ סך חדשים נישט אָפּגעצאָלט זיין דירה־געלט, זאָל פֿאַרלאָזן די וווינונג.

— וואָס הייסט, ער זאָל אַרויסגיין? — האָט די רביצין אומגעקערט דעם קאָפּ, אָנגעקוקט דעם גבֿיר, און באַלד ווידער דעם רבֿ, און געזאָגט ווי צוביידן — וווהין זאָל ער גיין?

— וואָס ווייס איך, רביצין? איך האָב דאָך אים נישט גענומען אויף מיינע פּלייצעס — אויף לצמיתות!... — האָט ר׳ וואָלף זיך אַ צערידער געטאָן, געפּרוווט זיך צוריק אויפהייבן אין זיין גדלות, ווי איינער וואָס קומט צו זיך נאָך אַן ערשטן קלאַפּ — זאָל ער גיין וווהין ער וויל, צו אַן אַנדערן באַלעבאָס!

— ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי, ר׳ וואָלף: ער זאָל גיין צו אַן „אַנדערן באַלעבאָס״... — האָט זי אַלץ נישט אָפּגעלאָזט פון איר געלאַסענעם, גאַסט־פריינטלעכן טאָן — ווער וויל דאָס אַן אָרעמאַן אַריינגעמען? איר ווייסט דאָך יאָ וויל!...

— רביצין, איך באַדאַרף די וווינונג! איך וויל פאַרקויפן דאָס הויז!

— איר ווילט פאַרקויפן דאָס הויז? אַלץ צוליב יואלקע שניידערס בידנע שטוב? ס׳לוינט נישט! אויף אַן אמת, ס׳לוינט נישט, ר׳ וואָלף! מילא, מעשׂר׳ט אַ ייד פון אַ הויז, אַזאַ טריבע קאָמורע פאַר אַן אָרעמאַן. איז וואָס?

— איך קאָן נישט, רביצין... ניין, איך קאָן נישט. איך מוז אויך צאָלן!...

— איר קאָנט נישט... אַן אַנדערער קאָן נישט... קיינער קאָן נישט! אָבער דער רבונו של עולם קאָן דאָך — יאָ! כ׳מיין, ער איז אַ בעל־בטוח אויף אַזאַ חוב. ער קאָן אָפּצאָלן פאַר אַזאַ יואלקען! — ווי מיינט איר, ר׳ וואָלף?

זי רעדט, און דער גוטער ווייכער שמייכל, וואָס האָט איצט אין זיך אַ שאָטן פון שטילן מוסר, טוט זיך אַלץ נישט אָפּ פון איר פּנים — אַ שמייכל, וואָס אַנטוואָפנט דעם שטאַרקסטן, יאָגט אָפּ דעם כעס, נעמט איין דעם שונא. ר׳ וואָלף ווערט זיך נאָך, רייסט זיך, וויל זיך נישט אונטער־געבן. אָבער וואָס אַמאָל, פאַרלירט ער אַלץ מער די תקיפות, די גבירישע זיכערקייט. ער איז שוין ווי אַ פישל אין דער נעץ, וואָס האָט פאַרלוירן דאָס קוועליקע וואַסער, עס האָט שוין נישט ווו צו אַנטרינען. עס גיט נאָך די לעצטע צאַפּלען. הייבט אָן אָפּשטיין.

— וואָס עפּעס נאָר ביי מיר?

— יעדן דאַכט זיך: „נאָר ביי אים!...״

— כ׳ווייס נישט... כ׳ווייס נישט...

— זיכער, ר׳ וואָלף!...

זי איז פריער נישט אַוועקגעגאַנגען, ביז זי האָט נישט אַרויסגע־פירט אויפן גוטן, גלייכן וועג, אים, דעם איינגעַ׳עקשנטן גביר איינגענומען. ר׳ וואָלף, נאָך אַן אומצופרידענער, אַ פאַרשוויצטער, אַ מידער, האָט גע־מרוקעט, געברומט, אָבער מיט געשטילטע הכנעהדיקע רייד נאָכגעגעבן:

— וואָס זאָל איך טאָן... זאָל שוין זיין ווי די רביצין זאָגט... זאָל שוין זיין!...

ווען אַלץ איז שוין געהאַט זיך צעגאַנגען, האָט ר׳ לוי זיך אַוועקגע־זעצט אָפּרוען. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין פריערדיק אָרט, אין פאָטערשטול, געווישט מיטן גרויסן געבלימלטן טאַשנטוך, דעם שווייס פון פּנים, פון שטערן און אָפּגעזיפצט. ווידער האָט אים געמוזט די רביצין אַרויסהעלפן — כנראה, ער איז נישט דאָס וואָס דער טאַטע, בייך. אים פעלט די פעסטקייט, די זעלבסטזיכערקייט, און דער עיקר — די תקיפות — דאָס קאָנען אַ קלאַפּ טאָן אין טיש! דער טאַטע האָט דאָס גע־קאָנט. ער פלעגט עס טאָן. און די בעלי־דינים זענען געשטאַנען מיט אימה, מיט יראת־הכבוד, ווי פאַר אַ מלך. האָבן געציטערט, זיך געשראָקן, זיך אונטערגעגעבן —

— עך, דער טאַטע! ווי גרויס ער איז געווען! גרויס צו מענטשן און גרויס אין זיין עבודת הבורא. ווייל אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, איז גע־ווען נאָר לשם שמים — גאָט צו דינען. דער טיש, אויף וועלכן ער האָט געגעסן איז געווען אַן אומגעהובלטער, פון ווייסע סאָסנע־ברעטער, נישט געלאָזט אים צומאָל באַפּאַרבן — הייליק ווי אַ מזבח; דאָס מעבל אין שטוב, אויך אַזוי איינפאַך, ווי אין אַ פּויערישע שטוב. דאָס אָנטועכץ — אַ היימישס, פון פּראָסטן גראָבן געוואַנט ווי ביי געמיינע לייט. שווער געווען ביי אים פּועלן, ער זאָל אַרויפציען אויף זיך אַ רבניש אַטלאַסענע קאַפּאָטע. אַ קליי־נער, אַ צעשויבערטער, מיט ברענענדיקע אויגן, מיט געדיכט צעבאַרשטע ברעמען, וואָס האָבן אויך עפּעס ווי געברענט, האָט ער געפלאַמט, גע־

התלהבות׳ט, געצונדן די לעם אים אַרומשטייענדיקע און אַליין תמיד אויסגעזען, ווי ער גרייט זיך צו עפּעס אַ גרויסן פּלי!...

אינמיטן נאַכט, ווען אַלץ איז געווען פאַרזינקען אין טיפן שלאָף, האָט ער זיך, דער טאַטע, אויפגעכאַפּט, זיך אַריינגעלאָזט אין בית־דיך־שטוב — זיין חדר מיוחד — אָנגעצונדן דעם בליצער און דאָרט פאַר־בראַכט. ער, לוי, איז געשלאָפן אין מיטל־צימער, אויפן טשעשלאָן, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט אין שכנות און פון דאָרט אַלץ געהערט. ער האָט געהערט ווי דער טאַטע שפּאַנט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. דורך דער וועגטל־שפּאַרע, האָט ער געזען, ער גייט אָנגעטאָן אין אַ קורצן וואַרעמען יאַק. פון אונטן שפּאַרט אַפּויער דער ברייטער טלית־קטן, די ציצית קלאַפּן אָן אין קני. אויף די פיס — טוכענע טיפע שטוב־לאַטשן. רויכערט זיין קליינע לולקע, בלאָזט מיט קנוילן רויך, ווי פון אַ קוימען פלוצים אין מיטן מאַרשירן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. געבליבן מינוטן וואַרטן. אַריין אין די רעיונות. דאָס פּיפּקען האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט. און מיטאַמאָל, מיט גיכע טריט, ווי אונטערגעטריבן פון ווינט, האָט ער צוגעאיילט צו דער ספרים־שאַנק און באַלד האָט זיך געהערט אַ מישן פון בלעטער, שנעל־שנעל, ווי אָט דער ווינט וואָלט דאָס טאַקע אַזוי געמישט, געבלעטערט. ער האָט אַריינגעשטעלט דאָס ספר, אַרויסגענומען באַלד אַן אַנדערס, ווידער אַ בלעטער געטאָן, ווידער אַריינגעשטעלט און ווידער אַרויסגענומען אַן אַנדערס... און דערנאָך ווידער געשפּרייזט איבער דער שטוב, באַגלייט פון אַ ברומען, אַ מורמלען, אַן אָכצן, אַ קרעכצן — ביז ער איז צוגעפאַלן צום טיש, געבליבן שוין דאָרט לאַנג זיצן, געפירט מיט אַ געוואַלטיקער גיכקייט די גענזענע פענע, אָנגעוואָרפן קליינע דריבנע אותיות, אויף די ווייסע בויגנס פּאַפּיר.

דער טאַטע האָט זיך שוין מער נישט צוריקגעלייגט. אָפּגעוואַרט ביז ס׳האָט אָנגעהויבן גראָען, האָט ער זיך געלאָזט אין מקוה און דערנאָך אַ גאַנצן טאָג געלערנט און ווידער געשריבן — מחבר געווען זיינע הייליקע ספרים.

ער, לוי, טוט דאָס אַלץ נישט: ער שלאָפט אַדורך די גאַנצע נאַכט רויק אויפן געלעגער. אָנשטאָט די האַלצערנע פּראָסטע בעטן ווי ביים

טאָטן, מיט די שטרוי־שעניקעס — שטייען ביי אים שפּיגלדיק־פּאָלירטע בעטן, מיט ווייך־געבעטע מאַטראַצן מיט אַ סך קישנס, אונטערדעקן, מיט ווייס פּינקלדיק איבערציג; אָנשטאָט דעם וויסן פּראָסטן ברעטער־טיש, שטייט אַ רחבותדיקער, שווער־דעמבענער, מיט אַ גלאַנצנדיקער פּלאַטע, מיט בלאַנקנדיקע מעשענע שיכלעך אויף די פיס; אָנשטאָט די פּראָסטע פון סאָסנע־האָלץ, איינפאַכע שאַנק, שטייען צעוואקסענע בייכיקע שענק, קאָמאָדעס, מיט געשניצטע גזימסן, מיט אויסגעקריצטע בלומען. אויך פון קיין פּראָסטע מלבושים ווייסט מען נישט. אָנשטאָט זיי — הענגען זיידענע קליידער, ריפּסענע קאַפּאָטעס, טכוירענע פוטערס, און די שטוב פירט זיך ביי אים נגידיש, מיט שטאַט, ווי ביי אַ שיינעם גביר.

נישט ער האָט דאָס געוואָלט. זי, די רביצין, זאָל זיין געזונט. זי האָלט דאָס אָן. זי זאָגט, אַז די אַלע זאַכן זענען באַשאַפן געוואָרן פאַרן מענטש: אַ שיינע וווינונג, שיינע קליידער, אַ שיין שטובפירונג, פּאַסט זיך שיין — פאַר די צדיקים. זיי גיבן הרחבת הדעת, ברייטערן אויס דאָס געמיט דעם שכל, מען קאָן דעם בורא עולם דערמיט נאָך בעסער דינען. ער, לוי ווייסט נישט. ס'איז אפשר יאָ: מרחיבים דעתו של אדם... מען באַדאַרף אָבער צו דעם ווערט זיין, האָבן אַ באַזונדערן זכות. און ער ווייסט נישט, צי ער איז עס ווערט, צי ער האָט די מדרגה?...

ר' לוי האָט אַזוי געשטרייט מיט די אייגענע געדאַנקען. די רביצין איז צוריק אַריינגעקומען. אַ לייכטע, אַ שמייכלדיקע, מיט אַ שוועבנדיקן גאַנג, ווי אין אירע ערשטע יונגע יאָרן. זי האָט געטראָגן אַ גלאָז מילך, עס פאַר אים אַוועקגעשטעלט. דער רב, נאָך אַ מידער, אַ נישט אינגאַנצן נאָך געקומענער צו זיך, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זי אָנגעקוקט ער האָט מיטן בליק געבעטן זי צוואַרטן.

— וואָס זאָגסטו, פּערעלע, איך טראַכט, אפשר האָבן מיר נישט באַדאַרפט פירן אַזאַ ברייטן שטאַנד, אַזוי נגידיש?

— וואָס? מיר פירן אַ ברייטן שטאַנד? נגידיש? כאַ, כאַ, אַ שיינע מעשה!... דו ווייסט גאָרנישט ווי אָרעם דיין שטוב איז, ווי קבצניש זי פירט זיך... וואָלסט אַ קוק געטאָן אין אַנדערע באַלעבאַטישע הייזער, וואָלסטו געזען!...

— מילא, יעדער האָט זיך זיין זכות — און זעסט דאָך ווי שווער מיר איז — איך מיין, אַז אפשר שפּאַרן זיי זיך די מענטשן נאָר ביי מיר אַזוי איין...

— אומעטום דאָס זעלבע — האָט זי אָנגעלענט אירע קלאָרע איי־דעלע הענט אין ווענטל פון שטול און ווי פריער דעם גביר, אויך איצט דעם מאַן געגעבן רויק צו פאַרשטיין — יעדער רייסט פאַר זיך... יעדער וויל פאַר זיך דאָס גרעסטע חלק... צו דעם איז דאָ דער רב, ער זאָל אויס־גלייכן, האַלטן די גערעכטע וואָגשאָלן אין די הענט... דו טראַכסט צופיל אַריין אין דער צייט... דאָס האָט דיר צוגענומען די גאַנצע רויקייט, די זיכערקייט. צער נעמט אַוועק דעם כוח פון מענטש און אַמאָל אויך די ריכ־טיקע הבנה...

— יאָ, אפשר ביסטו גערעכט. איך קאָן אָבער פאָרט נישט שלום מאַכן, נישט מיט דער צייט און נישט מיט די מענטשן.

— עס איז אין אַלע צייטן אַזוי געווען... דער „שבט מוסר” קלאָגט זיך שוין אויף די מענטשן און אויף זיין צייט, פון הונדערטער יאָרן צוריק. אָבער קיינמאָל איז יידישקייט חלילה נישט אונטערגעגאַנגען און וועט נישט אונטערגיין...

ר׳ לוי איז שטיל געוואָרן. גענומען דאָס גלאָז אין דער האַנט, געטאָן עטלעכע שלוק, עס צוריק אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. אויפן זינען איז אים געקומען: זי זאָגט אַ גרויסן אמת, זי איז ברוך השם אָנגע־לערנט — אַ חכמה! ער האָט מיט אַ שוועבנדיקן בליק, אַ קוק געטאָן אויף איר יידיש־צניעותדיקער שיינקייט, זיך דערמאָנט אַז פון דער יינג אָן, פאַרלייכט זי אים די שטוב, מיט דער לויטערקייט וואָס דער באַשעפער האָט איר אָפּגעטיילט, און אַ דאַנקבאַרקייט צו דעם אַלמעכטיקן האָט אים אַרומגענומען.

ער האָט זיך דערפילט דערלייכטערט, זיך אויפגעשטעלט, צוגעלאָזט זיך צום ספרים־אַלמער, אַרויסגענומען אַ ספר, אַ בלעטער געטאָן, זיך אָפּגע־שטעלט אינערגעץ, אַריינגעקוקט. און ווי ער וואָלט דאָרט אָנגעטראָפן אויף אַ שטעל, וואָס וואָלט אים מרמז געווען אויף גוטס, האָט ער מיט חיזוק אין קול אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, יאָ, דער אמת איז: לא אלמן ישראל! ס׳וועט זיך נאָך מיט השם יתברך׳ס הילף, אַלץ איינשטעלן גוט!... נו, איך וועל מיך זעצן לערנען.

די רביצין איז שטיל אַרויסגעגאַנגען.

ג י י ע ה י י ם

די נייע גרינס־הענדלערן

אין די פריע באַגינענס כאַפּט זיך באַשע ריוועס אויף, טוט אַ קוק אין פענצטער, זעט ס'ליכטיקט זיך, שפּרינגט זי אַראָפּ פון געלעגער, וואַרפט אויף זיך אַרויף מיט איילעניש די זאַכן, זעצט זיך אַריין אין צוויי רעדער־דיקן וועגעלע און לאָזט זיך קיין פּתח־תקוה אויפן גרינעם מאַרק איינקויפן ירקות פאַר איר קלייטל אינעם נייעם דאָרף.

זי זיצט אויפן פאָרנטשטן ברעטל, לעם באַלעגאָלע, איר שכן, דער געדיכט־באָרדיקער, אויסגעהאָרעוועטער עזריאל, וואָס פירט זי אַלע טאָג אַהין און צוריק מיט דער פרדה. זי וויגט זיך מיט צוגעמאַכטע אויגן, ווי זי וואָלט נאָך געוואָלט דערדרימלען די רעשט שלאָף, און אין איר מוח גייען אויף פון זיך אַליין, ווי דאָס וואַסערל פון ריזלדיקן קוואַל, אָפּגעריסענע רעיונות. זי גלייבט אַ סך זאַכן נישט: אַז דאָס איז זי, די זעלבע באַשע ריוועס, יענע שלאַנקע גבירישע טאָכטער, וואָס האָט מיט איר שיינער געשטאַלטנעקייט און גראַציע אויסגענומען די וועלט; אַז דאָס איז זי באַלד נאָך איר חתונה, ווען זי האָט קוים זיך ערשט פאַרשפּינען אין איר יונגער בייער אייגענער היים — אַוועקגעריסן געוואָרן פון איר, געוואָרן פאַרוואָרפן אין דער ווייטער ווילדער פרעמד אָן אַ גואל, אָן אַ פריינד; אַז דאָס האָט זי איר געליבטן מאַן נחמן, אַ מענטש אין די שענסטע בליענדיקסטע יאָרן, צו וועמען זי האָט זיך געפילט צוגעבונדן מיט לייב און זעל, איבער־געלאָזט ערגעץ, אין דער וויסט־פאַרוואָרפענער קאַזאַכסטאַנער ערד, אין אַ פינצטערן עלנטן קבר... זי גלייבט אויך נישט, אַז זי געפינט זיך שוין היינט אויף אַן אַנדערער, אַן אייגענער ערד און מיט אַן אַנדערן מאַן — אַ

ליבער, אַ שטילער, אָבער גאָר אַן אַנדערער, אַנדערער, ווי ס׳איז געווען נחמן.

די דאָזיקע אַלע געפילן און געדאַנקען וועקן זיך, נישט בלויז איצט אין שטיל־ראָזיקן פאַרטאָג אויפן וועגעלע, ווען ס׳וויקלט זיך אויף אַ נייע וועלט. זיי זענען אין איר תמיד וואַך. ליגן פאַרטוליעט אין איר געמיט. צאַרט און שרעקעוודיק, ווי פייגעלעך אין נעסט, וואָס שטעקן די קעפּלעך אַרויס ביים קלענסטן שאָרך פון אַ בלעטל. אויך ביי איר קומען זיי אויף ביי יעדערן שאָרך פון אַ דערמאָנונג. אַממיינסטן ווען זי דרייט זיך אַרום אין שטוב, רוימט אין די ווינקלען, באַפאַלן זיי איר די אויסטערלישע בילדער אַזוי פּלוצעם, ראַפּטעם, ווי זיי וואָלטן נאָר אויסגעוואָרט די מינוט זי זאָל בלייבן אַליין.

עס נעמען שוועבן פאַר אירע אויגן זעאונגען, ווייטע, האַלב־פאַר־געסענע, פאַרשטויבטע: די פרידלעכע שטאָט ביים „בוג״... די שיינע שטוב... טאַטע־מאַמע... די גרויסע קלייט אין פראָנט־גאַס... גרויסע יאַרי־דים... ליכטיקע פרייטיק־צונאַכטן, און אַ סך פריילעכקייט, געזאַנג און גע־לעכטער אַרומען שבתדיקן טיש. דער טאַטע מיט דער לאַנגער צעקעמטער באָרד און מתיקותדיקן גאַנג, גלעט איבער די קעפּ פון די קינדער, זאָגט צו פאַר די טעכטער שיינע חתנים, גרויסע נדנים, רייכע אויסשטייערס און אַ סך, אַ סך גליק!... זי איז שוין מיט מזל אַ כלה. גליקלעך מיט אירע חלומות וועגן איר געליבטן נחמנען... און אָט האָבן זיי חתונה, וועבן אויס זייער היים, האָבן גליקלעכע פּלענער... און מיטאַמאָל אַלץ אויס! — מלחמה בהלה!... מען לאָזט אַלץ איבער, מען לויפט אויף „יענער זייט״... פון דאָרט ווערן זיי מיט כוח אַוועקגעריסן אין ערגעץ אַ ווייטקייט: סיביר, וועלדער, „פּאָסיאָלעק״... פון זייער פאַמיליע־בוים ברעכן זיך צווייגן, פאַלן אָפּ, ווערן וויניקער!... מען טוט צוריקגיין: ווידער פוילן... דייטשלאַנד, ווידער וואַל־גערונג, ווידער צער — אומעטום אַ שטיק לעבן איבערגעלאָזט און צולעצט, דער לעצטער עטאַפּ — דאָ, אין אייגענעם לאַנד

אין דאָזיקן מחשבות־געפּלאָנטער, זייענדיק מיט זיך אַליין, באַפאַלט איר מיטאַמאָל אַ נייגיר: זי וויל זיך זען, זיך אָנקוקן, זיך דערקענען. זי לאָזט זיך צו דער שאַנק, עפנט אויף די טיר, וווּ אויף איר לינקער זייט

איז צוגעפּעסטיקט אַ לאַנגער שפּיגל, שטעלט זיך אַוועק אין איר גאַנצער גרייס, קוקט זיך איין: יאָ, זי איז באַשע ריוועס, די זעלבע, זי דערקענט זיך. אַ סך איז נאָך פון דער אַמאָליקער שיינער „באַשקע" איבערגעבליבן. די אַקסלען אויסגערונדיקט, פּרוויאישע, ווייך רוענדיקע; דער האַלדז — שלאַנק, שטאָלץ. די הויט — געזונט־מראהדיק, און די אויגן די זעלבע זאַנפטע, גרויסע, שוואַרצאַפּלדיקע, נאָר וואָס האָבן צוגעקריגן איצט נאָך עפּעס אַ פאַרב — אַ שאָטנדיקער, טיף איינגעזאַפּטער טרויער. יאָ, נאָך עפּעס איז צוגעקומען — דאָס טיכל, וואָס דעקט היינט צו יידישלעך־פרום איר קאָפּ, לאָזט אַרויס פאַרנטביים שטערן, אַ שוואַרץ פּאַסמעלע האָר, אַוועקגעלייגט אין אַ לאָק, ווי אַ דערמאָנונג. דאָס דערמאָנט איר, אַז מיט איר איז עפּעס פאָרגעקומען, אַז דאָס גייט זי אין אַ נייעם, אַנדערן וועג — אַ פרומען, אַ יידישן.

דאָס האָט זי גענומען פון איר נייעם מאַן.

ווען זי האָט זיך מיט אים צוזאַמענגעטראָפן, נאָך דער באַפרייאונג, אונטערוועגס, אין דייטשן לאַגער, זענען זייביידע געווען, ווי פאַראיינזאַמטע פייגל וואָס האָבן צוזאַמען מיט זייערע נעסטן אויך פאַרלוירן זייערע פעדערן, זייער כוח פון פליען. זי האָט געהאַט ביי זיך צוויי קליינע קינדער, וועלכע זי האָט מיט סכנות נפשות אָפּגעראַטעוועט.

אין „קעמפּ" ווו זי האָט געאַרבעט באַדינענדיק אַ קינדערהיים, איז אויך ער געווען באַשעפטיקט. ער — אַ שטילער, אַן איידעלער, מיט אַ בלאָנד רונדיק בערדל, מיט גוטע מילדע אויגן און אַ גרויסער שווייגער. זי האָט באַלד באַמערקט, אַז דאָס איז אַן ערנסטער ערלעכער מענטש. ער איז אָבער געווען אַזוי אַנדערש פון איר אַמאָליקן מאַן. יענער — פריי, וועלטלעך, בלאַנדזשנדיק, אייביק אומרויק, אומצופרידן. אַ הונגעריקער נאָך עפּעס נישט דערגרייכטס, וואָס מען קאָן עס קיינמאָל נישט דערגרייכן — אַ זיך פיינענדיקער; און דער — שטיל און באַשיידן, טיף אין זיין אמונה, גאַנץ אין זיין גלויבן און פעסט אין זיין רו. זי האָט געזען, אַז אין זיין שטלקייט, צערטלט ער די בליקן אויף איר, וואָס האָבן ווי זיסע קלאַנגען זיך אין איר אָפּגערופן. זיי האָבן זיך צוזאַמענגערעדט.

— איך וויל פון דיר גאָרנישט מער — האָט ער געזאָגט מיט אַ

שטיל ווייכן קול — נאָר דאָס איינע: דו זאָלסט זיך פירן ווי דיין מאַמע אין דער היים, ווי יעדע יידישע טאָכטער אין אַ יידישער שטוב. דאָס איבעריקע וועט זיין ווי דו וועסט וועלן. און דיינע קינדער וועלן אויך זיין מיינע.

„פאַרוואָס נישט?" — האָט זי זיך געטראַכט. זי איז פון אייביק אָן צוגעוווינט געווען צו אַ יידישער היים, ביי זיי אין שטוב, האָט זיך געפירט יידישקייט אָפּגעהיטן און אָרנטלעך. נאָך איר חתונה מיטן ערשטן מאַן, ווו די יידישקייט האָט שוין אין זייער שטוב אונטערגעהינקט, האָט זי געזען, אַז קיין גרויסע פרייד איז אין יענעם פרייען לעבן אויך נישטאָ: צווייפל, זוכעניש, בענקשאַפט נאָך עפּעס אומבאַשטימטס, אייביקע גריזאָטע! — פאַרוואָס זאָל זי נישט אַ פּרווו טאָן צוריקגיין?

זי האָט צוגעשטימט צו זיינע רייד און זענען זיך צוזאַמענ־געגאַנגען. געשטעלט אַ חופּה כדת משה וישראל. זיי האָבן איינגעפּאַקט די זאַכן און אַהערגעקומען אין לאַנד אַריין. אַדורכגעמאַכט אַלע ליידן פון נייע עולים. צום סוף, צוביסלעך זיך אַרויסגעדראַפּעט. אָפּגעזוכט זיך אַ וווינונג אין אַ שכונה, אַוועקגעשטעלט אַ טיש, אַ בענקל, אַ בעט. און פאַרגעסנדיק אַלע אַמאָליקע פאַנטאַזיעס, פאַרלייגט זיך אַ פּרנסה — דאָס ירקות־געוועלבל.

זי איז דאַכט זיך צופרידן. ער האָלט וואָרט. זיי גייען ביידע אין שפּאַן, אַרבעטן צוזאַמען. בויען צוביסלעך אַלץ מער אויף, די שטיל באַ־שיידענע היים, אַרבעטן אויס דאָס שטיקל ברויט, ווייזן זיך אַרויס קעגנזייטיקע געטריישאַפט. זי האָרעוועט מיט אים מיט. ער דאַנקט איר אָפּ מיט אַלעם וואָס ער קאָן. אָבער דאָך, פאַרוואָס קאָן זי נישט געניסן פון דער פולער רו? פאַרוואָס קאָן זי נישט פאַרגעסן אין אַ סך זאַכן? זי קאָן נישט פאַרגעסן אין די צעטרענצלטע בעסטע יאָרן אירע. אין די אַדורכגעלעבטע ליידן. אין דעם אומזיסט אומנישט פאַרשווימען שטיק לעבן... עס פּייניקט דאָס גע־דעכעניש פון די אויסגעגאַנגענע אין פּיין, וואָס זענען פאַרשוווּנדן, אָן צו וויסן, ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען; עס פּייניקט דאָס געדעכעניש פון איר פריערדיקן מאַן. זי זעט אים כסדר אין זיינע לעצטע מינוטן פון זיין אויסגיין, ווען מען האָט אים אַרויסגעגעבן צוריק פון תפיסה. זיין קוקן מיט פאַרהויכטע בליקן, ווי פון אַן אַנדערער וועלט. און עס באַפאַלט איר

אויפסניי אַזאַ שניידיק געוויין און רחמנות, ווי דעמלט ווען זי האָט צוגע־מאַכט זיינע אויגנדעקלעך אויף אייביק...

זי האָט שוין אַמאָל געמעדט דערוועגן מיט זעליקן, דעם איצטיקן מאַן אירן. אים דערציילט אַלץ, וואָס ליגט איר אויפן האַרץ. ער האָט ווי זיין טבע, שטיל אויסגעהערט און שטיל צווייגנדיק מיטן קאָפּ געזאָגט:

— דער צער פון ערשטן פאַרלוירענעם זיווג איז זייער גרויס. ער לאָזט זיך אפשר קיינמאָל נישט פאַרגעסן... אַ מענטש מוז אָבער ווייטער לעבן, ווייל ער מוז לעבן. און מען מוז פאַרגעסן. און דאָס וואָס ער ליגט פאַרוואָרפן אַליין — האָב איך געזען אין אַ הייליק ספר, אַז דאָ וווּ עס ליגט אַן איינזאַם יידיש קבר, קומען מלאכים און היטן עס... באַשיצן עס מיט זייערע פליגל...

די רייד זענען פאַר איר געווען אַ טרייסט. זי האָט זיך באַרויקט.

אָבער אין פרימאָרגן, ווען זי זיצט אויפן פורל וואָס גליטשט זיך אויפן אַספאַלטירטן כביש, ווי אַ שיפל אויף אַ רויקן וואַסער־שפּיגל — טראָגן זיך ווידער פון ערגעץ אַן די בילדער, די געפילן, די מחשבות, און פייניקן, פייניקן. עס לאָזט איר באַזונדערס נישט רוען דער איינזאַמער, מיט קיין מצבה, נישט באַצייכנטער קבר פון איר מאַן — — —

אַ שטאַרקער טרייסל פון וועגעלע וועקט זי אויף. זי הייבט אויף דעם קאָפּ, עפנט די אויגן, דערזעט דעם מיט זון־שטראַלן באַשפּריצטן וועג; די לויפנדיקע אויטאָס, די אויפגעוועקטע סיגנאַלן — אַן אַנדערע וועלט, אַ וואַכיקע, פול מיט פולסירנדיק לעבן, מיט לוסט און באַגער. פאַר איר זיצט עזריאל מיט זיין געדיכטער באַוואַקסנקייט, פונוואַנען מען זעט קוים אַרויס די אויגן, די פליישיקע נאָז. מורמלט, כרוקעט, ווי ער וואָלט סיי גע־דאַוונט, סיי געסיקעט אויף דער פרדה. ער קערט אויך גראָד אום דעם קאָפּ צו איר, טוט אַ זאָג:

— נו, זיך אויסגעשלאָפן? רק דו דרימלסט... דו וועסט די גאַנצע וועלט פאַרשלאָפן...

— עזריאל, זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי איז, אַז איינער איז

פאַרוואָרפן אין אַ קבר אין דער פרעמד, האָט נישט קיינעם ווער עס זאָל צו אים קומען, וואָס איז דעמלט?

עזריאל טוט מיטן בייטש־שטעקן אַ קיצל דער פרדה אונטערן בויך און נישט אומקערנדיק דאָס פנים צו איר ענטפערט ער:

— וואָס זאָל זיין? ער ליגט!...

זי לאָזט אַראָפּ די אויגן, שוויגט. פילט זיך אָפּגענאַרט. עזריאל טוט פון דער זייט אַ בליק אויף איר, האָט חרטה אויף זיין ענטפער. פאַרשטייט וואָס זי איז אויסן, זוכט צו פאַריכטן:

— נאַרישע באַשע! אַ מענטש קאָן זיך גאָרנישט העלפן, וואָס די ערד דעקט צו, מוז פאַרגעסן ווערן... אַז איך האָב מיינע, נאָך געמוזט ביי־נאַכט אַליין טראָגן אויף די אַקסלען טויטערהייט, אַ פּאָר קילאָמעטער אין אַ צווייטן דאָרף, ווו ס'האָבן זיך געפונען אַ פּאָר יידן, כדי זי דאָרט צו קבורה ברענגען, ווייל איך בין געווען איין ייד אין קאָלכאָז צווישן בלויז גוים, נו, איז וואָס? אַ מענטש מוז לעבן! אַזוי איז אָנגעשריבן.

„אָט די זעלבע רייד פון מיין מאַן. אַ מענטש מוז לעבן. אַזוי איז אָנגעשריבן — טראָגט זיך איר אַדורך אין געדאַנק — און זי מוז אויך לעבן, און ווייטער טאָן איר אַרבעט, ווייל אַזוי איז אָנגעשריבן!

פאַרטראָגן אין די מונטערנדיקע ווערטער, קומט זי דערוויל אָן אין פתח־תקוה. דאָס געשריי פון נאָענטן מאַרק־פּלאַץ קומט איר אַ קייגן ווי אַ הייסע חמסינישע היץ, וויקלט זי איין. זי כאַפּט זיך אויף, ווערט אומרויק, פאַרגעסט אין אַלעם, לויפט אַראָפּ פון וואָגן, ווערט פאַרשווינדן אין דעם געווימל.

שפּעטער פאָרט זי אַהיים אַ באַרוישטע, מיט געשריי, מיט טומל אין קאָפּ. אַן אויסגעליידיקטע פון אַלע מחשבותן. דאָס ירקות־קרעמל פאַרשלינגט זי. דער טאָג גליטשט זיך צווישן די ווייבערישע טענות, דינגענישן און אויסריידן זיך דאָס האַרץ מיט די קונים.

ערשט שפּעטלעך אויף דער נאַכט, כאַפּט זיך באַשע אַרויף אין דער שטוב. זי איז מיד. די ברעמען זענען אָנגעגאָסן ווי מיט בליי, בענקען נאָך אָפּרו. נאָכן אָפּעסן דאָס אָונט־ברויט, דורכקוקן דאָס חובות־בוך און צוגרייטן אַ צעטל אויף דער מאָרגנדיקער סחורה, פאַרענדיקט באַשע דעם

טאָג מיט שטילער תפילה. זי דאַנקט פאַרן היינטיק אַדורכגעגאַנגענעם טאָג, פאר דעם וואָס זי געפינט זיך שוין אויף אַ רויק אָרט, אין אַן אייגענער היים, אין אייגן לאַנד, אויף אַן אייגן געלעגער. זי בעט פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, שלום פאַר די לעבעדיקע, מנוחה — פאַר די וואָס רוען שוין אין זייער אייביקייט, צווישן וועלכע עס רוט אויך איר געוועזענער מאַן.

אין די מינוטן ווערט זי ביי זיך פעסט און פול מיט בטחון, אַז אַלץ וועט זיין גוט, אַז אַלץ ווערט געטאָן פון הימל. און אַ מענטש לעבט — ווייל ער מוז לעבן!

„מיר פאָרן אין „מחנה ישראל״

פאָרן מיר, הייסט עס, קיין „מחנה ישראל״.

מיר פאָרן אין אַ לאַסט־אויטאָ, איבערגעדעקט מיט אַ גרויסער פּלאַנדעקע — שאָקלט זיך ווי אַ שכור. דער טאָג איז לויטער און ריין, די לופט — מחיהדיק־פריש, אַז עס קומט דיר צו אַ שטיק געזונט. ס׳איז גאָרנישט צו גלייבן — עס איז ווינטער־צייט אויף דער וועלט, אַז נעכטן האָט ערשט געגאָסן אַ רעגן מיט צעבערס — נאָר סאַמע מיטן פרילינג. אַ מעשה, מיט דעם קלימאַט דאָ אין לאַנד! — טראַכט איך מיר — אָט קולות וברקים, עס דאַכט זיך דיר, די וועלט קערט זיך איבער און שוין לייטערט זיך אויס: דער הימל, ווי מען וואָלט פון אים אָפּגעוואַשן אַלע ברודיקע לאַכעס, באַקומט צוריק זיין באַחנטע בלוי־קייט. עס קומט אַרויס אַ ייִנגע צעשמייכלטע זון און ווידער ווערט פרייליך אויפן האָרץ.

ווי שטענדיק ביי אַ נייע זאַך, זיצט מיין חיה רבקה נעבן מיר און רעדט אין מיר אַריין. אירע שטענדיק פאַרטועַנע הענט, וואָס רוען קיינמאָל נישט, זענען תמיד מיט עפּעס באַשעפטיקט, ליגן דאָסמאָל אַוועקגעלייגט שטילע, רוענדיקע אויף אירע קני. דער קאָפּ איז אויסגעבויגן צו מיין אַקסל און ציענדיק די ווערטער מיט יענעם טייטש־חומש־ניגון, וואָס איך קען אים שוין גוט, טענהט זי צו מיר: זי ווייזט מיר אויף, אַז נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך שוין אַזויפיל אָנגעליטן אין אונדזער לעבן, אַזויפיל מיטגעמאַכט; געהאַט פינצטערע טעג, אָפּגעריסענע יאָרן, פּלאָגעניש און יאָגעניש, ברעכע־ניש און שטעכעניש — און אַז גאָט האָט צום סוף אויף אונדז זיך דערבאַ־רעמט, געלאָזט אונדז אַרויסדראַפּען זיך פון דער פינצטערער מלחמה, פון

דער פינצטערער נויט און דערלעבן צו קומען נאָך אין אונדזער לאַנד — איז געדרינגען, אַז עס איז אונדז נאָך אויפגעלייגט אָפּצולעבן אַ פּאָר גוטע יאָרן.

— כ׳זאָג דיר, משה גדליה, — זאָגט זי צו מיר, — דער באַשעפער אַליין האָט אויף אונדז רחמנות געקריגן. ער ווייסט אַליין, ס׳איז שוין צייט, מיר זאָלן אָפּאָטעמען אַביסל לייכטער, פרייער... וואָרעם וויפל איז דער שיער, אַ מענטש זאָל זיך דאָס אָנפייניקן, אָנליידן? — זי בלייבט אַ ווײַלינקע פאַרשוויגן און ווי זי וואָלט זיך עפּעס איבערגעלייגט, זאָגט זי ווייטער:

— „דער עיקר אָבער מען דאַרף אַליין האָבן דעם רעיון, דער קאָפּ זאָל אַרבעטן... אַז מען טויג זיך, עסט מען מעגעלעך... האָט מיין מאַמע עליה השלום שוין פון לאַנג געזאָגט.

— פאַרשטייט זיך, וואָס הייסט, — גיב איך איר גערעכט — אוודאי דאַרף דער קאָפּ אַרבעטן... אוודאי...

— משה גדליה, — ציט זי ווייטער מיט איר ווייכן ניגון — משה גדליה, זאָלסט זיך, למען השם, אויסטויגן! איך בעט דיך!... ס׳איז נישט אין דער אַלטער היים... ס׳איז אַנדערע צייטן... איך דאַרף דיר נישט דער־ציילן... און מיר זענען גענוג געקריוודעטע, געליטענע... זאָלסטו זיך, למען השם, נישט פאַרלאָזן אויף קיינעם. וואָרים וויסן מוזסטו, יעדער קוקט נאָר היינט פאַר זיך... און כאָטש מיר זענען שוין טאַקע, ברוך השם, אין אייגענעם לאַנד, ווייס איך נאָך נישט וואָס דאָ טוט זיך, מיט וואָס דאָס געקעכץ שמעקט... און ווער דען זאָל זיך אויסטויגן, אַז נישט אַ מאַנספאַרשוין?... ער איז דאָך דער קאָפּ פון דער שטוב, איז ער דאָך!...

איר שטים, אַ פאַרזאָרגטע, ווי עס איז ביי איר די טבע, איז איצט ווייך, מיט פריינטשאַפט און געבעט. דאָס איז ביי איר שטענדיק אַזוי, ווען מיר האַלטן ביים אויפבויען צוריק אונדזער לעבן, וואָס איז צוליב אַ וועלכן אומגליק צעבראָכן, פאַרניכטעט געוואָרן (אַהאַ, צעבראָכן איז עס שוין געוואָרן גענוג!...), און זי וויל צוגעבן מוט און כוחות, אויסהאַרטעווען די דרייסטקייט און זיכערקייט און מיך און אויך זיך אַליין שטאַרקן.

— פאַרוואָס נישט, חיה רבקהשי! זאָלסט מיר זיין געזונט! גאָט זאָל אונדז נאָר וועלן אַזוי פאָלגן ווי גערעכט דו ביסט... — ענטפער איך איר

אָפּ מיט דער זעלבער פּריינטשאַפּט און איבערגעגעבנקייט. כ׳ווייס וואָס עס נאָגט איר נשמה: זי וויל, אַזוי ווי מיר פאָרן איצט איבער פון „שער־עליה" אין בית־עולים, טאַקע אין מחנה ישראל, זאָל איך אַלס ראש פון דער שטוב געדענקען ווי איך האַלט אין דער וועלט... זי מיינט נישט קיין אויסטערלישס חלילה, נאָר מענטשלעך: אַ שטיקל פּרנסה... אַ לייטישע שטוב צום וווינען... אַ בעט, אַ געלעגער, אַ טיש, אַ בענקל ווו זיך אָוועקזעצן... און נאָך אַזעלכע באַדערפטיקע זאַכן אין וואָס אַ מענטש נויטיקט זיך שטאַרק אין זיי...

און באמת, צווישן אונדז גערעדט, וואָס־זשע, עס קומט אונדז נישט? ווייניק האָבן מיר זיך דאָס אָנגעליטן אין אונדזער ביסל לעבן? ווייניק האָבן מיר זיך אָנגעפּייניקט דאָרט אין די טייגעס, אין די זומפּן, אין די וועלדער, אין די שנייען? דאַכט זיך, אַהאַ, געננג, גענוג! פאַר צען געזונטע פּויערים צו פאַרטיילן (ווי מיין חיה רבקה זאָגט). קריג איך טאַקע אויף איר רחמנות און זוך איר טאַקע לייכטער מאַכן דאָס האַרץ.

— כ׳זאָג דיר, מיין ווייב, אַז ס׳איז זייער אַ גלייכער שכל: מען וועט זיך מוזן היינטיקס מאָל אַביסל מער טאַקע אויסטויגן, נישט לאָזן זיך שפּייען אין דער קאַשע...

— דער עיקר אַ גוטע שטוב, אַ טרוקענע, דאָס ביסל זאַכן זאָל נישט „פאַרווילגאַטניעט" ווערן, הערסט, משה גדליה, — גיט זיך מיך ווידער אַ מונטער — אַ שטוב איז איבער אַלעם! זי מאַכט דעם מענטש, פאַר אַ מענטש, און, חלילה, אויס מענטש!... דעריבער דאַרף מען זען זי זאָל זיין אַ גרויסע, אַ לייטישע...

— מן הסתם, אַ גרויסע, אַ לייטישע, ווי דען?... מען זאָגט דאָך עפּעס, אַז „מחנה־ישראל" איז דער בעסטער בית־עולים אין לאַנד. ספּע־ציעל אָוועקגעשטעלט פאַר די פּוילישע מענטשן, מיט גוטע געמויערטע וווינונגען, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן...

— פאַר פּוילישע מענטשן, ווי מיר נעבעך נישט!... — קרעכצט מיינע אָפּ, מיט אַ טיפע קרעכצעניש, ווי איינער, פאַר וועלכן מען האָט דערמאָנט עפּעס ליבס, נאָענטס. — פּוילישע מענטשן, ווער ווייסט דען נישט, ווער זיי זענען געוועזן! וואָס פאַראַ מלכותדיקע יידן! און וואָס זיי

האָבן זיך נעבעך אָנגעליטן... די גאַנצע תוכחה האָט זיך נעבעך אויף זיי אויסגעגאָסן!... גוט, וואָס מען האָט זיי איצט כאָטש אַביסל אין זינען!...

און אָפּרועענדיק זיך אַ רגע, דערמאָנט זי זיך גלייך:

— און מיר אַליין, משה גדליה, זענען אויך נישט אַבי ווער, פון אונטערן אויוון... אויך נישט, חלילה, פון שוסטער־געסל... מיר האָבן, ברוך השם, געוווינט אין לייטישע שטעט, אין נישקשהדיקע דירות... מיר האָבן אויך נישט געגעסן מיט קיין הילצערנע לעפל... אָבער דאָס אַלץ האָט נישט צו טאָן איינס מיטן צווייטן... און ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט: מען מוז זיך אויסטויגן!... האָבן דעם קאָפּ אויפן קאַרק!...

— מילא, מען וועט שוין זען... לאָמיר נאָר אָנקומען בשלום, מען וועט שוין זען... — זאָג איך, פאַרטאָן אַביסל אין די אייגענע מחשבות.

— זאָלסט מיר נישט זאָגן: „מען וועט שוין זען”... — ברוגזט זי זיך שוין און ווערט האַרב — איך קאָן נישט הערן אַזאַ רעדעכץ... מען דאַרף טאָן דערין! און גוט טאָן!... מיר זענען מיט קינדער... און מ׳דאַרף זיך קאָנען אויסדרייען אין די ווינקלען...

די מאַשין לויפט, גליטשט זיך איבערן גלאַטיק־אַספאַלטירטן כביש. זי איז פאַרמאַכט פון אַלע זייטן ווי אַן אַמאָליקע היימישע בויד, מיט אַן עפענונג אין איר ענד. אַרום שווינדן צעגרינטע פעלדער, ניי־צעזייטע, פון וועלכע עס שטעקן שוין אַרויס, ווו נישט ווו די ערשטע גרינע זאַנגען־קעפּלעך; נייענקע שיכונים־דערפלעך שפּיגלען מיט ווייסע הייזלעך, פלאַ־טערן מיט רויטע דעכער, גרינע ביימער און איבער אַלעמען אַ צעלויכטענע זון, וואָס נעמט אַלץ אַרונטער אונטער אירע פליגל און צערטלט מיט איר מילדן ווינטערדיקן שיין. וועקט צום אויפגייענדיקן לעבן נאָך די ווינטער־רעגנס, אַז דיר דאַכט זיך: אַלץ די גאַנצע טבע שפּראָצט פאַר די אויגן...

דאָס אויג קוועלט פון קוקן אויף דעם אַלעם און אויך דאָס האַרץ — אונדזער לאַנד! עס וואָלט זיך שוין געוואָלט אַליין זיצן ערגעץ אין אַזאַ הייזל מיט אַ גאָרטן אַרום. פאַרזוכן פון אייגענעם געפלאַנץ, פון אייגענעם געזיי, און אייגן געוועטעניש — פון דער ברכה, וואָס די אייגענע הענט שאַפן אַליין...

— וואָס טויגן מיר די מעשיות... דאָך אַן אייגן לאַנד, אַן אייגענע

היים! — קאָן איך מיך נישט איינהאַלטן און טו אַ זאָג צו זיך. צו מײַנער, צו אַלעמען — אַן אייגענע היים, איז דאָך ווי אַן אייגענע מאַמע...

— יאָ, אַלץ גוט... זאָל מען נאָר זען, זי זאָל נישט זיין קיין שטיף־היים, קיין שטיף־מאַמע! — הער איך ווי חיה רבקה גיט אַ קרעכץ אונטער.

ווייס איך דאָך, אַז ווייבער זענען קיינמאָל נישט רויק, נאָר זיי האָבן מורא, שרעקן זיך... אייביק האָבן זיי זאָרגענישן, קלעמענישן... אייביק פעלט זיי אַ טאָג אין דער וואָך... ווי אָן דעם ביסל צאַפּלען זיך, וואָלטן זיי גאָר־נישט געקאָנט אויסקומען אויף דער וועלט... און דערצו נאָך מיינע... ווייס איך דאָך דאָס אַלץ... דערפאַר אָבער — טראַכט איך מיר — וועט זי שוין גאָרנישט רעדן, ווען מען וועט אונדז געבן אַ פיר אַריין איצט אין אַ גוטע שטוב, אַ ליכטיקע, מיט פענצטער... אַ פעסטע טיר... געזונטע ווענט... און איך וועל טאַקע טאָן אַ זאָג: „נאַ, דאָ האָסטו! און זאָרג נישט מער אַזוי־פיל!” זי וועט זיך צעשמייכלען מיט אַזאַ שמייכעלע, וואָס וועט זיך באַהאַלטן אין די מויל־ווינקלען, וואָס איך קען עס שוין גוט: ווען עס פרייט זי עפּעס. און אויך די קינדערלעך וועלן דאָס דערזען און זיך דערפרייען, נעמען אַרומהיפּן...

איי, די קינדערלעך, זאָלן זיי מיר זיין געזונט און שטאַרק! טייערע קינדערלעך! זיי נעמען זיך אפילו אַזוי אויך מיט גאָרנישט איבער. זיי גייט גאָרנישט אָן אונדזערע איצטיקע דאגות, אונדזערע טראַכטענישן. זיי האָצ־קען זיך אין אויטאָ מיט אַזאַ תענוג, ווי קיין גרעסער פאַרגעניגן וואָלט אויף דער וועלט נישט געווען. זיי זענען אויפגערוימט, פריילעך. טאַקע ווי מיטן באַטרעטן דאָ די ערד, וואָלט אין זיי אַריין אַ ניי לעבן. אַ ניי חיות... זיי שפּרינגען אַרום אין אויטאָ ווי צעשפּילטע וועווריקעס אין אַ שטייג, לויפן אַהין און צוריק, קלעטערן אויף די ווענט, קלעפּן זיך צו צו דער עפענונג, שלינגען מיט די אויגן דעם אַרום, שרייען מיט יונגע קולות פון התפּעלות און רעדן וועגן אַלעם מיט אַזאַ מבינות און קענטעניש, ווי זיי וואָלטן שוין דאָ געווען היימישע, דאָ געבוירענע און ווייסן וועגן אַלעם.

דער אָנפירער איז דאָ איציקל.

— וואָס איז דאָרט? זעטס נאָר! — ווייזט ער אָן מיט דער האַנט

אויף עפּעס אַ גרויסן טורעם, וואָס הייבט זיך אַרויס פון צווישן קליינע הייזלעך צעוואָרפענע ווי די קליינע בינשטאָקן.

דאָס גאַנצע קליינוואַרג שטופּט זיך צו, שפּיזט אַהין די אייגעלעך פול מיט נייגעריקייט, באַטראַכטן עס:

— דאָס איז אַ קאָלכאָז — זאָגט איר מבינות דאָס קלענסטע — חנהלע, געדענקענדיק ווי מיר האָבן געוווינט אַ צייט אין אַ קאָלכאָז אין אוזבעקיסטאַן.

— וואָס פּלאַפּלסטו, וואָס? — האַקט איר איבער איציקל — דאָ איז נישטאָ קיין קאָלכאָזן — דאָ איז נישט רוסלאַנד — דאָס מוז זיין, לויט ווי איך מיין: אַ קיבוץ... אויפן טורעם גייט אַרום אַ וועכטער און היט... אַזוי האָט אונדז דער לערער דערציילט אין שער עליה.

— און וואָס איז אַזעלכעס אַ קיבעץ? — פרעגט חנהלע מיט פאַר־וווּנדערונג אין די אייגעלעך.

— אַ „קיבוץ" — זאָגט מען און נישט אַ „קיבעץ"... און דאָס איז... דאָס איז... נו, איך וועל דיר שוין זאָגן אַן אַנדערש מאָל! — קאָן איציקן נישט גלייך דערקלערן.

— אויך אַ קאָלכאָז! — פליט אַריין אין די רייד, דער עלטערער אהרלע און די אויגן קוקן מיט חוזק — אויך דאָ ליגט מען אויף דער קופּע... ווי דאָרט...

— וואָס גייסטו פאַרגלייכן, וואָס? דאָ אַרבעט מען פון באַגינען ביז ביינאַכט ווי פאַר אייגנס. און נאָך דער אַרבעט לערנט מען און מען טאַנצט „האָראַ'ס" און ביינאַכט גייען מען אַרויס היטן מיט אַ ביקס... — קלער איך אויף מיינע קינדער.

— פאַר וועמען היט מען דאָס מיט אַ ביקס? — פרעגט ווידער חנהלע.

— דער שונא זאָל נישט אָנפאַלן...

— איך וואָלט מורא געהאַט דאָרט צו וווינען — זאָגט פאַרטראַכט ווי צו זיך דאָס קינד.

— מורא, דאָ דאַרף מען קיין מורא נישט האָבן... דאָס איז אונזער היים... און דו ביסט נאָך צו קליין אויף אַזוינע זאַכן און דאַרפסט זיך נישט מישן...

איך — עפּעס אַנדערש... איך, ווי נאָר מיר וועלן קומען אויפן נייעם אָרט, וועל איך גלייך גיין אין קיבוץ... זאָגט איציקל, גיט זיך אַ שטעל אַוועק שטייף, ווי ער וואָלט דאָס געווען דער גרויסער און קיינער קאָן אים שוין גאָרנישט זאָגן קיין דעה...

— הע, הע... זעט נאָר דעם צעלייגער!... ער גייט שוין! לאַכט פון אים דער עלטערער. פאַרוואָס יענער מאַכט זיך פאַר אַזאַ העלד — און דער טאַטע האָט שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגן?...

איציקל שיקלט אויס צו מיר אַ באַהאַלטענעם בליק, קוקט מיך אָן, ער וויל מיך חלילה נישט פּוגע בכבוד זיין. ער קאָן זיך אָבער לאַנג נישט איינהאַלטן, ער זאָל דעם עלטערן נישט אָפּענטפערן:

— דער טאַטע וועט אַליין אויך הייסן...

— דאָס ווייס איך נאָך נישט... קאָן זיין, אַז נישט...

— נו, וועט מען זען!... וועט מען זען!... — גיט זיך דער קליינער יונג נישט אונטער, שטעלט זיך אַוועק נאָך שטייפער, פעסטער...

— שטיל זאָל זיין! וואָס איז דאָ פאַר אַ גערודער? — מישט זיך אַריין מיט אַ באַפעלעריש קול ברכהלע — שטיל זאָל זיין, זאָג איך.

זי איז די עלטסטע. האַלט זיך פאַר אַ דערוואַקסענע און לאָזט נישט די חברה צופיל פּילדערן. דערצו איז זי נאָך פאַרלייענט אין אַ ביכל און דעמלט זאָל גאָט שומר ומציל זיין, אַז מען שטערט איר...

עס ווערט טאַקע אַביסל שטילער, אָבער איציקל קאָן לאַנג נישט רויק בלייבן. פּלוצים טוט ער אַ שפּאַן צו צו מיר, שטעלט זיך אַוועק פּנים אל פּנים און ווי עס וואָלט אים איינגעפאַלן אותו רגע דער געדאַנק, פרעגט ער:

— טאַטע, פאַרוואָס הייסט דאָס אָרט, וווהין מיר פאָרן, „מחנה ישראל״?

— פאַרוואָס עס הייסט „מחנה ישראל״? וואָס איז דאָ שווער צו פאַרשטיין? פּשוט: דאָרט רוט ישראל, אַזוי ווי יידן האָבן אַמאָל גערוט אין דער מדבר.

— ניין, טאַטע! אונדז האָט דער לערער געזאָגט אַנדערש, אַז דאָס

איז אַ נאָמען נאָך אַ העלד, וואָס איז דאָרט געפאַלן אין קאַמף מיט די אַראַבער...

— וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אַ העלד און מיט אַראַבער? ווי קומט „מחנה ישראל" צו אַ קאַמף? מען האָט דאָס געשטעלט פאַר די פוילישע מענטשן!... דאָס איז סתם גערעדט!...

— דאָס איז נישט סתם גערעדט, טאַטע, אַז דער לערער האָט געזאָגט, ווייסט ער וואָס ער זאָגט. ער איז אַ געלערנטער מענטש...

אונדזער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן דורכן פלוצימדיקן קער פון אויטאָ, וועלכער איז אַריינגעפאָרן אין אַ נידעריקן טויער, פאַר וועלכן עס האָט זיך געעפנט אַ שלאַבאַן.

דאָ איז, הייסט עס, „מחנה ישראל"!

די פאַרשטערטע שמחה...

צו יעדער שמחה, מישט גאָט צו אַביסל טרויער, אין יעדן ביסל פרייד טריפט ער אַריין דעם ביטערן טראָפּן. קאָן זיין, ער טוט דאָס, כדי דער מענטש זאָל זיך נישט צופיל איבערנעמען...

איך מיין עס אַנטקעגן מיין שטוב. דאַכט זיך: וווּיל און פיין. חתונה געמאַכט מיין ברכהלען, געטראָפן דעם אמתן זיווג, ביז הונדערט און צוואַנ־ציק יאָר; אַ יונגערמאַן — אַ טאַטנס אַ קינד, לייטיש און פיין, איינגע־אָרדנט זיך אין אַ שיינער דירה, מיט מרפסות, מיט אַ שיינעם איינגאַנג, שיינע מעבל, פיינע קיכן־איינריכטונג. טאַקע נאָר ווער צו גאָט האָפט (ווי מיין חיה־רבקה זאָגט: קייזערלעך!) וואָס קאָן נאָך אַ יונג פּאָרפאָלק מער פאַרלאַנגען?

איז טאַקע, אַז איך קום אַריין צו זיי, נעמען זיי מיך אין קרענצל. מען הערט נישט מער: „אבא" — אַהין און „אבא" — אַהער. אַזוי זי, מיין טעכטערל, און אַזוי ער, מיין איידעם, זאָלן מיר זיין געזונט. זיי רינגלען מיך אַרום פון בײדע זייטן: זי פון איין זייט, ער פון דער אַנדערער און מען פירט מיך אַרום אין אַלע ווינקלען מיר ווייזן זייער פאַרמעגן: אָט דאָ, טאַטעשי, האָט מען צוגעקויפט אַ ניי שענקל צו ספרים, צו ביכער, זעסט? דאָ, אַ פינקלדיק, פּאָלירט ראַדיאָ־טישל, דאָ אַ נייעם זשיראַנדאָל, אַ ניי פוירהענגל און דאָ ווידער עפּעס אַנדערש און דאָרט ווידער עפּעס אַנדערש. זיי ווייזן מיר אָן אויף יעדער קלייניקייט און מיט אַזאַ פריילעכ־קייט און די פּנימער שיינען ביי זיי מיט אַזאַ ליכטיקייט, ווי זיי וואָלטן מיר געוויזן זייערע גרעסטע דערוואָרבענע אוצרות.

זיי קוקן מיר אַריין אין די אויגן, צי איך פריי מיך און אַז זיי זען —

יאָ, פרייען זיי זיך נאָך מער, ווינקן זיך איבער, כאַפּן דערווייל צווישן זיך, אַזוי אויף דער גיך, אונטער מיין רוקן, אַ שטיף, אַ גלעט, אַ צערטל, אַ קוש, דער טאַטע זאָל נישט זען און אפשר זאָל ער גאָר יאָ זען... ווער ווייסט זיי די היינטיקע חברה? איך קוק מיך נישט אום, נישט מיין עסק, זאָלן זיי הנאה האָבן, די קינדער, פון לעבן. ס׳איז דאָך זייער וועלט, זייער יינגע בליאונגס־צייט.

קוועלט אין מיר טאַקע אָן ס׳האַרץ, ס׳וואַקסט אין דער ברייט, ווי מיין חיה־רבקה דריקט זיך אויס. און אין דער אמתן, ס׳קאָן דען ווער אָפּשאַצן מיין גליק: כ׳האָב חתונה געמאַכט אַ קינד, דערצו אַוועקגעגעבן אין די הענט אַריין פון אַזאַ ווילן, אָרנטלעכן יונגערמאַן. און לאָמיר זיך נישט נאַרן: ס׳איז נישט צוגעגאַנגען ווי אין דער אַמאָליקער היים, ווו דער קאָפּ האָט געמוזט אויסדאַרן, אויסקוואַרן, ווו נעמט מען אויף נדן, אויף אַ שטוב, אויף מעבל. ניין! זי האָט זיך מיט אים באַקענט, אים אַהיימגע־ברענגט, אים פאַר אונדז פאָרגעשטעלט, און ער האָט גלייך געוומען רעדן ווי אַן אַלטער באַקאַנטער. געזאָגט, אַז ער מיט ברכהלען וועלן זיך שוין אַלץ אַליין איינאָרדענען, מיר זאָלן זיך גאָרנישט זאָרגן, ער וויל נאָר אונדזער צושטימונג, אונדזער ברכה. און ער האָט טאַקע מקיים געווען.

געדענק איך דאָס אַלע מאָל און זאָג:

— נו, קינדערלעך, פּאַזשיעט עס געזונטערהייט; נאָר אין פריידן, אין געזונט און לעבן! כ׳זאָל פון אייך נחת האָבן!

— אָמן! — קלינגען ביידע אויס ווי צוויי גלעקלעך, אַזוי ביי־באַנד, מיט פריילעכע קולות — אַ סך נחת זאָל דער אבא פון אונדז דער־לעבן!

זאָל עס טאַקע זיי זיין צום געזונט, זייער פרייען זיך. עס איז דאָך אויך מיין פרייד. אָט גיבן זיי מיך אַ כאַפּ שטיפעריש און זעצן מיך אַוועק צום טיש: „אבא, כאַפּ אַ קאַלטן טרונק, אַ ביסל משקה, אַ ביסל פּירות, קרוכע קיכלעך" — אַ שיינער שבת־אויבסט. מיר זעצן זיך אַרום טיש, מען איז טועם, מען ווינטשט זיך „לחיים" און אין דער שטיל דאַנק איך דעם רבונו של עולם פאַר דעם גוטס, וואָס ער האָט מיט מיר געטאָן, דעם חסד, מיט מיין קינד.

אַזוי און נאָך מיט מער שטיפערישע צערטלעכקייט נעמט מען אויף די מוטער. יעדעס מאָל דאָס אייגענע, ווען זי קומט פון זיי אַהיים (זי איז דאָרט מער ווי אין דער היים) איז זי פול מיט שמחה, זי שטראַלט אינ־גאַנצן פון מאַמישן גליק. די מאַמע קאָן זיך גאָרנישט אויסדערציילן פון די מעשיות, פון די געלויבערייען: „ס׳קינד האָט אָפּגעקאָכט אַ ביסל עסן — ס׳טעם גן־עדן... אָפּגעבאַקן אַן עוגה — מעג מען עס נאָר אַרויס־שטעלן אין שוי־פענצטער... און ווידער האָט מען געקויפט און ווידער האָט מען באַשטעלט און ווידער האָט מען געבערענגט... און די שטוב איז שוין אַ פּאַלאַץ, און ס׳איז שוין דאָ אַ נייע גרויסע ספּה און קליינע, פּיטשע־מאָנקישע נאַכט־שענקלעך און נאָך און נאָך.

און מיינע, זאָל לעבן, האַלט אין איין שעפּטשען, אין איין אָפּ־שפּרעכן: אָן עין־הרע, אָן עין־הרע! קיין בייז אויג זאָל נישט שולט זיין!

איז דאָך ווויל און גוט, האַ? קאָן מיר אָבער דער רבונו של עולם נישט פאַרגינען אינגאַנצן און טוט אַריין אין דעם ביסל גליק דעם טראָפּן סם און שוין: ס׳קריגט שוין אַן אַנדערן טעם!...

ויהי היום... איינמאָל, ווען איך האָב מיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט און חיה־רבקה איז פונקט געהאַט אַהיימגעקומען פון אַ באַזוך ביי די קינדער, זע איך ווי זי איז מיר אינגאַנצן משונה צורה... דער קאָפּ הענגט אַראָפּ, דער גאַנג אַ פאַרלאַנגזאַמטער, אַ פאַרשטילטער, אין די־אויגן עפּעס פאַרטראַכטס, פאַרהוילנס, ווייטיקדיקס. זי איז אינגאַנצן נישט די זעלבע חיה־רבקה.

— וואָס איז, חיה־רבקה? — בלייב איך שטיין — וואָס ביסטו עפּעס אַזוי נישט אַהין און נישט אַהער?

— כ׳ווייס, ברכהלע... זי פילט זיך עפּעס נישט אינגאַנצן געזונט...

— שטאַמלט זי קוים אַרויס.

— נישט געזונט? וואָס עפּעס פּלוצים?

— כ׳ווייס אַליין נישט... זי איז עפּעס נישט מיט אַלעמען...

זע איך, אַז ס׳איז האַלבע רייד, זאָגט עפּעס יאָ, זאָגט עפּעס נישט, באַהאַלט, שיקט מיך שוין אַליין אַהין: „גיי טו אַ קוק, שנעלער, למען השם!...״ טו איך מיך שנעל אָן דאָס אויבערשטע בגד און לויף נאָך שנעלער

צו זיי אַוועק. איך קום אַריין — ווי איז מיר! וואָס פֿאַראַ נישט געזונט? זי איז דאָך חרוב־קראַנק. וואָס סאַראַ פּנים? — אַ טויטנס איז דאָך שענער! זי ליגט אין בעט. דער שטערן אַרומגעבונדן מיט אַ ווייס טיכל, אין די באַקן קיין טראָפּ בלוט נישטאָ. די ליפּן בלוי. די הענט אויך עפּעס ווי דינער געוואָרענע, ליגן אויסגעלייגט אויף דער קאָלדרע בלייכע, אָן כּוח — גאָרנישט דאָס אייגענע קינד!

— וואָס איז דאָ געשען? — שריי איך אויס, נישט מיט מיין קול — וואָס פֿאַראַ פֿאַרענדערניש איז דאָ געקומען מיט איין מאָל? וואָס איז דאָ פֿאָרגעקומען? צ׳זאָלט מיר שוין זאָגן!

ביידע שווייגן. מען ענטפֿערט מיר נישט, ווי זיי וואָלטן חלילה פֿאַרשטומט געוואָרן.

וואָס ענטפֿערט עץ מיר נישט? פֿאַרוואָס באַהאַלט עץ פֿון מיר? צי בין איך אַ טאַטע, צי ניין?

— זי איז נישט געזונט... — קרעקט ער קוים אַרויס ווי אַ חדר־יינגל, און אַליין איז ער אויך ווייס ווי קרייד, מיין איידעם.

— אַז זי איז נישט געזונט, דאָס זע איך דאָך אַליין. אָבער וואָס איז דאָ געשען?

— טאַטע, פּייניק מיך נישט. דער קאָפּ טוט מיר ווי! — פּישטשעט זי אַרויס פֿון בעטגעוואַנט און די שטים איז ביי איר אַזאַ שוואַכינקע, ווי פֿון אַ קליין פֿאַרשלאָפֿט קינד, קוים צו הערן.

זע איך דאָך, אַז די צרה איז מיינע און איך קאָן פֿון זיי גאָרנישט אַרויסבאַקומען און איך טאָר נישט פֿאַרזוימען די מינוט. שלעפּ איך אים אַריין, מיין איידעם, אין צווייטן חדר און זאָג צו אים שטרענג ווי אַ טאַטע.

— זאָלסט מיר שוין זאָגן, וואָס דאָ איז געשען, הערסט! איך בין אַ טאַטע!

שטייט ער, נעבעך, און ציטערט ווי אַ בלאַט אין ווינט, וויל זיך־שיער צעוויינען, זאָגט קוים אַרויס די ווערטער:

— די אמא ווייסט אַלץ... מיר איז שווער צו רעדן...

— די אמא ווייסט אַלץ?!...

רעד איך מיט אים שוין גאָרנישט, הייב מיך אויף און לאָז מיך־

צוריק אַהיים. איך גיי נישט, נאָר עס טראָגט מיך איבערן וועג. וואָס איז דאָ געשען, גאָטעניו? די גאַנצע מעשה איז דאָך פאַר מיר אַ רעטעניש. חיה־רבקה זאָל פאַר מיר אויסבאַהאַלטן? דאָס איז דאָך גאָרנישט געווייג־לעך! איך טרעט אַריבער די שוועל: — תשעה באב אין שטוב. זי זיצט אויפן ברעג בעט, פאַרבראָכן די הענט, קלאָגט אין זיך אַריין, ס׳חורבן...

— וואָס איז דאָ געשען? — האָב איך כמעט ווי אויסגעשריגן — דו ווייסט דאָך יאָ! וואָס פאַראַ באַהעלטעניש פאַר מיר? — און ס׳האַרץ פאַלט אין מיר שיער נישט איין, זי זאָל מיר נישט זאָגן, חלילה, עפּעס אויסטערלישס.

— פרעג נישט. — אַן אומגליק האָט זיך אויסגעגאָסן אויף מיין קאָפּ...

— אָבער וואָס? זאָג מיר! צאַפּ מיר נישט אויס דאָס בלוט!

— זי האָט זיך קאַליע געמאַכט... ווי איז מיר...

— וואָס קאַליע געמאַכט? — האָב איך אין די ערשטע מינוטן נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי רעדט צו מיר און באַלד זיך געכאַפּט אויף דעם ווייבערישן לשון...

— קאַליע געמאַכט... קאַליע געמאַכט... — זיצט זי און וויגט דעם קאָפּ אין ביידע זייטן, ווי אַן אָבלטע, חלילה, רעדט אין זיך אַריין — זי האָט נאָך נישט געוואָלט האָבן...

— און דו האָסט געוווּסט און מיר גאָרנישט דערציילט? דו... דו...

— געוווּסט, געוווּסט, צו מיינע אומגליקן — לאָזט זי מיך נישט אויסרעדן, — זיי האָבן נישט געלאָזט דיר דערציילן, אָנגערעדט, כ׳זאָל דיר נישט זאָגן, האָבן מיר געגעבן צו פאַרשטיין, זיי זענען שולדיק פון אַלע זייטן, פאַרן מעבל, פאַרן ראַדיאָ, פאַר דער ספּה, פאַר אַנדערע זאַכן און זיי קאָנען זיך נישט דערלויבן איצט אַזאַ „לוקסוס".

זי אַליין, אונדזער קינד, האָט געטענהט, זי וויל נישט אַרומגיין איצט מיט אַ „בויך", זיין געבונדן. זי מוז גיין אַרבעטן... און דאָס פאַרנעמט נישט לאַנג... מען שפּירט אפילו נישט... און באַלד איז אַלץ גוט... מיין פינצטער מזל... האָט חיה־רבקה זיך צעלאָזט אין ווייבערישן געוויין. כ׳בין טאַקע אַ מערדערין... כ׳בין!... — צעיאָמערט זי זיך נאָך מערער — מען דאַרף

מיך משפטן... איך בין שולדיק... איך האָב צוגעלאָזט... אַן אַלטע בהמה, האָב איך מיך געלאָזט אָנרעדן... ווי איז מיר!...

— ווי — אַהין, ווי — אַהער, וואָס וועט שוין העלפֿן דאָס וויינען... ס׳אומגליק איז דאָ און מען מוז זען עפּעס טאָן, זי ראַטעווען. איך בין געלאָפֿן צום דאָקטאָר, געפֿאַלן אים צו די פֿיס: טייערער דאָקטער, ראַטעווע מיין קינד! אפשר דאַרף מען דאָס... אפשר בלוט... וועל איך געבן, נעם וויפל דו ווילסט, ראַטעווע מיר מיין קינד.

הקיצור, וואָס וועל איך ברייען. דער דאָקטער האָט זיך געדרייט אַריין און אַרויס. איך מיט מיינער זענען געלעגן גאַנצע טעג ביי זיי אַרומגעגאַנגען אַרום איר ווי וואַרטאָרינס. מיר זענען נישט אָפּגעטרעטן פֿון איר בעט אַ מינוט. מיר האָבן זי געלייגט, מיר האָבן זי געהויבן, מיר האָבן זי געוואַשן, געפּלעגט. כ׳האָב געוויינט און נאָכאַנאַנד תפילה געטאָן צום רבונו של עולם, ביז מיר האָבן שוין דערלעבט צו זען פֿון איר אַ פּרייען קוק, אַ שמייכעלע, ביז מיר האָבן געזען ווי ס׳פּאַרציט זיך שוין אַ ביסל פֿאַרב אויף איר הויט.

וואָס אַן אמת, האָב איך געהאַט אויף איר תרעומות, אַזוי ווי גע־ברוגזט זיך אויף איר. זי האָט דאָס געזען און באַמיט זיך מיך צו איבער־בעטן, מיך אָנגענומען ביים אָרבל, אַ גלעט געטאָן איבער דער האַנט, געקוקט אויף מיר מיט אַ בעטנדיקן בליק, צוגעזאָגט: מער וועט זי שוין אַזוינס נישט טאָן:

— מער נישט, טאַטעשי... געטאָן אַ נאַרישקייט... זיי מוחל!...

אַ טאַטע איז דאָך אַ טאַטע, כרחם אב על בנים... און איז מוחל. נאָר טראַכטן טראַכט איך מיר, אַז ס׳איז אַ פֿאַריסענע וועלט און כ׳האָב עס זיי אויך געזאָגט:

— זעט עץ, קינדערלעך, כ׳וואָלט צופרידענער געווען ווען די שאַנק איז אַ פּראָסטערע, די שטולן נישט קיין געבעטע, פּשוטע, די פֿוירהאַנגען נישט אַזוינע אויפּרייסנדיקע, די זשיראַנדאָלן נישט מיט קיין פֿינף לאָמפּן, נאָר דערפֿאַר איז דאָס לעבן רויקער, מען דאַרף נישט אָנקומען צו אַזוינע זאַכן, מען רייסט נישט אָוועק פֿון זיך ס׳געזונט און מען פֿאַרזינדיקט זיך נישט צו גאָט.

נאָר גיי רעד, אַז דאָ איז אַזאַ מאָדע. אַז אין ערשטן יאָר וול מען שוין זיין דאָ איינגעאָרדנט מיט אַלע פּיטשעווקעס. אין דער אַלטער היים האָט מען געזאָגט, אַז דאָ אין ארץ־ישראל באַדאַרף מען נישט מער, ווי אַ פּאָר לייוונטע הויזן און אַ לייוונט העמד און שוין איז מען פּאַרטיק... זעט אויס, אַז ס׳איז נישט אַזוי. און כאָטש מיין ברכהלע איז אַ שטיל קינד, אַ גוטע, אַ באַשיידענע, נאָר דאָס פּאַרקוקן זיך אויף אַנדערע, דאָס מקנא זיין: אַנדערע טוען אַזוי... אַנדערע גייען אַזוי... אַנדערע לעבן אַזוי... וויל מען נישט אָפּשטיין, אַלץ נאָכטאָן און ס׳ברענגט צו אַלע צרות, נעבעך צו אַלע אומגליקן.

אָבער איך וועל נאָך מיט זיי רעדן דערוועגן, געבן זיי צו פאַר־שטיין, זיי זאָלן מיך האָרכן און פירן זיך אַנדערש און זיי וועלן זען ווי וויל ס׳וועט זיי זיין.

דאָס פרעמדע קינד

א

דער וועג האָט זיך געשלענגלט באַרג אַרויף. אַ נייער, אַ שיינענ־דיקער, אויסגעבעט אין נייעם חצץ, באַזוימט פון בײדע זייטן מיט גרינע פּאַסן פעלד, האָט דער וועג אויסגעזען ווי אַ שיינער ווייסער טעפּיך. איצט, אין די פרימאָרגן־שעהן האָט ער אַרויסגעגעבן פון זיך אַזאַ היץ, געבריט די פיס, ווי ס׳וואָלט אונטער דער ערד געברענט אַ פייער און אָנגעגליט דאָס געשטיין.

נחום גרינשפּאַן האָט זיך געהויבן איבערן וועג אַרויפצו, געשפּאַנט מיט אַ לוסטיקן טראָט, ווי איינער, וואָס איילט צו עפּעס גוטס, צו אַ גליק־לעכער באַגעגעניש. עס האָט אים נישט געאַרט דער אָנגעשרפּעטער חמסין, וואָס האָט אים געסמאַליעט איבערן לייב, געקניפּט די באַקן, אפילו נישט דאָס אַליין זיין אין דער געגנט, דאָס קלעטערן הויך אויף אַ שווערן וועג — גאָרנישט האָט געקאָנט משפּיע זיין אויף זיין פייערלעך צעשמחהט געמיט.

וואָרעם געגאַנגען איז ער איצט צו זיין ריוועלע, זיין אָפּגעפונען ווייב, זיין טייערער פריינט, וואָס דער גורל האָט זיי געהאַט אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן, און וועלכע ער האָט איצט אומגעריכט צוריק אָפּגע־פינען.

ריוועלע! ער האָט זיך דאָך שוין נישט געריכט אויף איר! נאָך יענעם טאָג, ווען ס׳לעבן האָט זיי אַזוי אַכזריותדיק צעטיילט. אים פאַרוואָרפן אין טיפן רוסלאַנד און איר — און אַן אַנדערן עק וועלט — ערגעץ אין אַ בונקער, איז דאָך שוין אַדורך אַזאַ לאַנגע צייט. ער האָט שוין געהאַט פאַר־

לוירן יעדע האָפענונג אויף איר. און אָט איצט נאָכן אַהערקומען אין דער יידישער מדינה, דורך אַ קורצער צייט, איז אים אָנגעזאָגט געוואָרן די גליק־לעכע בשורה, אַז זיין ריוועלע לעבט, געפינט זיך דאָ אין לאַנד, אין דער מושבה. איצט גייט ער אַהין און וועט זיך באַלד מיט איר זען.

אין זיינע צעוואָרעמטע געפילן פון דעם גליק, וואָס שטייט אים פאָר און וואָס האָבן זיך מיט יעדן זיך דערנענטערנדיקן שפאַן מער געשטאַרקט, האָט דאָך אַ געדאַנק ,ווי אַ קאַלטער טראָפּן, וואָס פאַלט צודריגנלעך אויף אַ דערוואַרעמטן קאָפּ־שאַרבן, אים געוועקט, ניכטער געמאַכט, איינגעלאָשן אויף אַ ווייל די פרייד: דאָס קינד!...

...אין זיין פאַרוואָגלטקייט אין דער פרעמד, אין ווייט אָפּגעלעגענעם קאַזאַכסטאַן, אין זיין עלנטער עקזיסטענץ, ווען דער חלף איז געלעגן אויף זיין האַלדז, האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט מערי פרידקין, אַ יונגע געזונטע פרוי, וואָס דער מאַן איז געפאַלן אין קריג. זי האָט אויף אים רחמנות באַקומען, אים אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, אים דערהאַלטן ביים לעבן.

ער האָט וואָס אַן אמת, איינלעבנדיק זיך מיט איר, שוין מער נישט געטראַכט וועגן אַהיימקערן זיך צוריק קיין פוילן. אויף ריוועלען מיטן קינד האָט ער מער נישט געהאָפט, הערנדיק וואָס דער דייטש האָט דאָרט אָפּ־געטאָן, און וואָס האָט ער נאָך געהאַט צו זוכן אויף יענער ערד? בפרט ווען זי, מערי, האָט אים שוין געהאַט געבערענגט אויף דער וועלט אַ שיין מיי־דעלע, אַ גאָלד געלאָקטס, מיט בלויע אויגעלעך. האָט ער ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט דאָ צו פאַרבלייבן, אָפּלעבן מיט איר, מערין, דאָס לעבן.

אין די לעצטע מינוטן איז אָבער געשען מיט מערין אַן אומגליק. זי איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ וואָגן, מיט וועלכן זי האָט צעפירט ברויט פון דער בעקעריי, געקראָגן אַ מוח־דערשיטערונג און אין אַ שטילן פרי־מאָרגן אָפּגעשטאָרבן. דעמלט האָט ער זיך דערזען צוריק ווידער אַליין, עלנט. ער האָט געכאַפּט זיין בינטל זאַכן, די צוויי יעריקע אַניעלע און זיך אַהיימגעלאָזט.

אָט די אַניעלע, איז איצט דער שאָטן אויף זיין צעשיינטער זון, איבערן גאַנצן וועג פלאָגט אים, פייניקט אים אַזאַ שפּיזיקער געדאַנק, ווי אַ מיק

וואָלט דאָרט געזעסן און געשטאַכן: וואָס וועט איצט זיין? וואָס זאָל ער זאָגן? און ווי וועט זי רעאַגירן? און צי זאָל ער באַלד אויסדערציילן, אָדער צוואַרטן אויף דער געהעריקער מינוט? ער האָט נישט געקאָנט צוטראַכטן קיין ריכטיקע עצה.

דערווייל האָט נחום זיך אויפגעהויבן הויך ביזן שפּיץ באַרג, דערזען ווי ס'דאָרף לייגט זיך אים אויס צופיסנס. עס האָבן זיך אויסגעטיילט די ערשטע קזשאַקעס, די ערשטעביימער, די דעכער פון די הייזלעך. און באַלד איז אַלץ געוואָרן אַזוי בולט, אַלץ האָט גענומען אַקעגנטאַנצן. ס'האָט אים אַרומגענומען דערפון אַזאַ פלאַמיקע אומגעדולדיקייט און אויך דערפרייאונג, אַז ער האָט אין אַלעם פריערדיקן פאַרגעסן. אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער לופטן, ווי ער וואָלט אַלץ אָפּגעווישט, אויפגעהויבן די פיס מונטערער און גענומען ממש אונטערשפּרונגען.

ב

ווען נחום איז אַריינגעקומען אין דער ערשטער לאַנגער גאַס, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי גלייכע רייען, ווייס־אויסגעקאַלעכטע הייזלעך, געהילט אין אַ סך גרינס, האָט ער זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, אַרומגעקוקט זיך, געזוכט ווערטער צו פרעגן. אַרום איז געווען שטיל, ליידיקלעך, ווי פאַרמיטאָג־שעה אין אַ דאָרף, ווען אַלץ איז פאַרנומען אין פעלד. פון איין הייזל נאָר, איז אַרויסגעקומען אַ יונגע פרוי אָנגעטאָן אין אַ היימיש, ווייס־לייוונטן קלייד און שטוב־לאַטשן אויף די פיס. דערזען זיך דערנענטערן אַ פרעמדן מענטשן, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביים שוועל, פאַרלייגט מיט דער האַנט אַ דעכל אויף די אויגן און זיך איינגעקוקט.

ס'האָט אים אַ שטויס געטאָן צו איר: גיי, פרעג זיך, אפשר ווייסט זי... נחום איז צו צו דער פרוי און — אוי ווי! — ער האָט שוין נישט באַוויזן צו פרעגן קיין וואָרט. אַ ציטערדיק געשריי האָט פאַרטויבט די לופט. ער איז געבליבן שטיין ווי אַ בלינדער מיט פאַרקערטע אויגן־ווייסלען, געטאַפּט מיט די הענט די לופט, באַוועגט מיט די ליפּן, נישט געוווסט, צי ער רופט מיטן מויל, צי מיטן האַרץ:

— ריוועלע! ריוועלשי!... ריוועלע קרוין!

— נחום! נחומשי! נחום קרוין!...

אוןביידע זענען זיי געלעגן פֿאַרשלייפֿט איינער אין אַנדערנס אָרעמס, ווי צוגעשמידטע, זיך געשטיקט מיטן געוויין ווי צעהעשעטע קינדער, קוים געקאָנט אַרויסברענגען פֿון זיך דאָס וואָרט. אַ מינוט האָבן זיי זיך אָפּגעלאָזט איינער פֿונעם אַנדערן, אָנגעקוקט זיך צי איז דאָ נישט קיין טעות, צי איז דאָס אַן אמת, און באַלד ווידער צוגעפֿאַלן, נאָך הייסער זיך איינגעפּלאָכטן, איינגעשטעמעט זיך, צוהאַלטנדיק זיך איינס ס'אַנדערע, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט זיך אָפּלאָזן, מען זאָל זיי ווידער נישט אַוועקנעמען, צעטיילן, צעשיידן.

זיי האָבן ביידע נישט געזען ווי אַזוי זיי זענען אַרונטערגעקומען אונטער אַ דיק שטאַמיקן בוים, וואָס איז געשטאַנען אין רוקן פֿון הויז און האָט מיט זיין ריזיקן געצווייג געשפּרייט אַ שאָטן אין אַ גרויסן קרייז ווי אַ ריזן־שירם. זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויפֿן יונג־גרינעם ווייכן פּוך־גראָז, ווי אויף אַן אונטערגעשפּרייטן דיוואַן און האַלטנדיק זיך ביי די הענט — געקוקט זיך אין די פֿאַרטרערטע אויגן. מיט דער גליקזעליקייט פֿון פֿאַרבלאָנדזשעטע קינדער, וואָס האָבן ווידער געטראָפֿן צו זייער היים, האָבן זיי זיך אָפּדערציילט פֿון יענער אומגליקלעכער צייט, פֿון זייערע אומגליקלעכע איבערלעבענישן און צום סוף פֿון זייער, דורך גאָט געהאָלפֿענער, נצול געוואָרענער שעה.

נחום האָט איר דערציילט פֿון זיינע בענקשאַפֿטן נאָך איר, פֿון זיין עלנטקייט און ראַנגלען זיך פֿאַרן קיום, פֿון זיינע אויפֿגעגעבענע האָפֿענונגען נאָכאַמאָל זיך מיט איר צו זען, אָדער בכלל אַהיימקומען אַ לעבעדיקער... זי האָט אים איבערגעגעבן ווי זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן, אָפּגעפֿינצטערט די יאָרן אין אַ גרוב, ווי ס'קינד איז איר אויסגעגאַנגען אויף די הענט... און דערנאָך ווען זי האָט דערלעבט די פֿרייהייט, איז זי געלאָפֿן איבער לענדער, געזוכט אים, און אויך ווו אָפּצורוען זיך פֿון דער שווערער פּיין, ביז זי איז געקומען אין לאַנד אַריין, צו געפֿינען מנוחה מיט דער באַהאַלטענער האָפֿענונג, אַז זי וועט אים דאָך דאָ אָפּגעפֿינען... היינט האָט זי עס דערלעבט.

אין זיין צעכלינעטער פרייד, האָט ער פאַרגעסן וועגן אַלעם וואָס עס האָט אים געפּייניקט אויפן וועג. ער האָט איצט גאָרנישט געדענקט. אָבער ווי אַ זאַך וואָס האָט כסדר געשווערט אים אויפן האַרצן און געזוכט זיך אָפּצולערן, האָט עס אים געשטויסן אויך וועגן דעם צו דערציילן. ער האָט דערציילט אומקלאָר, מיט איילנדיק־טומלענדיקע, פאַרשלונגענע ווערטער. דערציילט וועגן מעריך, וועגן זייער צייטווייליקן צוזאַמען זיין, וועגן איר ראַטעווען אים פון אַ זיכערן טויט, וועגן קינד... און כסדר זיך ביי איר עפּעס געבעטן: רחמנות האָבן! זי זאָל זיך אויף אים דערבאַרעמען און אים מוחל זיין, ער האָט עס געטאָן אין אַ מינוט פון אונס!...

זי, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער צערוישטקייט, ווי פון אַ שטאַרקן געטראַנק, אַליין ווי אין האַלבן שכרות, האָט זיך נישט פאַנאַנ־דערגעקליבן, וועגן וואָס ער רעדט, ווי די רייד וואָלטן פאַרבייגעפלויגן פאַרן געהער און האָט מיט צעשטרייטער פריילעכקייט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, גוט, גוט! גאָר וויל! ס׳געפעלט איר... פאַרוואָס נישט? — ווי זי וואָלט גאָר צופרידן געווען, וואָס ס׳האָט אים געקענט איינפאַלן אַזאַ גוטער געדאַנק און מיטברענגען מיט זיך אַ גרייט לעבעדיק וועזן...

— גוט, גוט... — האָט זי אָפּגעענטפערט מיט פרעפלדיקע ליפּן, נישט וויסנדיק אַליין וואָס זי זאָגט — שאַ, וויין נישט! מען דאַרף נישט!...

און ביידע האָבן זיך אויפסנייַ צעוויינט. נישט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן זיך ביי זיי אָנגעזאַמלט אין משך פון די גאַנצע פיינלעכע יאָרן און זיך איצט געריסן מיט שטראָם ווי פון אויפגעעפנטע קוואַלן. זיי האָבן געהאַלטן אין איין צערטלען זיך, אין איין טרייסטן און דערביי גע־פילט ווי אַלע שווערקייטן רינען אָפּ. ווען זיי האָבן זיך איינגעקוקט אינעם אַרום, האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז אַלץ וויינט און פרייט זיך מיט מיט זיי.

זיי האָבן זיך ענדלעך באַרויקט. ער האָט איר דערציילט, אַז ער האָט זיך שוין צוביסלעך איינגעאָרדנט, אַרבעט ביי זיין סטאָלער־פאַך. ער האָט אויך אַ וווינונג הגם נישט קיין גרויסע, ווייטלעך אַרויס פון שטאָט. אָבער עס וועט דערווייל גוט זיין, ס׳וועט זיי סטייען, ביז... ער וועט זיך אַ נעם טאָן מיט נייע כוחות אויפבויען זייער לעבן.

ער האָט זיך איצט אין איר איינגעקוקט, געעזן ביי איר די זעלבע שיינע ברוינע לאַכנדיקע אויגן, די זעלבע דיך־געשניטענע ליפּן, וואָס האָבן תמיד אין זייער שמייכל באַהאַלטן עפּעס לאָקנדיקס, שיינס. זי איז אויך געוואָרן פולער, אויסגערונדיקטער, געטראָגן אין זיך שוין די ברוינע רייפקייט פון דער ישראל־זון, אָבער דאָך איז געלעגן אין איר עפּעס אַ באַהאַלטענע מידיקייט — סימנים פון יענע שווערע אַדורכגעלעבטע ליידן.

— דו ביסט שיין, ריוועשי — שענער פון פריער, אַזוי זאָל איך לעבן! און וועסט נאָך שענער ווערן... האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט.

— זאָגסט דעם אמת? — האָט זי גליקלעך געשמייכלט און דאַנקבאַר געקוקט אים אין די אויגן, פאַרצויגן די ליפּן און אַרויסגעוויזן אירע ווייסע ציין. פּלוצים איז דער שמייכל פון איר פנים געוואָרן אָפּגעטון, דער שטערן האָט זיך געקנייטשט, די אויגן זענען פאַרלאָפן מיט טרויער. זי האָט זיך צעכליפּעט.

— וואָס וויינסטו ווידער? — האָט ער צערטלעך געפרעגט.

— ס׳קינד... ס׳טייערע חנהלע..: ווי זי האָט געשטרעקט די הענטלעך צו מיר, כ׳זאָל זי ראַטעווען... וואָלט זי דאָ מיט אונז געווען, וואָלט שוין אַלץ גוט געווען...

— נו שוין, וויין נישט... וואָס קאָן מען טאָן... מיר זענען נישט די איינציקע... מען מוז פאַרגעסן... מילא, מיר זענען נאָך יונג... באַרויק דיך, ריוועשי... גאָט וועט אונז נישט פאַרלאָזן...

לאַנג האָבן זיי זיך נאָך אָפּגעפרייט, אָפּגעשליאָכצט, אָפּדערציילט ביז זיי האָבן דערפילט אַ מידיקייט און הונגער. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און אַריין אין איר קליין, דאָרפיש שטיבל.

ג

צומאָרגנס זענען זיי געגאַנגען אין זיין היים — אַ באַשיידענע וווי־נונג, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפט אין אַן אַלטער שכונה נעבן דער גרויסער שטאָט. ריוועלע האָט בעתן אַריינקומען אין די געסלעך זיך אַרומ־געקוקט, אָבסערווירט. די הייזלעך זענען געווען קליינע, נידעריקע, אַלטע,

דער וועג איז טיילווייז נישט געווען ברוקירט, מיט בערגלעך, מיט גריב־לעך. ווינטער־צייט האָט זיך דאָ באַדאַרפט זאַמלען קאַלוזשעס וואַסער. זי האָט גאָרנישט גערעדט, מיטגעגאַנגען ווי אַ קינד וואָס מען פירט עס ביי דער האַנט אין אַ פרעמדער געגנט. צום סוף זענען זיי צוגעקומען צו אַ ברוין געפאַרבט הייזל, מיט אַ ברוינער אָפּגעשלאָסענער טיר אויף אַ שלאָס.

— אָט דאָס איז מיין וווינונג — האָט נחום אָפּגעזיפצט מיט פריי־דיקער פאַרלייכטערונג.

די צוויי קליינע צימערלעך האָבן זיך דווקא אויסגעוויזן ציכטיק, נישט מיאוס, באַשטעלט מיט אַלטע און נייע שטיקלעך מעבל, וואָס נחום האָט פאַר זיך אויסגעאַרבעט. די ווענט באַפּוצט מיט פאַרביקע ביליקע בילדלעך און די פענצטער פאַרהאָנגען מיט פאַרהענגלעך.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ גענייט באַלעבאָסטיש אויג, באַ־טראַכט אַלץ אויף דער שנעל און אַ ניי וואַרעם געפיל איז אין איר אויפגע־גאַנגען: אַ געפיל פון ווערן צוריק אַ ווייב פון אַ מאַן, אַ באַלעבאָסטע פון אַן אייגענער היים. נישט וועלנדיק שטערן די שטילקייט און די אייגענע אינערלעכע גערירטקייט, האָט זי געשפאַנט מיט אַ שטילן טראָט, אָנגערירט יעדע קלייניקייט מיט שפּיצן פינגער, צאַרט, איידל — מיט אַ דערפרייונג: וואָס דאָס איז שוין אירס ווי זיינס. זי האָט אויך אין יעדער זאַך דערקענט זיינע געשיקטע הענט, זיין מענערישע ענערגיע, זיין באַלעבאַטישקייט, זיין נישט אָפּלאָזן זיך.

— ס'זאָל זיין אין אַ גליקלעכע שעה פון אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן, מען זאָל שוין קיינמאָל נישט זיין צעשיידט — האָט זי פרום־האַרציק גע־זאָגט.

— אמן, אויף אייביק — האָט ער אויך אַזוי האַרציק אָפּגעענטפערט און צוגעטוליעט צו זיך איר קאָפּ. זיי האָבן זיך אַרומגענומען און צעקושט ווי זיי וואָלטן אַצינד אויפסניי אָפּגעשלאָסן זייער חתן־כלהשאַפט.

*

אין געציילטע מינוטן אַרום, איז ריוועל שוין אַרומגעגאַנגען דאָ אַ היימישע, געווען שטוביק אָנגעטון: אין אַ לייכט זומערדיק רעקל,

אַ קאָלירט פאַרטעך, מיט שלייקעס אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען און ווייכע שטוב־לעטשלעך אויף די פיס. זי האָט געפּלאָטערט פון איין ווינקל צום צווייטן, געגרייט די אָוונט־מאָלצייט — די ערשטע סעודה אין איר נייער היים. פון דער געשטריקטער טאָרבע האָט זי אַרויסגענומען דעם איינקויף, וואָס זיי האָבן זיך איינגעשאַפט גייענדיק איבערן וועג: ברויט, פּוטער, קעז, גרינוואַרג. עס איז־געסדרט אויף אַ ווייס סערוועטל. פון שענקל האָט זי אַרויסגענומען צוויי, פון לאַנג שוין נישט גענוצטע גלעזער, איבערגע־ווישט דעם דינעם שטויב פון זיי מיט אַ פריש קיכהאַנטיכל. אַריינגעקוקט אין צעשפּיגלטן גלאָז, געשמייכלט: אָט האָט אויך איר לעבן אויפגעשיינט, אויפגעשפּיגלט!.... אין איר צעמחיהטקייט, האָט זי נישט באַמערקט, ווי נחום איז אויף אַ רגע אַרויס און נישט לאַנג זוימענדיק, זיך אומגעקערט מיט אַ קינד אויפן אָרעם, וואָס ער האָט עס צוריק גענומען פון אַ שכנה. זי האָט מיט אַ פאַרוווּנדערטן שמייכל זיך איינגעקוקט, עס באַטראַכט, אַ גלעט געטאָן דאָס קעפּעלע, לייכט, צאַרט, ווי מ׳באַרירט אָן אײדעלע פלאַנץ, וואָס מען האָט מורא מען זאָל נישט אָנטאָן שאָדן. זי האָט עס גענומען צו זיך און אַ פרעג געטאָן:

— וועמענס איז דאָס קינד?

— מיינס.

— ?!

זי האָט אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן, אָנגעקוקט מיט אַזאַ פאַר־ווירטן בליק ווי זי וואָלט זיך אָט נאָר וואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ווייסט נישט וווּ זי געפינט זיך און וואָס מען רעדט צו איר.

— ריווע — האָט ער זי אַ וועק געטאָן — איך האָב דאָך דיר דער־ציילט וועגן דעם אַלעמען פריער... האָסטו זיך נישט איינגעהערט?

זי האָט גאָרנישט געענטפערט. אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד פון זיך אויף דער ערד, מיט אַ שנעלע באַוועגונג זיך אַ קער געטאָן האַרט צו זיין פּנים, אַריינגעקוקט אים שאַרף אין די אויגן:

— האָסט געהאַט אַ ווייב?

— יאָ.

— יאָ? — האָט זי קוים אַרויסגעכריפּעט דאָס איינציקע וואָרט.

אירע אָפּלען האָבן זיך פֿאַרויכערט און איר פּנים האָט באַקומען אַ פֿאַרענ־דערטן אויסזען. די פֿריערדיקע פֿרייד, די ליבע פֿאַרוואונדערונג איז מיט־אַמאָל פֿאַרשווינדן ווי אַ רויך. נאָך אַ סעקונדע גליווערדיק קוקן אויף אים, האָט זי זיך אָפּגעקערט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל ווי אַן אונטערגעשניטענע. זי איז געבליבן זיצן אַן אויסגעלאָשענע, אַ מידע, אַן איינגעפֿאַלענע. געגומען קוקן מיט פֿרעמדע אויגן אויף אַלעם, אויף אים, אויפֿן קינד, אויף דער שטוב, אויף זיך אַליין...

נחום איז צוגעפֿאַלן צו איר מיט הייס גערייד, אַוועקגעלייגט זיך אויף די קני. געבעטן זיך, זי זאָל אים מוחל זיין, אויף אים רחמנות האָבן. איר אויסדערציילט ווידעראַמאָל וועגן זיין דעמלטיקער לאַגע, ווי שווער דאָס לעבן איז אים געווען און ווען נישט זי, מערי, וואָלט ער זיכער געווען אומגעקומען, זיך מער מיט איר נישט געזען... זי האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן. אַ צייט געשפּייזט. זי איז אָפּגעשטאָרבן און געבליבן איז דאָס שוועלבעלע. ער האָט זיך דערמיט נישט געקאָנט שיידן... און ער בעט זי: זי זאָל עס ליב באַקומען, זיך באַציען צו דעם קינד ווי אַ מאַמע — נישט צעשטערן דאָס אָפּגעפֿונענע לעבן... ער וועט וויסן ווי איר אָפּצודינען, אָפּצודאַנקען!

זי האָט געשפּירט ווי ס׳פּליצן אויף איר זיינע ווערטער מיט אַזאַ בריענדיקייט, ווי אַ זידיקע פּאַרע וואָס רייסט זיך פֿון אַ דאַמף־קעסל. זי איז געווען אומגליקלעך. פֿיזיש אָפּגעשוואַכט. זי האָט נישט געהאַט קיין כוח — נישט צו פֿאַרלאָזן אים און נישט מוחל זיין. זי האָט זיך געפֿילט נאָך עלנטער ווי פֿריער — נישט געהאַט מער וווהין צו גיין!

נאָך אַ שעה הייסע תּחנונים, האָט די זאָטעניש אין איר דאָך געגומען עטוואָס אָפּרונען, ווערן געקילטער. זי איז ווייכער געוואָרן. זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום קינד, עס נאָכאַמאָל באַטראַכט און מיט ווייכע פֿינגער עס געגלעט איבערן צאַרטן קעפּל. דאָס פּיצעלע עופֿהלע האָט געקוקט אויף איר מיט פֿאַרוואונדערטע אייגעלעך, זיך אונטערגעגעבן די צערטלעכישן פֿון דער מוטערלעכער האַנט און האַלטנדיק זיך מיטן הענטל פֿאַר ריוועס קלייד, האָט עס אויסגערעדט די איינגעחזרטע ווערטער, וואָס דער פֿאָטער האָט מיט איר איינגעלערנט איבערן וועג אַהער:

— אמא׳לע... מאַמעלע... אמא׳לע...
ריווע האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן.

ד

טעג זענען פאַרגאַנגען, צוערשט, מיט שטילן טאָג־טעגלעכן שטוביק־פאַרנומענעם לעבן, מען האָט געטאָן, געאַרבעט, גערוימט, געגעסן, גע־שפּאַצירט. אָבער ווי אַ וואָרעם אין דער פרוכט, האָט אין ריוועלס האַרץ עפּעס געטאָטשעט, געזויגן דעם מאַרך פון ביין, נישט געלאָזט זי צורו. זי האָט דאָך נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער האָט זי דאָרט אַזוי גיך פאַרגעסן, פאַראַטן קאָן מען זאָגן: געכאַפּט אַ צווייט ווייב און באַלד זיך געאיילט מיט ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט. זי האָט נישט געקאָנט פאַרדייען אַלע זיינע אויסריידענישן, פאַרענטפערונגען און נישט געוואָלט אים פאַרגעבן. וואָלט זי אויך אַזוי געהאַנדלט? — האָט זי זיך געפרעגט — האָט זי נישט געוואַרט אויף אים די גאַנצע צייט? און האָט זי נישט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו פאַרבינדן מיט אַ צווייטן? זי האָט עס נישט געטאָן. געלעבט מיט אים אין דמיון, געהאָפט אויף אים און ער — גלייך פאַרגעסן.

אָפּטמאָל אין איר פאַרביטערטקייט, אַז דער כעס איז אין איר אויפ־געגאַנגען, האָט זיך אַלץ אין איר אַזוי צעצונדן נאָר אויסצוברעכן אין אַ מחלוקה. זי האָט זיך אָבער אינסטינקטיוו צוריקגעהאַלטן, זיך געשראָקן. זי האָט געוווסט ס׳וועט זיין אַ ביטערע מחלוקה, וואָס וועט זיכער נישט ברענ־גען קיין גוטס.

דער פאַרדרעגנגטער גרימצאָרן אין איר, האָט איר אָבער נישט גע־געבן קיין מנוחה און דאָס האָט אויך אָפּגעשלאָגן זיך אויפן קינד. זי האָט אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירן דערמיט, נישט געשענקט קיין מוטער־לעכע אויפמערקזאַמקייט. זי האָט אין דעם שוואַלב געזען, דאָס פרעמדע ווייב, דאָס פרעמדע בלוט. ס׳האָט איר געקאָסט כוח. אָבער זיך נישט געקאָנט העלפן. דאָך באַהערשט פון אַן אחריות־געפיל, און אויך פון אַ געוויסן רחמנות, האָט זי דעם קינד געגעבן צו עסן, עס אָנגעטאָן, געוואַשן. אָבער אָן צערטלעכקייט, אָן וואַרעמען שמייכל.

נחום האָט עס געזען, ס'האָט אים ווי געטאָן. ער האָט אַנדערש געמיינט: ער האָט געהאַלטן אַז עס באַדאַרף זיין אירס, ווי זיינס. איז ער דאָך נישט געקומען צו איר ווי אַ צווייטער מאַן, צו אַ צווייטער פרוי. זי איז זיין ערשט ווייב און ער איז איר ערשטער מאַן. אין ליבשאַפט זיך געבונדן. איי, ס'האָט געטראָפן? דאַרף זי פאַרשטיין: די אומגליקלעכע צייט, נסיונות... ער איז געווען הילפלאָז... שוואַך... נישט געפונען קיין אויסוועג — געוואָלט זיך ראַטעווען דאָס לעבן...

אין דער ערשטער צייט האָט ער איר פאַרגעהאַלטן מיט שטילע גוטע רייד. געגעבן איר צו פאַרשטיין. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. ער איז צום סוף מיד געוואָרן און פאַרשוויגן.

אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן עסן, האָט ער גענומען צו זיך דאָס קינד און גענומען עס דערפרייען, ווילן. ער האָט דערמיט געזוכט אויפוועקן אין קינד די הייטערקייט פאַרן גאַנצן אָפּגעאומערטן טאָג און איר, ריוועלען ווייזן, אויף להכעיס, זיין געטרייע פאָטערשאַפט.

ער האָט גענומען זיך דערמיט שפּילן, דרייען, יאָגן זיך אין „קאַץ און מויז", געמאַכט קאָזשעלקעס, אַוועקגעלייגט זיך אויף דער ערד, געבילט, געברומט„ געמיאוקעט, פול געמאַכט די שטוב מיט רוישיקן געטומל. דאָס קינד האָט געלאַכט, מיט אַ קוואַלנדיק געלעכטער, מיטגעקאָלערט זיך, געיאָגט זיך נאָכן טאַטן, געשריגן מיט פריילעכע קולות. — אַבעלע, נאָך! טאַטעליו, נאָך!

איר, ריוועלען, האָט דאָס נאָך מער געקרענקט, צעבייזערט, צעצינדן די נערוון. זי האָט געפילט אַז זיין שפּילן זיך מיטן קינד — טיילט זי אויס פון דער שטוב. זי האָט זיך געזען דאָ פרעמד, איינזאַם, וואָס האָט קיין חלק נישט אין דעם אַלעם, זי איז עפּעס אַ פרעמדע צושויערין:

— וואָס האָב איך אייגנטלעך דאָ צו טאָן און פאַרוואָס דאַרף איךליידן? — האָט זי זיך געפרעגט.

זי האָט מיט אירע געבלוטן געשפּירט, אַז ס'וועט סוף־כל־סוף גלאַטיק נישט אָפּגיין.

איינמאָל, ווען דאָס קינד איז נאָך אַזאַ געליאַרעם, פאַריאַכמעטקייט,

צו איר צוגעגאַנגען, פֿאַרטשעפּעט זיך אין איר קלייד און מיט אַ פרייליכן שטימעלע געדופן: „מאַמע!״ האָט ריוועל אין רוגזה אַ ריס געטאָן דאָס קלייד פון קינדס הענטל, אָפּגעגאַנגען אַ טריט און בייז אַ ברום געטאָן:

— גיי, פּאַפּוגיי... איך בין נישט דיין מאַמע!

נחומען האָט עס אַ ברי געטאָן אין זיין אינגעווייד, ווי מען וואָלט אים פּלוצים מיט אַן אָנגעגליטן אייזן דאָרט אַדורכגעשטאָכן. די ווייסלעך האָבן זיך אים אָנגעצינדן מיט רויטע אָדערלעך. ס׳פּנים — ווייס. פון כעס האָט ער פאַרלוירן דאָס לשון. ער האָט זיך דערנענטערט צום באַליידיקטן קינד און נעמענדיק עס פאַרן הענטל, האָט ער דורך די ציין אַדורכגעזייעט נאָר איין וואָרט:

— מנווולת!

דאָס איז גענוג געווען. ס׳איז געווען דער סיגנאַל פאַרן אָנגעקומענעם שטורעם.

אַ מינוט האָבן זיי זיך ביידע אָנגעקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן. ביי איר האָבן די אַפּלען אַ מאָדנעם אומהיימלעכן פינקל געטאָן, ווי ביי אַ צערייצטע חיהלע, ווען ס׳גרייט זיך צו טאָן דעם שפּרונג. זי האָט זיך אַ שטרעק געטאָן פאָרויס מיטן האַלבן קערפּער. די ליפּן האָבן זיך האַלב געעפנט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן צו וואַרפן עפּעס אַ שרעקלעך וואָרט, נאָר ס׳וואָרט איז געבליבן שטעקן אין דער טיפעניש פון קעל. די וויעס האָבן זיך גענומען זשמורען, ציטערן, צום סוף זיך פאַרצויגן איבער די ווייסלען.

זי איז אָפּגעגאַנגען מיט אַ שווער געוואָרענעם טראָט, אַוועקגעוואָרפן זיך אויף דער קאָזעטקע, באַהאַלטן דעם קאָפּ אין די אָרעמס, ווי אַ הון דאָס קעפּל אונטער די פליגלען און געבליבן דאָרט ליגן מיט אַ פאַרשטיקט געוויין.

ה

אין שטוב איז פון דעמלט אָן דאָס לעבן געוואָרן עלנט, שווער אומדערטרעגלעך. די לופט אָנגעזאַפּט מיט אַ געדיכט קלעפּיקע אַנגסטיקייט,

וואָס האָט נישט געלאָזט אָטעמען. מען האָט נישט געקאָכט, נישט געגעסן, נישט געדרימלט — פוסטע טעג, וויסטע נעכט.ביידע האָבן געטראָגן כעס, ביטערניש אונטערן האַרצן. ביידע האָבן געטראָגן די חרטה, געזוכט דעם וועג צוריק צוקומען און ביידע האָבן אים נישט געפונען.

נחום איז אַרומגעגאַנגען ווי אין עולם־הדמיון, אַן אָנגעלאָזענער, אַן אָפּגעמאָגערטער, מיט פאַרנעפּלטן בליק, ווי ס'וואָלטן אים בעלמעס אָנגעוואַקסן אויף די אויגן. אין די פרימאָרגנס האָט ער זיך אויפגעכאַפּט א מידער, צעדולטער, נישט אויסגערוטער, דער קאָפּ אָנגעטומלט מיט אָפּגעריסענע חלומות, מיט תוהו־ובוהו, מיט אַ שרעק אונטערן האַרצן — אַן יענער פרישקייט, ווי עס שטייט אויף אַ יונגער מענטש פון פרימאָרגן־שלאָף. ס'איז גיכער געווען דאָס געפיל, פון אַ מענטש, וואָס איז געקומען פון אַ ווייטן שווערן וועג און באַדאַרפט זיך ערשט אָוועקלייגן אויסרוען, אָפּשלאָפן דעם טאָג.

„פאַרוואָס אַרבעט דאָס מזל אַזוי משונהדיק אַרום מיטן מענטש?"

— האָט זיך אים געבאָמבלט אין קאָפּ — אָט האָט דאָס לעבן פאַר אים אַ בליץ אויפגעטאָן מיט דער גאַנצער צעשיינטקייט, גליקזעליקייט און שוין האָט עס זיך אויסגעלאָשן. ווידער גייט ער אַרום מיט אַ געפיל ווי ער וואָלט געווען איינזאַם, ווי ער וואָלט געווען אַליין אויף דער וועלט. און פאַרוואָס איז אים נישט באַשערט די מנוחה? ער האָט אין דער גאַנצער שווערער צייט, מיט אַזאַ בענקעניש אויסגעוואַרט אויף דעם ביסל רו — אַ באַצאָלונג פאַר די אַלע אַדורכגעגאַנגענע ליידן. איז עס אים נישט באַשערט.

היינט, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי, האָט ער געהאַט דאָס זעלבע ביטערע געפיל. ער האָט נישט געהאַט קיין כוח און קיין ווילן אויפצוהייבן זיך. מיט שווער̈יקייטן האָט ער זיך קוים אַראָפּגעשאַרט פון געלעגער, זיך פאַרהאַלטן אויפן ראַנד פון בעט און אַזוי אין די נאַכט־וועש געבליבן זיצן. געקוקט אין חלל מיט פאַרווירטן בליק. די מראה ביי אים איז געווען אַ גראָע, אַ געלאָשענע. די באַקן אָפּגעצויגן, די באַוועגונגען — שווערע, פוילע, אָן לעבן, וואָס האָבן צו גאָרנישט געאיילט, גאָרנישט באַ־גערט.

אין פלאָנטערנדיקן קנויל האָט ער זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען און

נישט געקאָנט. ער האָט נאָר געדענקט, אַז ס'איז שוין די דריטע וואָך ווי זיי שווייגן און ס'נעמט נישט קיין ענד. אויך היינט ווי נעכטן וועט דער טאָג אַדורכגיין אַ וויסטער, אַ דריקנדיקער. ער וועט גיין און קומען. ביידע וועלן זיי נישט צווישן זיך אויסריידן קיין וואָרט. יעדער וועט אָפּזיצן אין אַן אַנדערווינקל, אָפּיאָגן דעם אָוונט אין אומעט, אין שווייגעניש.

און ווער איז שולדיק? ער? זי? ער ווייסט שוין אַליין נישט. אפשר האָט ער נישט באַדאַרפט אַרויסכאַפּן זיך מיט אַזאַ שטאַרק וואָרט. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט איינהאַלטן. די באַליידיקונג האָט אים אַ ברען געטאָן. די גאַנצע עלנטקייט, פאַריתומטקייט פון קינד, האָט ער אין דער דאָזיקער רגע דערפילט. ס'האָט אים ווי געטאָן מער, ווי מען וואָלט אים אין פּנים געשפּיגן און דאָס וואָרט איז ווי פון זיך אַליין אַרויסגעפלויגן. און נאָך די פיל אָפּגעגאַנגענע טעג איז דער ברוגז ביי זיי, שוין, ווי אַלט פאַר־באַקן טייג וואָס איז שווער אויפצוברעכן.

אַן אומצופרידענער, אַן אָפּהענטיקער, אַ נישט געקומענער צו קיין סך־הכל, האָט ער זיך אַראָפּגעריסן פון אָרט, אַרויפגעצויגן אויף זיך דאָס אָנטועכץ. אָפּגעוואַשן זיך, אָנגעצונדן די מאַשינקע, אַרויפגעשטעלט צו פאַרבריען טיי, אַראָפּגעגאַנגען נאָך געבעקס, געברענגט פאַרן קינד די מילך און אַליין זיך גענומען צום איבערבייסן.

אין דער צייט פון זיין זיצן ביים טיש און פרישטיקן, איז אין שטוב געווען אַזוי שטיל, ווי ס'וואָלט קיינער מער ווי ער זיך דאָ נישט געפונען. ריוועל איז געלעגן פאַרשטעקט אונטערן בעטגעוואַנט, מיטן דעקל פאַר־צויגן איבערן פּנים, נישט געלאָזט פון זיך הערן קיין שאָרך, קיין אָטעם, קיין קלאַנג, ווי זי וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט. נחום האָט געוווסט זי שלאָפט נישט. אַז דאָס באַהאַלט זי זיך דאָרט אין איר להכעיס, אין איר זיך פיינענדיקע טראַכטעניש, ווי דער יאַזש אין זיינע שטעכערס.

עס האָט אים געצויגן אַ קוק טאָן אַהין. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און פאַרגנבטערהייט, ווי ער וואָלט זיך געהיטן זי זאָל נישט באַ־מערקן, מיטן בליק אַ שאַר געטאָן אין איר זייט. פון קישן האָט אַראָפּגע־האָנגען אַ לאָק פון אירע טונקעלע האָר, געבליבן אין מיטן וועג, אַן איינ־זאַמער, אַ פאַרלוירענער. די פרענע האָט זיך געהויבן, זיך אַראָפּגעלאָזט,

פּאַמעלעך, אין גלייכמעסיקן ריטם, ווי זי וואָלט אַליין עפּעס געהאַט לונגען און געאָטעמט.

נחומען האָט אַרומגענומען אַ טרויער: ווי אַנדערש איז היינט אַלץ פון יענע ערשטע טעג. אין די פריערדיקע פרימאָרגנס, פלעגט ריוועל אויפשטיין מיט אים צוגלייך. צוגעגרייט דאָס פרישטיק. בעת ער האָט זיך געפּאָרעט מיט זיך, האָט זי אים איינגעפּאַקט דאָס פּעקעלע עסן, מיטצו־נעמען צו דער אַרבעט, ווי ער פאַרזוימט דעם גאַנצן טאָג. צוגעוואָרפן אים אַ פּאָר היימישע פריינטלעכע ווערטער: ער זאָל נישט פאַרזוימען ביים אַהיימקומען, וווהין זיי וועלן גיין דעם אָוונט און נאָך וועגן אַנדערע נאָנטע זאַכן. שפּעטער ביים אַוועקגיין האָבן זיי זיך אַ ליבלעכן קוש געטאָן. זי האָט אים באַגלייט ביזן טיר און נאָכדעם נאָך געשטאַנען ביים פענצטער, אים באָכגעקוקט, געפּאָכעט מיט דער האַנט, ביז ער איז פאַרשווינדן — —

אַ סיגנאַל פון אויטאָבוס, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון דער נאָנטער „תחנה״ אין גאָס, האָט אים אויפגעוועקט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן רונדיקן וועק־זייגער, געזען ס'איז שוין שפּעטלעך. ער מוז לויפן צו דער אַרבעט. ער האָט גענומען זיך צואיילן. אויף דער שנעל אויסגעשליקט דעם רעשט טיי, איינגעפּאַקט די פּאָר פּעניצלעך ברויט אין ניילאָן־טעשל, זיך אויפגעשטעלט. ער האָט מיט שטילע טריט זיך דורכגעשאַרט די פּאָר שפּאַן שטוב. זיך אָפּגעשטעלט ביים קליינעם בעטעלע ווו עס איז געלעגן דאָס קליינע פערטהאַלבניעריק אַניעלע, עס אַ קוש געטאָן אין שלאָפנדיקן קעפּל, געוואָרפן נאָך אַ לעצטן בליק אין ריוולס זייט און נישט זאָגנדיק גאָרנישט, נישט געזעגנדיק זיך מיט קיינעם, שטום און שטיל אַרויסגעלאָזט זיך פון שטוב.

ו

ריוועל, וואָס, בעת נחום האָט געטראָטן איבער דער שטוב, איז גע־לעגן אין גליווערונג, כמעט אָן אָטעם, האָט, ווי נאָר ער איז אַרויס, זיך אויפגערידערט. זי האָט זיך איינגעהאָרכט מיט אַ שאַרף אויער, צי ער

איז שוין אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ. נישט דערהערנדיק מער זיינע טריט, האָט זי זיך לויזער געמאַכט, אַראָפּגעשאַרט פון זיך די דעק, אויפגעהויבן דעם קאָפּ העכער, צוזאַמענגענומען די צעשאָטענע האָר, זיך אויסגעלייגט אויף די קישנס און גענומען שלינגען לופט, ווי איינער וואָס איז געלעגן אין אַ פינצטערן דושנעם קעלער און אַרויסגעקומען צוריק אויף דער ליכ־טיקער וועלט. זי האָט געפילט ווי ס׳קילט זיך אָפּ די וואַרעמע פייכטקייט פון לייב, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אונטערן איבערבעט און ווי אינעווייניק אין איר, ווערט אויך עפּעס קילער, לייטיקער און הוילער.

ער איז ווידער היינט אַוועקגעגאַנגען, נישט צוגעקומען צו איר איבערבעטן. און וואָס וועט זיין? וואָס וועט דערפון ווערן? וועט זי לאַנג קאָנען אַזוי אויסהאַלטן? און פאַרוואָס טוט זיך אַלץ אַזוי, נישט ווי דער מענטש וויל?

זי געדענקט די ערשטע מינוטן פון זייער צוזאַמענטרעפן זיך. עס איז געלעגן אין זיי אַ גאַנצע וועלט, אַן אייביקייט! וויפל ליבשאַפט און רחמנות האָט זיך דערוועקט אין זיי, איינער צום אַנדערן! אין יענע גע־ציילטע שעהן, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי האָט פאַר אַלעם געקריגן אָפּ־געצאָלט, פאַר אַלעליידן — זי האָט צוריק אָפּגעפינען איר פאַרלוירענע וועלט, וווּ ס׳וועט קיינמאָל מער נישט שלעכט זיין.

אַצינד איז ווידער אַלץ פאַרלוירן. ווידער איז אַלץ אַרומגענומען מיט מרה שחורה. זי וועט זיך אויפהייבן, אַרומדרייען זיך ווי אַ שאָטן — אַן איבעריקער מענטש. דער טאָג וועט זיך ציען שווער און לאַנג ווי אומ־נייטיק. און שפּעטער ווען ער וועט אַהיימקומען אין אָוונט וועט אין שטוב זיין שטיל, יעדער וועט זיצן אין אַ באַזונדער ווינקל און דאָס שווייגן וועט דריקן ווי אַ שטיין.

און ווער איז שולדיק? זי? ער? זי ווייסט שוין אַליין נישט. זי האָט אפשר נישט באַדאַרפט דעמלט אַזוי האַנדלען מיטן קינד. אמת, זי האָט נישט דאָס קינד געמיינט, נאָר אים. אָבער אויך אים באַדאַרפט זי פאַרשטיין. ער איז נישט אינגאַנצן שולדיק... די צייט... די אומברחמנותדיקע צייט, וואָס האָט אַלץ איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ... און ער איז געוועזן עלנט. און זי דאַרף רחמנות האָבן סיי אויף אים און סיי אויפן שוועלבעלע.

פון אויפגעגאַנגענעם צער, פאַרוואָס זי קאָן זיך נישט באַהערשן, גיט נאָך איר ביטערער אַמביציע וואָס ברענגט איר נישט קיין גוטס — האָט זי זיך געפילט געפּאַלן. זי האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויף אַ זייט, איינגעדעקט זיך מיטן דעקל, ווי זי וואָלט געוואָלט פאַרדעקן דעם ווייטיק. זי האָט געוואָלט צוריק איינדרימלען, פאַרשלאָפן אַ שטיק טאָג, פאַרלייכטערן די יסורים און אויך די קוועלעניש אין די אויגנווינקלען וואָס זי פילט פון נישט דערשלאָפן ביינאַכט לאַנגע שעהן. דער דרימל האָט איר אָבער נישט גענומען. נאָכן אָפּליגן אַביסל צייט, האָט זי זיך צוריק אויפגעזעצט, אויסגעשפּיצט די קניען, אַרויפגעלייגט דעם קאָפּ אויף זיי און געבליבן אַזוי ליגן אַ מידע און אומבאַהאָלפענע: זי מוז אַנדערש מאַכן, אַנדערש! אַז נישט וועט זי זיך עקן! וואָס זאָל זי טאָן, זי האָט אַ ביטערן כאַראַקטער — אַן אַמביציעזן! זי מוז זוכן אַן עצה: זי וועט זיך היינט מאַכן קראַנק, נישט אויפשטיין פון בעט, אַלץ וועט זיין נאָך מער אָפּגעלאָזן. ער וועט אַהיימקומען, וועט זען, וועט ער זיכער צוקומען צו איר...

אָבער נאָך אַן אויגנבליק, איז איר גלייך קלאָר געוואָרן, עס זענען געענדערטע געדאַנקען. זי וועט זיך יאָ אויפהייבן, ס'וועט זיין ווי געוועזן און געשפּירט ווי די צערייצטקייט אין איר הייבט זיך נאָך מער, טוט זי נאָך מער דריקן.

— מאַמע!... — האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ פּישטשענדיק שטימעלע.

זי האָט זיך אויפגעבויגן, אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און געזען ווי ס'קינד שטייט אין בעטל, האַלט זיך אָן מיט די הענטלעך ביי די שטאַכעטלעך. קוקט צו איר אַריבער מיט פאַרשטילטע נאָך האַלב־פאַרשלאָפענע אויגעלעך, וואַרט אויס מיט עפּעס אַ פאַרלאַנג.

ס'האָט זיך אַ וועק געטאָן אין איר דאָס מוטער־האַרץ: אָרעם קינד נעבעך!... זי איז אַראָפּ פון געלעגער, צוגעלאָזט זיך צום קינדס בעטל, עס פון דאָרט אַרויסגענומען, זיך צוריק אַריינגעלאָזט אין בעט, עס אַוועקגעזעצט צו זיך אויפן שויס און לאַנג עס באַטראַכט. איצט ערשט האָט זי מיט שטוינונג באַמערקט, אַז דאָס קינד איז ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך

צו איר פריערדיק חנהלען. דאָס ווי יענץ איז מיטן אויסזען אינגאַנצן געראָטן אינעם פאָטער. ס'איז פאַר איר אויפגעגאַנגען יענץ קינדעריש געשטאַלט, וואָס איז פאַר אירע אויגן אָ געפּייניקטס, איינגעשלאָפן מיטן אייביקן שלאָף. דערזען אירע בלאָע אייגעלעך, די בלאָנדע לאָקעלעך, אירע קליינע ווייס־צאַרטע הענטלעך, וואָס האָבן זיך צו איר געשטרעקט מיט געבעט — אַלץ דאָס זעלבע, ווי יענץ קינד: חנהלע!... אַניעלע!... אוי!...

ס'פאַרפרעסטע געוויין, וואָס איז לאַנג געלעגן אין איר פאַרשטיקט, האָט זיך אויפגעריסן, אויסגעבראָכן אין טרערן גרויסע, ווי גרויסע רעגנ־טראָפּנס. זיי האָבן זיך געקייקלט פון די געעפנטע אויגנקוואַלן, באַנעצט די באַקן, דעם האַלז, אַראָפּגערינען אויפן לייב. ס'זענען געווען טרערן, יסורימדיקע, אויסגעלייטערטע, סיי פאַר איר, און סיי פאַר דעם אָרעם יתומהלע, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט אין אומגליק, אין טעות... און ווי זי וואָלט דערזען אין קינד אויף איר שויס, ביידע נפשלעך פאַר־אייניקט אין איין גופל, האָט זי עס צו זיך צוגעדריקט, געקושט מוטערלעך, געשעפּטשעט: שוועלבעלע... שוועלבעלע מיינס, וואָס ביסטו נעבעך שולדיק?

אַניעלע, דערפילנדיק די אויסערגעוויינלעכע צאַרטקייט און זעענדיק דאָס געוויין פון ריוולס אויגן, האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר קינדערישע, פאַרוווּנדערטע אויגעלעך, צוגערירט די פינגערלעך צו ריוועלס לאַנגע ווימפּערן, געווישט די טרערן, מיטגעשעפּטשעט: מאַמאַ, נייִן, וויין נישט!... און אָנגענומען אַ מינע, ווי זי וואָלט זיך אַליין געוואָלט צעווײנען. ריוועל האָט עס נאָך מער צו זיך צוגעדריקט, באַשמעקט עס, געזאַפּט אין זיך די זיסע וואַרעמקייט און ליבן גערוך פון קינדערישן לייב און געפילט ווי אין איר גייט אויף אַ נייע, זעלטענע באַרויקונג, ווי עס וועקט זיך אין איר די אויפריכטיקע מוטערלעכע מיטלייד. די ערלעכע אויפגעוועקטע ליבשאַפט צום קינד.

אַן אויפגעוואַכטע, וואָס האָט איר אָנגעזאָגט עפּעס גוטס, אַז אַלעס וועט זיך אָנהייבן פונדאָסניי, האָט זי געכאַפּט ס'קינד אויפן אָרעם, און אַ מונטערע דערמיט אַרויס פון בעט.

ז

דער טאָג איז אַדורך ביי ריוולען, מיט שטילקייט, מיט אויסגעלייטערטקייט, ווי ווען נאָך לאַנגן רעגן ס׳קומט צוריק אַרויס די זון. זי האָט דאָס קינד אָנגעקאָרמעט, אָפּגעוואַשן, אויסגעקעמט, אָנגעטאָן אין אַ ריין קלײדעלע און זיך דערמיט אָפּגעגעבן דעם גאַנצן טאָג. זי האָט אין דער טוּאונג אַליין דערפילט אַ מאַמישע הנאה.

אין אָוונט איז נחום צוריק געקומען פון דער אַרבעט. ער האָט, ווי זיין פירונג אין די לעצטע טעג, זיך געגרייט אָפּעסן אין קיכן־ווינקל, זיין אָרעמע טרוקענע מאָלצייט. אָבער ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט אין גרויסן צימער אָנגעטראָפן דעם טיש געגרייט מיט אַ ווייסן סערוועט. אויף אים — ברויט, אַ מעסער, אַ זאַלצמעסטל און אַ פיין צוגעריכטן ירקות־סאַלאַט. ער האָט דערשמעקט אויך געקעכץ. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אַלץ אין וווינונג האָט אים אויסגעוויזן מיט אַן אַנדערע מראה.

נחום האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. אין שטוב איז נאָך געווען שטיל. ריוועל איז געלעגן פאַרהילט אויף דער קאָשעטקע ווי אין די אַלע שטומע טעג. דורך די פענצטער האָט זיך אַריינגעזופּט בין השמשות, געהילט די ווינקלען אין טונקעלן שאָטן. אַריינגענומען ריוולען צוזאַמען מיט אַלע דוממס אין וויכן קנויל.

טאָגס אָטעם האָט אויסגעצאַנקט, איבערגעלאָזט נאָך זיך עפּעס אַ ליידיקייט. נחומען האָט איצט געאַרט די טונקלעניש. ער האָט געוואָלט ס׳זאָל אַלץ זיין אָפן, העל. ער האָט אַ דריק געטאָן ביים שאַלטער. דאָס עלעקטרישע ליכט האָט צעשניטן די פינצטערניש. ריוועל האָט פון פלוצלינגן שיין זיך פאַרכאַפּט מיטן געהילטן זשאַקעטל אויפן אַקסל, די פאַרמאַכטע אויגן. און דאָס קליינטשיקע האָט אויפגעהויבן די אייגעלעך, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענטלעך, זיך צעלאַכט אויפן קולכל, ווי עס וואָלט זיך געפרייט מט דעם אויפטו, מיט דעם שיינעם חדוש — פון מאַכן ליכט.

נחום האָט דערפילט אין דער שטוביקער לופט, אַז עפּעס האָט זיך דאָ געביטן צום גוטן. ער האָט געזען, ווי דאָס קינד איז ריין אָפּגעוואַשן,

צוגעקעמט מיט אַ ראָז בענדל, אָנגעטאָן אין ווייסע זעקלעך, אין אַ ווייס שערצעלע און עפּעס איז דאָ אויך אין ריוועלס ליגן — נאָכגעלאָזנקייט, אָנטשפּאַנטס. פון אירע באַוועגונגען, כאָטש פאַרשטעלטע, ווייעט אַראָפּ אַ ווייכקייט, אַ פרידלעכקייט — איבערגעבעטנס.

„זאָל זי זיך האָבן איבערגעטראַכט? און פאַרוואָס שוויגט זי?" — האָט ער זיך געפרעגט, שלינגענדיק געשמאַקער אָבער מיט אומגעדולד די ביסנס.

ער האָט, נישט ווילנדיק אַליין פאַרוואָס, צוגעאײַלט מיט דער מאָלצייט. פון געוווּנשאַפט האָט ער גענומען די צייטונג אין האַנט, אַרייַנגעקוקט, אָבער גאָרנישט געזען. די אותיות זענען געפלויגן. ער איז געווען פול מיט אויסוואַרטונג, ווי מען וואַרט אויס אַ רעטעניש זאָל זיך אויפלייזן. אין זיין נייגיר, האָט ער אַלעמאָל פאַרטייעט אַרויסגעלויערט, אין איר, ריוועלס זייט. זי איז געלעגן ווי פריער אין זיך באַהאַלטן. דאָס קליינטשיקע איז געקומען צוצוקריכן, גענומען אים רייסן, שלעפּן ביים פוס, געוויזן מיטן הענטל, ער זאָל זיך לייגן אויף דער ערד, מאַכן זיינע קונצן, קאָזשעלקעס, שפּילן זיך מיט איר. ער האָט עס איצט נישט געוואָלט טאָן. ער האָט זיך אָפּגעבעטן ביים פּיצל מיט ווינקן, מיט אַ שטום לשון געוויזן, עס זאָל צוגיין צו איר ריוועלען וואָס ליגט אויף דער קאָשעטע. און מיטאַמאָל, אומגעריכט פאַר זיך אַליין, ווי דאָס וואָרט וואָלט פון מויל אַרויסגעשפּרונגען, האָט ער הויך אַ זאָג געטאָן אויפן קול:

— גיי צו דער מאַמען... אַניעלע... גיי.

דאָס איז געווען דער ערשטער גרוס אויף שלום.

דאָס קליינטשיקע האָט אים אַ מינוט אָנגעקוקט מיט פאַרטראַכטע אייגעלעך און ווי עס וואָלט פאַרשטאַנען דעם טאַטנס מיין, האָט עס ווי אַ גוט שליחל זיך אַהינגעלאָזט צו ריוועלען. צוגעקומען צו דער קאָזעטקע, האָט עס אויסגעצויגן דאָס הענטל און זי גענומען רייסן ביים קלייד:

— מאַמע, טאַטע רופט...

ריוועל האָט אַראָפּגעשאַרט דאָס באַדעקעכץ פון פּנים, אויפגעעפנט די אויגן. געזען דאָס קינד לעם זיך שטיין, האָט זי אויסגעשטרעקט דעם אָרעם, עס אַרומגענומען ביים קעפּל, צו זיך צוגעצויגן.

נחומען האָט אַ בליץ געטאָן אין די אויגן ווי אַ גוטע בשורה. ער האָט אָוועקגעלייגט פון זיך די ציימונג, איינגעקוקט זיך אַהין מיט פאַר־האַלטענעם אָטעם. געזען ווי ריוועל ציט עס אַלץ מער צו זיך צו, לענט אָן איר פּנים אויפן קינדס קעפּל, באַהאַלט די אויגן אין די הערלעך און גלייך האָט זיך געהערט פון דאָרט אַ שטיל פאַרשטיקטער שלוכץ.

נחום איז מיט אַ שפרונג פון אַ יינגל, געווען ביי איר. זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד. מיט זיינע מענערישע פינגער צאַרט געשאַרט איבער איר אַקסל און מיט אַ קול וואָס איז געווען פייכט, אָנגעזאַפּט מיט רחמנות, מיט בקשה, און איבערבעטונג, גערופן:

— ריוועלע... ריוועלשי... שויך, באַרויק דיך... זיי מוחל! איך האָב נישט קיינעם, מער ווי דיך!...

ריוועל האָט נאָך נישט באַלד געענטפערט. געלאָזט דעם קאָפּ רוען אויף זיין האַנט. אָפּגעטריפט פון זיך די לעצטע טראָפּן יאָמער. ער האָט זי אויסגעבויגן צו זיך. זי האָט אויפגעעפנט אַ פּאָר פייכטע פון טרערן אויסגעוואַ־שענע אויגן, וואָס פון זיי האָט שוין אַרויסגעקוקט העלע אויפלייכטונג, פאַרלייכטערונג און ווי ער האָט געזען — צו אים פאַרצייאונג. פון דעם אַליין איז אים געוואָרן גוט און גרינג. ער האָט זי אַ קער געטאָן אינגאַנצן אין זיין זייט, מיטביידע הענט זי אַרומגענומען. אַריינגענומען אויך דאָס קינד, און אַלע דריי זענען זיי געבליבן אין אַ פאַרטוליעט, פאַרשלייפטע פאַרייניקונג.

אין שטוב איז מיטאַמאָל אַלץ געוואָרן גרינגער, אויפגעבונדענער, פריילעכער. דאָס ליכט — ליכטיקער, די לופט — פרייער צו אָטעמען. ס'האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט געהאַט פאַרלוירן אַ טייערע באַליבטע זאַך, געזוכט עס אָן אויפהער, געטרויערט אויף דער אבידה, און אָט האָט עס זיך פלוצעם אָפּגעפינען... צודריקנדיק צו זיך, איר פּנים, האָט ער מיט אַ שטיל ציטערדיק קול, דאָרט אַריינגערעדט:

— ריוועלשי, דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל!... אַ שאָד אונ־דזערע טעג!... מיר האָבן זיך גענוג אָנגעליטן — איצט באַדאַרפן מיר זיך באַר פרייען!...

אַ וואַרעמער קוש איז געווען איר הסכמהדיקער ענטפער. דערנאָך

האָט זי זיך אָנגעבויגן איבערן קינדס קעפּל, עס צערטלעך אַ קוש געטאָן, אַ נעם געטאָן עס אויף דער קני און געשעפּטשעט:

— עס וועט זיין מיינס ווי דיינס... אייגנס!...

דאָס ברעקעלע זעענדיק זייער פריילעכקייט און ווי דערפילנדיק דאָס גוטע וואָס איז אַריינגעטראָטן אין דער שטוב, האָט אויך געשטרעקט דאָס פּיסקעלע צום קושן און מיט שמחה מיטגעלאַכט.

מאַן און ווייב האָבן זיך איצט צום צווייטן מאָל אָפּגעפינען.

די קראַנקן־שוועסטער

— בתיה !... בתיה !...

דורך די מיט שאָטקע פאַרשטעלטע פענצטער, פון די קליינע בית־חולים־חדרים זיפּט זיך אַדורך דאָס ערשטע פרימאָרגנליכט, שאַרט זיך מיט שטילע ווייכע טריט ביי די ווענט, ווי ס׳וואָלט זיך געהיט נישט אויפצו־וועקן די קראַנקע, פאַר וועמען שלאָף איז די בעסטע רפואה. די קראַנקע וועקן זיך יאָ איבער. אויסגעמאַטערטע פון קראַנקן־געלעגער, אין דערוואַרטונג יעדע רגע אויף עפּעס אַ גוטע ענדערונג, זייענדיק אַפילו אין שלאָף האַלב וואַך, איז, ווי זיי וואָלטן מיט זייערע שטאַרק עמפּינדלעכע חושים וואָס נאָר ליידנדע האָבן, דערפילט די ענדערונג אין דער נאַטור — קומען זיי אויף. זיי קומען אויף מיט צעטומלטקייט, מיט בלאָנדזשעניש אין זייערע בליקן, וויסן נישט אין די ערשטע מינוטן ווו זיי געפינען זיך. קוקן זיך אַרום אויף אַזוי פאַרלוירן, קוקן אַריבער איינער צום אַנדערן אין די בעטן, באַטראַכטן זיך, ווילן זיך עפּעס דערמאָנען און ערשט ווען זיי באַנעמען זייער לאַגע, זייער יש, נעמען זיי מיטאַמאָל, ווי אַן איינגעשטעלטער כאָר, רופן :

בתיה !... אחות !... בתיה !...

דאָס רופן זיי די הויפּטשוועסטער פון דער כירורגישער אָפּטיילונג, די געניטע בתיה, די גרויסע מבינטע, די שטאַרק־דערפאַרענע, זייער פריינט, וואָס העלפט זיי שטענדיק אין אַלץ און אַלעמען. זיי רופן מיט אָפּגעריסענע זיך ברעקלענדיקע קולות, מיט קרעכצן, מיט זיפצן. זיי ווילן זי זאָל זיך פאַר זיי באַווייזן, פאַר איר קאָנען אויסדערציילן זייערע קוועלע־

נישן, זייערע ענגענישן, וואָס האָבן זיך נאָך מער אָנגעזאַמלט איבער נאַכט און זי זאָל זיי העלפֿן, כאָטש מיט עפּעס, פֿאַרלייכטערן די יסורים.

בתיה איז אין די גאָר־פֿריִע באַגינענס שוין דאָ. אַרומגענומען אין בלענדנדיק־ווייסן כאַלאַט אַרום אירע שמאָלע לענדן, דעם שניי־ווייסן אויסגעקראָכמאַליעטן טשעפּיק פֿאַרזעצט אויף די קאַשטאַן־ברוינע האָר ווי אַ הויב, די ווייכע ווייסע לעטשלעך אָנגעשנאַלט ביי די קנעכלעך — באַוועגט זי זיך מיט שטילן געפֿלאַטער איבערן האַלב־טונקעלן קאָרידאָר ווי אַ שמעטערלינג אין דעמער; טויכט אויף, פֿאַרשווינדט, טויכט ווידער אויף, שוועבט פֿאַרביי די טירן ווי אַ ווייסער פלעק, ווייזט זיך און פֿאַרשווינדט ווידער.

בתיה הערט אַלע קולות. דערקענט אַלע שטימען. זי ווייסט, ווער פֿון זיי ס׳קאַפּריזעוועט, גיט זיך נאָך זיינע צעפּיעשטשעטע פֿאַרלאַנגען, זיינע דאַכטענישן; וועמען ס׳טוט אויף אַן אמת ווי און באַדאַרף זי האָבן — און ווער עס וויל סתם, זי זאָל צוקומען צו זיין בעט, אַ קוק טאָן, באַרירן די וווּנד, אויסריידן צו אים אַ גוט וואָרט, ווייזן אַ פֿריינטלעכן שמייכל. זי ווייסט אויך, אַז איר אָנוועזנהייט מאַכט זיי גוט. מיט איר צוקומען און זיי אויסהערן, באַרירן זייערע ווייטיקדיקע ערטער און אויסרעדן אַ היימיש מענטשלעך וואָרט, דאַכט זיך זיי אויס, די פֿאַרשלאָפֿטע, אַז ס׳ווערט זיי שוין דערמיט גרינגער. אָבער נאָכגעבן זיי צופֿיל טאָר זי נישט. קראַנקע מענטשן זענען ווי צעפּיעשטשעטע קינדער — זיי קאָנען פֿאַרמאַטערן.

אָבער אַז ס׳געשריי ווערט גרעסער, הילכיקער, אומגעדולדיקער, פֿאַרלירט זי די רו, קאָן זיך מער נישט צוריקהאַלטן און שווימט אָן צום טיר, בלייבט שטיין אין ביישטידל. געהילט אינגאַנצן אין בלענדיק־ווייסן, פֿעלט איר נאָר אַ פּאָר פליגל, זי זאָל ווי אַ גוטער מלאך מיט זיי אַרומנעמען די קראַנקע.

— נו, איך בין דאָ... וואָס איז?... — קלינגט אָפּ איר אַביסל שטרענגלעכע שטים.

אין קראַנקן־צימער ווערט שטיל. אַלעמענס אויגן, פֿון אַלע געלעגערס, שטרעקן זיך צו איר. אויגן פֿון פֿאַרשידענעם קאָליר, פֿון פֿאַר־

שידענעם אויסדרוק, און עלטער אָבער אַלע פול מיט געבעט און תחנונים וואָס רופן: קום צו מיר, בתיה, קום צו מיר!... העלף מיר!

בתיה נעמט אַדורך מיט איר געפּרוּווטן, דערפאַרענעם בליק אַלע בעטן אין צימער און שוועבט צו צו איינעם אַזאַ בעט; שטעלט אָן איר שאַרף, בלייך עטוואָס נזיריש פּנים, מיט די גרויסע אַדורכדרינגלעכע אויגן. באַטראַכט דעם צום מאַטראַץ־צוגעקאָוועטן מענטש, טוט אַ באַריר, אַ באַטאַפּ ערגעץ אויפן לייב און נעמט גלייך איבערבינדן. דער קראַנקער וואָס וויל תמיד ריידן, אויסדערציילן פון זיינעליידן, פון זיינע מחלות, פּרוּווט אַרויסברענגען זיינע ערשטע שטאַמלענישן: אָט, דאָ... דאָ... אוי, אוי — דאָ טאַקע. דאָ טוט וויי... אוי... אוי!...

בתיה טוט אַ שאַר מיט די פינגער איבער יענעמס מויל — ער זאָל שווייגן. זי ווייסט שוין אַליין אַלץ: דאָ קוועלט, דאָ דאַרף מען איבערבינדן און ס'איז איבעריק זיין רעדן... און אירע הענט אַרבעטן שוין מיט זייער שנעלקייט. אירע שמאָלע פינגער־שפּיצן שפּאַצירן איבער יענעמס לייב, איבער זיין ווּנד, מיט אַזאַ עלאַסטישקייט, ווי קינסטלער־הענט איבער קלאַווישן, צעבינדן מיט ווּנדערלעכער לייכטקייט און געשיקטקייט דעם באַנדאַזש, וואַרפט אָפּ די אַלע אַלטע פאַרקנייטשטע פּלאַסטערן, גאַזעס, לייגט צו פרישע, פאַרשמירטע מיט קילע זאַלב, פאַרבינדט צוריק מיט דער זעלבער גרינגקייט און שרייט אָן אויף יענעם מיט שוועסטערלעכער שטרענגקייט: ער זאָל ליגן רויק, זיך נישט אַזויפיל נאָכגעבן, ער איז גאָרנישט אַזוי קראַנק, ווי ער רעדט זיך איין... און בכלל גייט צום בעסערן...

— אוי, בתיהשי... בתהישי... חביבה... וויל דער קראַנקער זי מפייס זיין מיט לויב־ווערטער, וויל זי אָננעמען ביים האַנט, איר נאָך אַביסל פאַרהאַלטן, זאָגן איר עפּעס דאַנקבאַרס, גוטס. בתיה וואַרט אַ קליינע רגע אָפּ, ציט זיך לייכט צוריק, טוט אַ צערטלעכן פּאַכע מיט אירע פריינטלעכע, אָבער אומעטיקלעכע אויגן איבער יענעמס פּנים און פאַרשווינדט.

— איי, זי האָט מיך דערהאַלטן ביים לעבן, געראַטעוועט, בחיי! — צעגייט זיך ערשט דער קראַנקער אין זיסער אַנטציקונג, ווי ער וואָלט אין דער מינוט אויף אַן אמת דערפילט די ריכטיקע רפואה — לאַנגע יאָרן

אויף איר, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז, וואָס פאַר אַ גאָלדענע הענט דאָס האָט!

— וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר... עס איז דאָך זי גאָרנישט אָפּצושאַצן... — רופט זיך איבער אַ קראַנקער, אַ שכן פון צווייטן בעט — נעכטן ווען כ׳האָב זיך געפילט שלעכט, געמיינט כ׳גיי אויס איז זי צוגעקו־מען און מיר געטאָן עפּעס אַן איבערלייג, איז עס געווען, ווי מען וואָלט מיר די ווייטיקן מיט דער האַנט אַוועקגענומען...

— אַז זי איז אַ געבענטשטער מענטש, איז דאָך נישט שייך... גייט ס׳מזל מיט איר מיט... — רופט זיך אָן אַ דריטער.

און אַזוי גייען איר נאָך די ברכות און לויבערייען, איר, די דורך אַלעמען געשעצטער בתיהן.

ב

בתיה ווייסט, אַז די קראַנקע האָבן זי ליב. זי ווייסט, אַז איר נאָמען ליגט אויף זייערע אַלעמענס ליפּן, מען האָט גערן איר אָנוועזנהייט, איר טואונג, מען ווינטשט איר דאָס בעסטע. און כאָטש ס׳טוט איר הנאה, ווי יעדערן מענטש ווען מען געדענקט אים צום גוטן, מען לויבט אים — אָבער איינשטילן איר פאַרבאָרגענעם ווייטיק, איר אינערלעך שטיל טליענדיקער בענקשאַפט, קאָן עס נישט.

פון די יונגע יאָרן אָן האָט אין בתיהן געפלעמלט אַ לעכצנדיק געפיל זיך אָפּצוגעבן מיט עפּעס גוטס און נוצלעכס. אַוועקגעבן איר לעבן פאַר עפּעס גרויסעס און שיינס. עס איז צו איר באַוווסטזיין נישט דערגאַנ־גען קלאָר אין וואָס צו געשטאַלטיקן איר שטרעבונג. נישט געוווּסט ווהין דערלאַנגען. געזוכט, געזוכט, ביז זי איז אַוועק אין יידישן שפּיטאָל אין וואַרשע צו ווערן אַ קראַנקן־שוועסטער. דאָס צוהעלפן די קראַנקע אין זייערע נויטן, פאַרלייכטערן זיי די ליידן, האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון דעם גוטס, וועגן וועלכן זי האָט געחלומט. זי איז אַריין אין שפּיטאָל מיטן גאַנצן פייער פון איר יונגער נשמה און פאַרגעסן אין גאַנצן אין איר פערזענלעך לעבן. פון דעמלט אָן איז זי ווי אַוועק פון זיך. נישט געזען

ווי די יאָרן פאַרגייען, פאַלן אָפּ ווי די בלעטער אין האַרבסט, פון איר לעבנס־בוים. זי האָט פאַרגעסן אויפצובויען אַ שטוב, אַן אייגענע היים, פאַרשאַפן זיך אַ לעבנס־פריינד, געבירן און דערציען קינדער — פאַרוועבן אַ היימיש משפּחה־לעבן.

אין די ערשטע צייטן האָט דאָס באַדינען די קראַנקע געמאַכט איר פאַרגעסן אין אַלע אַנדערע זאַכן. ס'האָט איר זעל געוואַרעמט, דאָס אַרומ־פליען אין איר ציכטיק־ווייסן גאַרדעראָב, צווישן די ווייס־געפאַרבטע שפּיגלדיקע ווענט; דאָס איינהערן זיך אין די קראַנקעס שטימען אין וועלכע ס'איז תמיד דאָ געבעט, אַ רופן נאָך רחמנות, נאָך הילף. ס'האָט איר גע־וואַרעמט דער גליענדיקער בליק פון זייערע אויגן, דאָס שטרעקן צו איר די הענט, דאָס כסדרדיקע רופן, און עפּעס אַזוי באַזונדערס איר נאָמען, דאָס זאָגן איר שבחים, לויב־רייד, און בעיקר דאָס אַרויסווייזן איר ליב־שאַפט, פריינטשאַפט. דאָס אַלץ האָט געמאַכט וועקן אין איר, רצון און אָפּפערוויליקייט.

שפּעטער האָט זי זיך צו דעם צוביסלעך צוגעוווינט. בתיה האָט אָנגעהויבן נאָך עפּעס אַנדערש בענקען — נאָכן שורשדיקן, נאָך פּערזענ־לעכס. זי האָט זיך אַרומגעזען: אַ מענטש באַדאַרף האָבן עפּעס מער! עפּעס אייגנס! ביי איר איז דאָ אַ גרויסער בלויז!

דאָס אַנדערע אויסגעבענקטע איז נישט געקומען. די יאָרן האָבן זיך געלייגט אויף אירע אַקסלען, ווי פאַרצויגענע קאָרע־הייטלעך אויפן בוים. זי האָט געבענקט צו ענדערן און נישט געוווסט שוין ווי אַזוי.

ווען די עלטערן זענען אַריבער קיין ארץ ישראל, איז זי מיטגע־גאַנגען.

זי איז אָנגעקומען אין אַ קליינעם, אָבער ציכטיקן שפּיטאָל, ערגעץ אין אַ ישוב אויפן שרון און מיט נייעם ברען זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, מיט נייע אויפגעוועקטע האָפענונגען, וואָס זענען פונקט אַזוי נישט מקוים געוואָרן ווי די ערשטע.

היינט, ביי אירע שוין אַביסל איבערגעצייטיקטע יאָרן, וואָס דער־קלעטערן ביזן פערטן צענדליק, זענען די שפּיטאָל־ווענט געבליבן אין איר לעבן, דאָס איינציקע אין וואָס זי האָט זיך אָנצוהאַלטן.

ג

דעם גאַנצן טאָג זשומעט בתיה אַרום ווי אַן אומדערמידלעכע בין איבער דעם קליינינקן אָבער זייער זויבערן, מיט זון־באַגאָסענעם שפּיטאָ־לעכל. אַלץ פון איר אָפּטיילונג איז אויף איר קאָפּ, אויף אירע אויגן, אין אַלעם מוז זי אַריינבליקן. זי טוט אַכטונג אויף דער באַשפּייזונג פון די קראַנקע, אויף דער ריינקייט, אָפּאַטרונקעס, איבערבינדונגען — אַלץ וואָס טוט זיך אָפּ אין דעם גרויסן לאַנגן שפּיטאָל־טאָג. אין די נאָכמיטאָג־שעהן באַגלייט זי אין זיין באַזוך דעם שטאַרק געאַכטעטן, שטיל־שווייגנדיקן הויפּט־דאָקטאָר, וואָס זיינע טריט זענען פּונקט אַזוי חשיבותדיק און געמאָסטן ווי זיינע רייד. און וואָס זעט אויס אין אירע אויגן ווי דער פּולקאָמסטער מענטש און צו וועלכן זי טראָגט אין דער שטיל גוטע צערטלעכע געפילן.

דער דאָקטאָר פירט אַדורך זיין נאָכמיטאָג־וויזיט אַרום די קראַנקע. בתיה באַגלייט אים מיט אַ פייערלעכער ערנסטקייט. די קליידער אויף איר זענען נאָך פרישער, שפּיגלדיקער, אָן אַ פּגימה. דער טשעפּיק פאַרזעצט אָן אַ זייט — יינגער און חנעוודיקער. זי רעדט ווייניק, ווייזט אים אָן מיטן ווונק, מיט שטילע האַלבע ווערטער, אויף די קראַנקן־טאַבעלעס, וואָס הענגען צופּיסנס אויף די בעטן, אויף די באַזונדערע אונטערגעשטראָכענע צייכנס פון פאַרשידנקאָליריקע בלייערס — די שטימע געהיימע שפּראַך זייערע — און אויף באַזונדערע קראַנקע. זי דערלאַנגט דעם דאָקטאָר, צו דער רגע, דעם נויטיקן אינסטרומענט, די נויטיקע פליסיקייט, דעם נויטיקן פלאַסטער און לאָזט נישט אַראָפּ די בליקן פון דאָקטאָרס איידעלע זיך באַוועגנדיקע הענט און אויך נישט פון זיין, הגם שוין נישט־יונגן, אָבער זער פיינעם, איידעלן פּנים. דער גאַנג מיט דעם דאָקטאָר, איז פאַר איר די פאַר גוטע פאַרטרוימטע מינוטן אין איר שווערן טאָג.

פון שפּיטאָל גייט בתיה אַוועק שפּעט אין אָוונט, ווען מען לעשט שוין די לאָמפּן און ביי די קראַנקע שליסן זיך די אויגן צום שלאָפן. איב־דרויסן איז אַ שטאַרקע באַוועגונג. ס'אָטעמט די גרויסשטאָטישע אָוונטיקע אויפלעבונג. אַרום איז רוישיק, טומלענדיק און קלינגענדיק. עס שרייט מיט לעבן, מיט באַגער. עס רייסט אין ערגעץ, עס ציט וואוהין. אויך איר רייסט,

ציט ערגעץ וווהין, דאָרט ווו עס שטראָמען די אויסגעפּוצטע פאַרלעך: אין די קינאָס, אין די קאַפעען, אויף שפּיל־פּלעצער, אויף פאַרשידענע פאַרווײַלונגס־ערטער. דאָ אין גאַס איז איר תמיד ענג. זי ווערט אומרויק און דערשראָקן. זי זעט אַן אַנדערע וועלט, אַ וועלט וואָס איז דאָרשטיק, וואָס לעבט, אָטעמט, געניסט, פרייט זיך. און וואָס איז זי דאָ אין דעם צעברויזטן שפּיל? גאָרנישט. אַ שאָטן וואָס שלייכט זיך שטיל, אויף וועלכן מען לייגט נישט קיין אַכט, מען זעט נישט, מען שטויסט זי אַראָפּ אין אַ זייט — עפּעס פרעמדס, וואָס קיינער דערקענט נישט! ניין, זי מוז אַוועק פונדאַנען.

זי לויפט שנעל איבערן וועג אַהיים. אויף איר צוגעוווינטן אויסגעטרעטענעם שטעג, ווי זי וואָלט געוואָלט וואָס געפלינקער פונדאַנען אַנטרינען. און כאָטש זי האָט פאַרהייראַטע געשוויסטער מיט אייגענע היימען, אַלטע פאָטער־מוטער, וואָס האָבן זייער אייגענע וווינונג, ווו ס׳געפינט זיך אויך איר חדרל אין וועלכן זי קומט אָפּרוען, דאַכט זיך איר אָבער אַלץ אויס, זי איז עלנט, זי איז אַליין, זי האָט נישט וווהין צו גיין.

אין איר צימער אָטעמט זי ערשט פרייער, לייכטער אָפּ. נעמט פון זיך אַראָפּ די אויבערשטע קליידער. ציט זיך אויס אויף דער קאָזעטקע אין דער גאַנצער לענג. לענט אונטער די אַנטבלויזטע אָרעמס אונטערן קאָפּ, גימנאַסטיקירט אויס די לונגען, ציט לאַנגזאַם אַריין און אַרויס דעם אָטעם, ביז זי שפּירט ווי די שווערקייט פון מידיקן טאָג רינט פּאַמעלעך אָפּ. אין דער שטיל־איינזאַמער אַליינקייט גייט אויף אין איר דמיון, אירע יונגע יאָרן. זי געדענקט אירע דעמלטיקע ייִנגע מאַדנע שפּירונגען, וועלכע האָבן איר אונטערגעזאָגט, אַז זי איז נישט באַשאַפן געוואָרן אויף פּראָוויִנציעלן דערפאַלג, אויף אַן עונגדיק לעבן... זי דערמאָנט זיך איר רייסן זיך צו עפּעס... אין ערגעץ... אויף אַלעם האָט געהאַנגען אַ פאַרנעפּלטער שלייער... אין שפּיטאָל אין וואַרשע האָט זי געהאַט אַ חברעט, סאַבקע, אַ יונגע שיינע מויד, פון אַ שטעטל אין לובלינער קאַנט, וואָס איז אויך געקומען קיין וואַרשע צו שטודירן אַלס קראַנקן־שוועסטער. סאַבקע האָט יאָ געהאַט איר קלאָרן ווילן אין לעבן. אין די נעכט פלעגט זי אַריינשפּרינגען צו איר, בתיהן, אויפן געלעגער, זי אַרומכאַפּן, זיך איינטוליען אין איר ליב און מיט הייסן

פליסטער אין איר אַריינשעפּטשען ווערטער פון ליבע, פון גליק, פון תענוג, פון געלט, נסיעות און שיינע בחורים. זי האָט געוועקט אין איר די לוסט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס רייסט דאָס מיידל אַזוי, וואָס מאַכט זי אַזוי אומרויק. זי אַליין געפינט דאָך אַלע פריידן אין דער אַרבעט, אין דער איבערגעגעבנקייט, אין דינען די מענטשן.

היינט איז דאָס אַלץ מער נישטאָ. עס זעט איר אַליין אויס ווי אַ חלום. און איר ווערט וואָס אַמאָל שווערער. ס׳וועקן זיך אין איר אַזוינע פאַרבאָרגענע ווייטיקן, פאַרדראָסן, וואָס מאַכן זי אומגעדולדיק, נערוועז. ס׳קאָסט איר אַ סך כוחות און אָנשטרענגונגען, זי זאָל זיך האַלטן, זיך נישט אָפּלאָזן. עס איז נישט בלויז אַ סכנה מצד די אָנפירערשאַפט פון שפּיטאָל, נייערט אויך מצד די קראַנקע. זיי זענען פילבאַר אויף יעדע מינדסטע קליינקייט, אויף יעדע ענדערונג לגבי זיי, ווי דאָס קוועקזילבער אויף דעם וועטער. אַז זי האָט אַמאָל אין איר צעשטרייטער פאַרגעסנקייט, געהאַט זיך אַביסל אָפּגעלאָזט, נישט געווען גענוג אויפמערקזאַם, נישט גענוג געטאָן אַכטונג אויף די קראַנקע, נישט געוויזן אַזויפיל גרייטקייט און פריינט־שאַפט — האָבן זיי, די קראַנקע, גענומען מורמלען, ברומען, ווייניקער געוופן ליבלעך איר נאָמען, ווייניקער געזאָגט גוטע ווערטער און גענומען האָבן צו איר אָפענע טענות. און איינמאָל האָט אַ קראַנקער אין זיין אומגעדולדיקן ווייטיק, בייז אויף איר אָנגעשריגן, כמעט מיט זידלעריי. זי האָט זיך צעוויינט, זיך אויך עפּעס ווי דערשראָקן און מיט מי גענומען זיך צוריק אין די הענט אַריין. קוים זיך צוריק געכאַפּט צו דער פריערדיקער פלייסיקער אַרבעט.

פאַרפאַלן, זי מוז גיין אין שפּאַן, נישט אָפּשטיין, הינטערשטעליק ווערן אויף אַ טריט.

זי האָט גריילעך נישט באַדאַרפט לכתחילה צולאָזן זי זאָל ווערן אַ קרבן פון זיך אַליין. און הגם אין אירע יונגע יאָרן האָט זי געטראָגן אין זיך עפּעס אַ געפיל, וואָס האָט זי געשטויסן זיך צו פאַראייניזאַמען, האָט זי זיך אָבער נישט באַדאַרפט אונטערגעבן. מיט אַלע מיטלען מיט זיך צו קעמפן, אַרויסרייסן זיך אויף דער ליכטיקער שיין און נישט פאַרשטעקן זיך אין אַ ווינקל פון לעבן. ווייל לעבן איז — קאַמף. ווייל אַלץ ליגט סוף כל

סוף אין מענטשנס אייגענע הענט, אין זיין כוח. מען דאַרף קאָנען ריכטן, פירן דעם רודער פון דער אייגענער לעבנס־שיף.

היינט איז פאַר איר שוין צו שפּעט. צוריקדרייען דאָס ראָד, איז שוין שווער, זי קאָן נישט. און ס׳וועט נאָך אַלץ שווערער און אַלץ מער אַ שאָד. אַ שאָד די פאַרגאַנגענע יאָרן, דאָס נישט אָפּגעלעבטע לעבן, די פאַרוועלקטע חלומות, די אומזיסטע פיינענדיקע טעג. און פאַרוואָס ס׳מזל האָט איר אַזוינס אָפּגעטאָן, ווייסט זי נישט.

אָט אַרבעט מיט איר די צווייטע הויפּט־שוועסטער, חנה, אין דער אַנדערער, „אינערלעכער" אָפּטיילונג. איז די חנה פול מיט לעבן, מיט באַוועגונג, מיט פריילעכקייט, מיט האָפענונג. האָט אַ היים, אַ מאַן, קינדערלעך. דאָס שפּיטאָל איז נאָר ביי איר אַן אַרבעטס־אָרט, אַן איבערגאַנג־צייט פון טאָג, ווי זי וועט באַלד אַהיימקומען צו אירע אייגענע און ווייטער שפּינען דאָס היימישע משפחה־לעבן, דאָס פאַמיליע־גליק. די נאָרמאַלע רויקע פירונג, לייגט זיך אויף חנהס אויסזען ,אויף איר געזיכט. מאַכט עס ווייך, רונדיק, ווייבעריש, צערטלעך־שיין. אויך איר גאַנג איז אַן אַנדערער, אַ וויגנדיקער, אַ צופרידענער, אַ ווייבלעך־חנדלדיקער. זי, בתיה, זעט גוט ווי מענטשן פאַרבליקן זיך אויף איר, קוקן איר נאָך מיט וואַרעמער, צעשמייכלטער הנאה. אויף איר, בתיהן, האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ חותם פון אַ נזירה. איר אַמאָליקע שיינע פיגור, אַ גלייכע, מיט ווייכע אַקסלען, בויגט זיך אויס ווי אַ בוים וואָס איז וויניק דערנערט, האַלטביים אָפּדאַרן. דער האַלדז וואָס איז ביי איר געווען אַ שלאַנקער, אַ ווייסער, פאַרציט זיך מיט דינע קנייטשלעך, די אויגן ווערן מאַט, פאַרלירן דעם גלאַנץ, די נאָז שמאָלט זיך, פאַרשפּיצט זיך, צוויי פאַלדן אין גלייכע ליניעס, ווי צוויי העפטן לאָזן זיך אַראָפּ פוןביידע זייטן נאָזפליגלען אַראָפּ צו די ווינקלען פון מויל — סימנים וואָס זאָגן אויס פון אַ באַצווינגען לעבן, וואָס מען האָט עס נישט אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי, דערשטיקט ווי אַ לעבעדיק וועזן אין איר יינגקייט.

איצט איז שוין שווער אָנצוהייבן פונדאָסניי. אָבער איר ווילט זיך נאָך געניסן. גראָד איצט וועקט זיך אין איר אַזאַ צערנדיקער פאַרלאַנג,

אַזאַ נאָגנדיקע בענקשאַפט, צוריק צוברענגען עפּעס פון דעם פאַרלוירענעם, פון דעם פאַרשפּילטן.

אָבער ווי אַזוי טוט מען עס? ווי קריגט מען צוריק די פאַרלוירענע יוגנט? — —

מיט די דאָזיקע אומרויקע, טריב־פאַרבענקטע מחשבות, דרימלט בתיה איין אויף איר מיידלשן געלעגער, אין איר שטילן צימער, אויף אַ שטילער גאַס, ביי שטילע פּאָטער־מוטער, וואָס וויינען אויך אַזוי אין דער שטיל פון צער, פאַר זייער קינדס פאַרשפּילטן גורל.

*

בתיה כאַפּט זיך אויף ווען טאָג הייבט אָן בלאָסן. אין די ערשטע רגע׳ס קאָן זי נישט צו זיך קומען. זי ווייסט נישט ווו זי געפינט זיך. זי איז פאַרטומלט פון שווערן שלאָף און פון עפּס אַ מאַטערדיקן עול, וואָס וועקט זי כסדר אין דער נאַכט. זי רייבט די אויגן, קוקט זיך אַרום אין דעם האַלב־טונקעלן צימער, שטרענגט אָן דעם זכרון, דערמאָנט זיך, טוט זיך שנעל אַ הייב אויף. טוט אויך אַזוי שנעל אויף זיך אַרויפכאַפּן די קליידער און לאָזט זיך מיט באַזאַכטע טריט, זי זאָל קיינעם נישט אויפוועקן, אַרויס פון שטוב.

דעם גאַנצן וועג, אין גראָ־פאַרוועבטן אויטאָבוס, איז זי נאָך פול מיט איינדרוקן פונעם ביינאַכטיקן פלאָנטער. זי קאָן אַלץ נישט פאַרשטיין, וואָס זענען דאָס די פּיינענדיקע וויזיעס, די מאָדנע זעאונגען, וואָס דער־שיינען פאַר איר דרימלענדיקן מוח און וואָס זענען פול מיט גן־עדן־תענוג, מיט לוסט, מיט כלערליי פאַרגעניגנס. מיטאַמאָל ווערט אַלץ פינצטער, איינזאַמער, שווערער, מדבר׳דיקער, אַלץ איז אויסגעלאָשן און זי איז טויזנט מאָל נאָך עלנטער, אָפּגענאַרטער. צו וואָס טויג דאָס? ווער דרייט דאָס אָן דעם נאַכט־פילם? ווער רייצט זיך דאָס מיט איר? ווער איז דאָס דער, וואָס וועקט אין איר די בענקשאַפטן, טוט זיי אָפּ, שאַפט זיי צוריק, מאַכט נאָך מער פאַרגרעסערן די ווייטיקן, זיי נאָך פאַרשטאַרקערן.

די ספקות און פרימאָרגנדיקע הרהורים האַלטן ביי איר אָן, ביז זי קומט אַריין אין קאָרידאָר פון בית־חולים. די קראַנקע, ווי זיי וואַלטן

דערשפּירט דעם ריח פון אירע קליידער, הערן זיך אין אין אירע טריט, לאָזן אַרויס אין פרימאָרגנדיקער גרויקייט זייער קול אין כאָר:

— בתיה!... אחות!... בתיה!...

בתיה פאַרגעסט דעמלט אין אַלע אירע טראַכטעניש, אין אַלע אירע קלעמענדיקע דמיונישן, זי איז אין איר היים. דאָ, ביי די קראַנקע, ביי זייערע ווונדן, ביי זייערע וויטיקן, ביי זייער רופן — דאָ איז געבינדן איר גורל. דאָ, אין דעם אָרט פאַרגעסט זי אין אַלעם. אַלע אינערלעכע שטרייטן, אַלע חלומות רינען אויס. זי געפינט צוריק איר גלייכגעוויכט, איר שטאַנד־האַפטיקייט.

זי דערשיינט אין ביישטידל פון טיר פון קראַנקן־צימער אין איר גאַנצער ווייסקייט און רופט אויס ווי אין אייגענער אויסלייזונג:

— נו, כ׳בין דאָ! וואָס איז?

זי נעמט אַלע אַרום מיט איר וואַרעמען בליק, לאָזט זיך צו צו אַ בעט און גלייך נעמען אירע הענט אויפבינדן און פאַרבינדן די ווונדן און צוגלייך דערמיט דערפילט זי פאַרלייכטערונג, דערפרישונג, ווי זי וואָלט פאַרבינדן די אייגענע ווונדן.

אינהאַלט

די שטוב

רבקה 7
חיים בינעם 23
גערײַנגל 32
פּאַרנאַכט אין אַלטן שטיבל 41
רבקהס בענקשאַפט צום געבערן 51
װען דער ליבער שבת קודש קומט אָן 63

נאָװעלן

אומעטיקע פרייד 75
באַלד אין פרימאָרגן 80
אין דערנענטערונג פון שקיעה 91
אַז ס'איז באַשערט 100
דער רב און זיין הויז 117

נייע היים

די נייע גרינס־הענדלערין 133
מיר פאָרן אין מחנה ישראל 140
די פאַרשטערטע שמחה 148
דאָס פרעמדע קינד 155
די קראַנקן־שוועסטער 177